STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03910

DER SHVARTSER MONAKH

Anton Pavlovich Chekhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. פ. טשעכאָוו

דער שוואַרצער מאָנאַך

און אַנדערע דערציילונגען

יידיש און פאָרוואָרט פון מרדכי נײַדין.

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", ווארשע

Printed in Poland

A. P. Czechow :: Czarny Mnich

Wyd, „Kultur-Liga", Warszawa 1927

Druk. „Di Welt", Nowolipie 7.

JUN 21 1928

Yd 28-59137

אינהאַלט

אריינפיר	I—XI
דער שווארצער מאָנאך	5
דערציילונג פון אן אומבאוווסטן מענטש	51
די לופטשפרינגערין	161
שרעק	199
וואָלאָדיאַ	219

אַריינפיר.*)

דעם 21־טן יולי 1904 איז אין עלטער פון 44 יאָר געשטאָרבן פון טובערקולאָז איינער פון די באַרימטסטע רוסישע שרייבער — אַ. פּ. טשעכאָוו. געשטאָרבן אינמיטן דער רייכסטער צעבליִונג פון זיינע שעפערישע כּוחות, אין דער פולסטער רייפקייט פון זיין ברייט צעוואַקסענעם פילזייטיקן טאַלענט.

אָנגעהויבן צו שרייבן האָט טשעכאָוו אַלס צוואַנציקיאָריקער סטודענט, אין 1879־80 יאָר. די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז ער גענייט אונטערן צוואַנג פון שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען זיך צוצופּאַסן צום באַדאַרף און געשמאַק פון די לעזער פון פאַרשידענע הומאָריסטישע בולוואַר־זשורנאַלן, אין וועלכע אים קומט אויס צו דריקן זיינע ערשטע שאַפונגען. אָבער אין 1884 יאָר (אין זעלבן יאָר האָט טשעכאָוו אויך געענדיקט דעם אוניווערזיטעט און באַקומען אַ דיפּ-

*) אייניקע דאַזן און אויסצוגן אין דאָזיקן פאָרוואָרט זענען אַרויסגענומען פון דעם אַריינפיר־אַרטיקל פון יעווג. זאַמיאַטין צו טשעכאָווס „אויסגעוויילטע ווערק" (פאַרלאַג אי. גזשעבין, 1922) — מ. ג.

לאָם אויף דאָקטאָר מעדיצין) ווערט ער שוין איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין אייניקע צייטונגען (צווישן זיי אין דער באַוווסטער „נאָוואָיע ווריעמיאַ“) און אַ דאַנק דעם ווערט זיין ליטעראַרישער נאָמען אַלץ מער באַוווסט.

אינגיכן ווערט אויך זיין טאַלענט באַהאַנדלט דורך דער ערנסטער קריטיק; ס׳באַווייזן זיך רעצענזיעס איבער זיין ערשטן דערשינענעם באַנד דערציילונגען; און אין 1888 יאָר, נאָכן דערשיינען פון זיינע פרישע צוויי־ביכער, פסקנט אים צו די וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע די פושקין־פּרעמיע.

ווי בײַ יעדן גרויסן־קינסטלער, ווערט אויך אַצינד בײַ טשעכאָוון זיין שעפערישע אַרבעט גלייכצייטיק אַ קוואַל פון פרייד און פיין. עס וואַקסן בײַ אים אויס גרעסערע פאָדערונגען צו זיך און אַ כסדרדיקע נישט־באַפרידיקטקייט מיט די אָנגעשריבענע ווערק. זיינע דערציילונגען הייבן אָן ווערן וואָס אַמאָל אַלץ ערנסטער און דורך זיין פריערדיקן שפרודלדיקן הומאָר רייסט זיך אַלץ אָפטער דורך אַ מעלאַנכאָלישער טאָן. וואָס ווייטער — אַלץ אָפטער און קלאָרער קומט צום אויסדריק זיין טיפער צער איבער דער אָרעמקייט, פוסטקייט און באַנאַלקייט פון מענטשישן לעבן.

„מיר איז דערהויפּט שרעקלעך די אַלטעגלעכקייט, פון וועלכער קיינער פון אונז קאָן זיך נישט אויסבאַהאַלטן. איך בין נישט מסוגל אונטערצושיידן, וואָס אין מיינע מעשים איז אמת און וואָס שקר, און דאָס לאָזט מיך נישט רוען; איך אָנערקען, אַז די לעבנס־באַדינגונגען האָבן מיך איינגעשלאָסן אין אַן ענגן קרייז פון שקר, אַז מיין גאַנץ לעבן באַמי איך מיך בלויז אָפּצונאַרן זיך און מענטשן — און דאָס נישט צו באַמערקן; און מיר איז שרעקלעך פונם געדאַנק, אַז ביזן סאַמע טויט וועל איך זיך נישט אַרויסקריגן פון דאָזיקן שקר. איך זע, אַז מיר ווייסן ווייניק און דעריבער גרייזן מיר יעדן טאָג, באַגייען עוולות, טוען שלעכטס איינער דעם אַנדערן, גיבן אַוועק אונזערע כוחות אויף פוסטע זאַכן, וואָס זענען אונז נישט נייטיק און שטערן אונז צו לעבן“...

אָט אַזוי רעדט זיך אָפּ פון האַרץ סילין — דער העלד פון טשעכאָווס דערציילונג „שרעק“*) פאַר זיינס אַ פריינד. אָבער די דאָזיקע פאַרטרויעלעכע רייד זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמאָלטיקע שטי־

*) געפינט זיך אין דאָזיקן באַנד — מ. ג.

מונגען פון דעם מחבר גוטא, פאַר זיין דעמאָלטיקן קוק אויפן לעבן און זיין וועלט=באַנעם.

טשעכאָוו האָט נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן אָנגעוואוירן דעם רעליגיעזן גלויבן, און אין ערשטן פעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ער נישט געהאַט קיין שום גאָט, קיין שום גלויבן און נישט געזען קיין שום העכערן ציל און זינען אין מענטשישן לעבן און אין די מענטשלעכע ליידן. ער האָט דעמאָלט געשריבן בלויז קאָמישע זאַכן, אָדער ווי ער אַליין האָט שפּעטער כאַראַקטעריזירט זיין ערשטן שאַפונגס=פעריאָד: „געשפּרונגען, ווי אַ יונג קעלבל, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי, אַליין געלאַכט און געמאַכט לאַכן אַנדערע“.

אין דער צווייטער העלפט פון די 80=ער יאָרן הייבט ערשט אָן טשעכאָוו ערנסט זיך צו פאַרטראַכטן איבערן לעבן, איבערן מהות פון לעבן און טויט — און דעמאָלט, ווי געזאָגט, הייבן זיך אָן הערן אין זיינע ווערק אומעטיקע טענער, טענער פון צווייפל און מרה=שחורה. אין זיין ערשטער גרעסערער דערציילונג „סטעפּ“, וואָס ער שרייבט אָן אין דער דערמאָנטער צייט, ווערט באַ אים צייטנווייז די העל=באַלויכטענע זוניקע רחבות פאַרטונקלט אַזויווי מיט אַ שאָטן פון אַ פליענדיקן שוואַרצן פויגל — מיטן געדאַנק וועגן טויט, און דעמאָלט „זעט אויס דער מהות פון לעבן פאַרצווייפלט און שרעקלעך“. אין דער „אומעטיקער געשיכטע“ צעוואַקסט זיך שוין דערדאָזיקער לייכטער, שוועבנדיקער שאָטן (פון טויט) אין אַ פינצטערער, האָפנונגסלאָזער, דריקנדיקער כמאַרע.

אָבער נישט נאָר דערדאָזיקער טויט איז טשעכאָוון שרעקלעך: ס'איז פאַרהאַן נאָך אָן אַנדערער, אפשר נאָך אַ מער פיינלעכער, לאַנגזאַמער טויט — דער טויט פון טויזנטער לעבעדיקערהייט באַגראָבענע אין זומפּ פון באַנאַלן און קליינלעכן אַלטעגלעכן לעבן. מיט זיין טיף דורכדרינגלעכער אינטויציע זוכט טשעכאָוו אָפּ די באַנאַלקייט און צעפוילטקייט דאָרט, וואו אויפן ערשטן בליק איז כלומרשט אַלץ כשורה און אין אָרדנונג („די לופטשפּרינגערין“, „מיין לעבן“ און אַנד.). אין „שוואַרצן מאָנאַך) דערקלערט ער בפירוש — דער טויט איז בעסער פון דעם באַנאַלן אַלטעגלעכן לעבן.

צו דערזעלבער צייט פאַרברייטערט זיך אויך טשעכאָווס שאַפונגס=געביט: פון דערציילונגען, נאָוועלן גייט ער איבער צו דראַמאַטישן

שאַפֿן. אין 1887 יאָר שרייבט ער אָן זיין ערשטע דראַמע „איוואַנאָוו“, אין וועלכער ער צייכנט ווידעראַמאָל דעם טיפּ פון אַ רוסישן האַמלעט — דעם צעקראָכענעם, נישט פעיקן צו קאַמף, צו טאַט, צו לעבן רוסישן אינטעליגענט, וועלכן מען באַגעגנט אָפט אין אַנדערע זיינע ווערק („אַ דועל“, „אַ דערציילונג פון אַן אומבאַוווּסטן מענטש“) *)

* *
*

אין די 90=ער יאָרן הייבט זיך בײַ טשעכאָוון אָן צו וועקן אַן אינטערעס פאַר סאָציאַלע פראַגן און ער הייבט ביסלעכווייז אָן אַרויסצוגיין פון זיין ביזאיצטיקן געזעלשאַפטלעכן אינדיפערענטיזם. פריער האָט טשעכאָוו אָן דער מינדסטער קווענקלעניש אָנגענומען דעם פאָרשלאַג מיטצואַרבעטן אין דער רעאַקציאָנערער „נאָוואָיע ורעמיאַ“. אַצינד טרעט טשעכאָוו שאַרף אַרויס קייגן די פובליציסטן פון דערדאָזיקער צייטונג און זאָגט זיך אָפּ פון מיטאַרבעטן אין איר.

אין 1890=91 יאָר נעמט טשעכאָוו אונטער אַ שווערע רייזע קיין סאַכאַלין, כדי צו באַקענען זיך מיטן לעבן פון די פאַרשיקטע אויף קאַטאָרגע. אַלס רעזולטאַט פון דערדאָזיקער נסיעה איז דערשינען זיין באַוווּסט בוך „דער אינזל סאַכאַלין“. דאָסדאָזיקע בוך האָט דאַן געמאַכט אַ גרויסן רושם נישט נאָר אויף דער געזעלשאַפט, נאָר אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף דער דעמאָלטיקער רוסישער רעגירונג. אינגיכן נאָכן דערשיינען פונם בוך זענען אויפן אינזל סאַכאַלין דורכגעפירט געוואָרן רעפאָרמען, וואָס האָבן אַ ביסל פאַרלייכטערט דעם גורל פון די פאַרשיקטע.

דער אויפגעוועקטער אינטערעס צו סאָציאַלע פראַגן רופט אַרויס בײַ טשעכאָוון אַ באַדערפעניש און אַ ווילן צו געזעלשאַפטלעכער און פאָליטישער טעטיקייט. צוליב דעם באַזעצט ער זיך (אין 1892) אויפן דאָרף, אין מעליכאָוואָ, וואו, נישט קוקנדיק אויף דער אייגענער קראַנקייט, גיט ער אַוועק אַ סך כוח און צייט צו היילן די פויערן. ער בויט דאָרט אויפן אייגענעם חשבון שולן אין די אַרומיקע דערפער, באַטייליקט זיך אַקטיוו

*) אַלע דערמאָנטע דערציילונגען גייען אַריין אין דערדאָזיקער אויסגאַבע — מ. נ.

אין די דאָרפֿישע קאָמונאַלע אינסטיטוציעס — און אויף אַזאַ אופֿן זיך באַקענענדיק מיט דעם חושך און גרויל פֿון פֿויערישן לעבן, שרייבט ער אָן זיינע באַוווּסטע דערציילונגען „מאָרד״, פֿויערן״ און „אין ראָוו״.

וועגן רוסישן פֿויער האָט מען אַ סך געשריבן נאָך פּ אַ ר טשעכאָוון, אָבער דאָס אַלץ קען נישט פֿאַרגליכן ווערן מיט די דערמאַנטע דריי דערציילונגען. אין זיי האָט טשעכאָוו דער ערשטער אַרויסגעזאָגט הויך דעם נאַקעטן נישטפֿאַרשלייערטן אמת וועגן רוסישן דאָרף, און געזאָגט אים מיט אַן אומפֿאַרגלייכלעכער דרייסטקייט און קראַפֿט. דערדאָזיקער צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגטער אמת האָט דעמאָלט אויפֿגערודערט די גאַנצע רוסישע געזעלשאַפֿטלעכקייט און אַרום די אויבנדערמאַנטע דערציילונגען איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור.

נאָך שפּעטער, אין 1891 יאָר, טרעט טשעכאָוו שאַרף אַרויס קעגן דער שטעלונג פֿון „נאָוואָיע ווֹרעמיאַ״ צו דער אַנטיסעמיטישער העצע, וואָס ווערט דעמאָלט געפֿירט אין פֿראַנקרייך אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַוווּסטן דרייפֿוס־פּראָצעס.

אין 1900 יאָר איז טשעכאָוו אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ערן־מיטגליד פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, און מיט צוויי יאָר שפּעטער איז מיטן אייגענעם טיטול באַשאָנקען געוואָרן גאָרקי. אָבער נישט לאַנג נאָכדעם איז קעגן גאָרקין פֿאַרפֿירט געוואָרן אַ פּאָליטישער פּראָצעס און די וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע האָט באַ אים דערפֿאַר צוריק אָפּגענומען דעם ערן־טיטול. דאַן האָט טשעכאָוו (צוזאַמען מיט קאָראָלענקאָן) געמאָלדן דעם פּרעזידענט פֿון דער אַקאַדעמיע, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פֿון טיטול ערן־אַקאַדעמיקער. מיטן דאָזיקן טאַט האָט טשעכאָוו בפֿירוש זיך פֿאַרייניקט צום פּאָליטיש „נישכשרן״ לאַגער. מ׳קאָן דעריבער זיך משער זיין, מיט ווע־מען ער וואָלט געגאַנגען, ווען ער וואָלט געווען דערלעבט ביז 1905 יאָר.

צוזאַמען מיט דעם אַלעם באַרירט טשעכאָוו אויך אין זיינע ווערק אַלץ אָפֿטער סאָציאַלע טעמעס. ער הייבט אָן מיט דער דערציילונג „אַן אַטאַק״*), וואו ער שטעלט אַוועק מיט אַן אומגעוויינטלעכער שאַרפֿקייט

*) גייט אַריין אין צווייטן באַנד — מ. ג.

און קלאָרקייט די פראַגע וועגן פּראָסטיטוציע. נאָכדעם אין די פריִער דערמאַנטע „מאָרד“, פויערן“ און „אין ראָוו“ באַהאַנדלט ער אויף אַ בייעם אופן די פויערן־פראַגע; אַ קורצע צייט געפינט ער זיך אונטער דער השפעה פון טאָלסטאָיאַנישע אידעען („מיין לעבן“). ער הייבט בכלל אָן אַלץ אָפטער זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדנונג, וואו די גרעסטע מערהייט לעבט אין אָרעמקייט, פינצטערניש און דחקות און אַ קליינער טייל — אין עשירות און וואוילטאָג. „די חוצפּה און פוסט און פּאַסקייט פון די שטאַרקע, די פינצטערניש און די שפלות פון די שוואַכע; אַרום — אַן אוממעגלעכע אָרימקייט, ענגשאַפט, דעגענעראַציע, שיכּרות, פאַלשקייט, שקר... און נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל קייגן דעם אַרויסטרעטן און הויך פּראָטעסטירן... ס׳פּראָטעסטירט נאָר בלויז די שטומע סטאַטיסטיק: אַזויפיל זענען אַראָפּ פון זינען; אַזויפיל עמער איז אַוועק אויף שיכּרות; אַזייפיל קינדער זענען אומגעקומען פון נישט דערעסן... ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער גליקלעכער פילט זיך נאָר דערפאַר גוט, וואָס די אומגליקלעכע טראָגן זייער גורל שווייגנדיק“ — דאָס איז פון טשעכאָווס דערציילונג „אַגרעס“. דער העלד פון „דאָס הויז מיט דעם דאַך־שטיבל“ צייכנט שוין אפילו אָן אַ וועג, וואָס דאַרף פירן צו אַ סאָציאַלער גאולה: „ווען מיר, שטאָטישע און דאָרפישע איינוואוינער, אָן אויסנאַם, וואָלטן מסכּים געווען צו פאַרטיילן צווישן זיך די אַרבעט, וואָס די מענטשהייט פאַרווענדט אויף צו באַפרידיקן די מענטשישע באַדערפעגישן, וואָלט אויף יעדן פון אונז אויסגעפאַלן נישט מער, ווי צוויי־דריי שעה אין טאָג. שטעלט אייך פאָר, אַז מיר אַלע, רייכע און אָרימע, אַרבעטן בלויז דריי שעה אין טאָג, און די איבעריקע צייט איז בײַ אונז פריי... מיר אַלע גיבן בשותּפות אַוועק דידאָזיקע פרייע צייט דער וויסנשאַפט און דער קונסט. מיר וואָלטן אַלע איינייגעם סאָלידאַריש געזוכט דעם אמת און דעם זינען פון לעבן און — איך בין דערין איבערצייגט — דער אמת וואָלט גאָר גיך אַנטדעקט געוואָרן, דער מענטש וואָלט אויסגעלייזט געוואָרן פון דער פּיינלעכער, דריקנדיקער שרעק פאַרן טויט און אפילו פון טויט גופא“.

אַזוי האָט טשעכאָוו געשריבן אין 1895 יאָר. ווי נישט ענלעך איז דאָס צו דער האָפנונגסלאָזיקייט אין „סטעפּ“, ווען „דער מהות פון לעבן“ האָט זיך אים פאָרגעשטעלט „פאַרצווייפלט און שרעקלעך“ אָדער צו דער

יאוש־שטימונג אין „שרעק“, אַז „בין סאַמע טויט“ וועט ער „זיך נישט אַרויסקריגן פון דאָזיקן שקר“!

דורך געדרייטע אומוועגן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אינם טיפן פינצטערן תהום פון דער מענטשלעכער נשמה, האָט טשעכאָוו דאָרטן, אין אירע טיפענישן, ענדלעך געפונען זיין גלויבן. דערדאָזיקער גלויבן איז געוואָרן די אמונה אין דעם מענטש, אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס; און זיין גאָט איז געוואָרן — דער מענטש. גייענדיק דורך אַזעלכע נישטעג־לעכע און פאַרשידענע וועגן, זענען טשעכאָוו און גאָרקי געקומען צום זעלביקן גלויבן. „דער מענטש — דאָס איז דער אמת. אין אים זענען אַלע אָנהייבן און סופן. אַלץ איז אין מענטש, אַלץ — פאַרן מענטש“. „אַ קדשי־קדשים איז דער מענטש“ — האָט געשריבן גאָרקי. „מיר זענען העכערע וועזנס, און ווען מיר וואָלטן באמת דערקענט די גאַנצע קראַפט פון מענטשלעכן זשעני — וואָלטן מיר געוואָרן, ווי געטער“ „גלייבן אין גאָט איז נישט שווער. אין אים האָבן געגלייבט אי די אינקוויזיטאָרן, אי ביראָן, אי אַראַקטשעיעוו. ניין, אין דעם מענטש גלייבט“ — האָט געשריבן טשעכאָוו.

ער גלייבט שוין איצט, אַז „דאָס לעכצן נאָך דעם אמת און דער עקשנותדיקער ווילן טרייבט זיי (די מענטשן — מ. נ.) פאָרויס — און זיי וועלן דערשווימען צום ריכטיקן אמת“ („אַ דועל“). און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן ווערט אַלץ פעסטער זיין גלויבן אין דער „גרויסער, גלענצנדער צוקונפט“ פון דעם מענטש, אין דער „הערשאַפט פון אייביקן אמת“ („דער שוואַרצער מאָנאַך“).

אמת, אויף אַלעמען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַפילו אין די לעצ־טע יאָרן, ליגט ,ווי פריער, אויסגעגאָסן אַ שטילע טרויעריקע בין־השמשות־שיין. אָבער דאָס איז שוין נישט די פריערדיקע פ א ר נ אַ כ ט י ק ע בין־השמשות, נאָך וועלכער ס׳קומט די נאַכט. דאָס איז די טונקלקייט פון פ אַ ר ט אָ ג, דורך וועלכער ס׳שטראַלט דורך אַלץ העלער דער אויפ־גאַנג פון אַ נייעם פרימאָרגן.

* *

*

„דער קינסטלער דאַרף זיין אַן אָביעקטיווער עדות“, האָט טשעכאָוו

געשריבן אין איינעם פון זיינע בריוו. און שטענדיק האָט ער געהיטן דעמדאָזיקן פּרינציפּ און איז אים טריי געבליבן אין אַלע זיינע ווערק. זיינע שאַפונגען זענען פריי פון וועלכע ס'איז טענדענצן, ווייל „די טענדענציעזקייט האָט אין איר יסוד די אומפעיקייט פון מענטשן צו דערהייבן זיך איבער פּרטים", ווי ער דריקט זיך אויס אין דעם פריער דערמאַנטן בריוו.

טענדענץ לייגט אַרויף אויף דעם קינסטלערס אויגן קאָלירטע ברילן. באַ אַ טענדענציעזן שרייבער האָט אַלץ אין לעבן די פאַרב פון זיינע ברילן־גלעזלעך. טשעכאָוו האָט געקוקט אויפן לעבן אָן דידאָזיקע ברילן; ער האָט געזען די ווירקלעכע, רעאַלע פאַרבן פון לעבן און איז אַלס שרייבער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער ר ע אַ ל י ס ט. ווי אַן „אָביעקטיווער עדות" איז ער דורכגעגאַנגען דעם סוף פון 19־טן און אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט, און פאַר דער פאָרשונג פון דעם רוסישן לעבן אין דערדאָזיקער עפּאָכע זענען טשעכאָווס ווערק — אַן אומגעהייער וויכטיקער דאָקומענט.

אין טשעכאָווס ווערק האָט אַלץ אַ מאָס און אַ וואָג. אַלץ קאָן מען זען און אָנטאַפּן, אַלץ איז — אויף דער ערד. נישטאָ באַ אים קיין באַזונדער פאַנטאַסטישס, קיין סודותדיקס, קיין עולם־התוהודיקס. אויב אַפילו ס'באַווייזט זיך באַ אים אַ וויזיע פון אַ שוואַרצן מאָנאַך, ווייסט דאַן דער העלד קאָוורין, בשעת ער פירט די שמועסן מיט דער וויזיע, אַז דאָס איז נישט מער, ווי אַ געשפּענסט, אַ האַלוצינאַציע, אַ קראַנקייט.

אויך זיינע פאַרגלייכונגען, זיינע בילדער זענען תמיד ממשותדיקע, רעאַלע. פאַר די איידלסטע געפילן, פאַר די לייכסטע און סובטעלסטע נשמה־אימפּולסן געפינט טשעכאָוו אַ רעאַליסטיש בילד: דער שטענדיקער חוזק, די כאַראַקטעריסטישע איראָניע פון אַ פּעטערבורגער איז — „ממש ווי אַ פאַנצער באַ אַ ווילדן מענטש" („אַ דערציילונג פון אַן אומבאַוווסטן מענטש"); דער מענטש איז געוואָרן אומרחמנותדיק פון פאַראַכטונג — ער איז „פאַרזשאַווערט געוואָרן" (דאָרט). הערן דאָס געזאַנג פון אַ שיינער פרוי איז — „ענלעך צום טעם פון אַ קאַלטן צייטיקן קאַוואָן" („מיין לעבן").

און נאָך עפּעס: טשעכאָוו האָט קיינמאָל נישט גענומען פון גרייטן; זיינע בילדער זענען אָריגינעל און דרייסט. „דער גמינע־וואָיט און דער

גמינע־שרייבער זענען אזוי שטאַרק דורכגעזאַפּט געוואָרן מיט שקר, אַז אפילו די הויט אויף זייערע פּנימער איז געוואָרן אַ שווינדלערישע („אין ראַוו״). „פּימפּאָרס פּנים צעגיסט זיך אַלץ מער, אָט־אָט וועט עס צעגיין און אָנהייבן אַראָפּרינען אויפן וועסטל („דער דענקער״). דאָ טרעט טשע־כאָוו אַרויס אַלס נאָוואַטאָר: ער הייבט דער ערשטער אָן צו באַנוצן זיך מיט דער אימפּרעסיאָניסטישער פאָרם.

אַ נייעס איז אויך דעמאָלט געווען די אומגעוויינלעכע געפּרעסט־קייט און קורצקייט פון טשעכאָווס דערציילונגען. ער האָט דער ערשטער איינגעפונדעוועט אין דער רוסישער ליטעראַטור די אמת־קינסטלערישע נאָוועלע.

טשעכאָוו האָט געהאַט אַ בולטע און באַוווסטזיניקע שטרעבונג צו באַשאַפן נייע ליטעראַרישע פאָרמען. דאָס איז באַזונדער צו באַמערקן אין זיינע דראַמען, איבערהויפּט אין די לעצטע — „דריי שוועסטער״ און „קערשן גאָרטן״. ער האָט דאָ בכיוון אָפּגעטרעטן פון די אַלגעמיין אָנגע־נומענע כּללים פון דראַמאַטורגיע. „די פּיעסע האָב איך שוין פאַרענדיקט. כ'האָב זי אָנגעהויבן פאָרטע און פאַרענדיקט פּיאַניסימאָ — להיפוך צו אַלע כּללים״... — שרייבט ער אין אַ בריוו. „איך שרייב אַ פּיע־סע... איך בין מוראדיק עובר אויף די סצעניש פאָדערונגען... ווייניק אַקציע, פינף פוד ליבע!״ — זאָגט ער אין אַ צווייטן בריוו. מיט זיינע פּיעסן האָט ער געשאַפן מוסטערן פון דער אַזויגערופענער פּסיכאָ־לאָגישער דראַמע.

אַלס נאָוואַטאָר און גרויסער קינסטלער האָט טשעכאָוו געהאַט אַ בלי־ספקדיקע השפּעה אויף אַ גאַנצער ריי ייִנגערע רוסישע שרייבער. זיינע תּלמידים זענען געווען אַ סך באַדייטנדיקע שרייבער פון דער ייִנ־גערער גענעראַציע, וועלכע האָבן געבילדעט איין גרופּע, איין קאָנסטע־לאַציע רעאַליסטן.

לויט די קאָנסטעלאַציעס געפינען ים־רייזנדע דעם ריכטיקן וועג; לויט די ליטעראַרישע גרופּירונגען, וואָס נעמען אַרום מער אָדער וויני־קער באַוועגטע שרייבער, דאַרף מען זוכן די וועגן אין ברייטן ים פון דער רוסישער ליטעראַטור. אָבער כּדי צו געפינען אַ קאָנסטעלאַציע, באַדאַרף מען קודם־כּל אָפּשטעלן דאָס אויג אויף איינעם פון די העלערע און גרעסערע

שטערן. אין דער קאָנסטעלאַציע פון די רוסישע שרייבער־רעאַליסטן איז אַזאַ באַדייטנדיקער און העלער שטערן — טשעכאָוו.

* *
*

טשעכאָווס קינסטלערישע השפּעה האָט זיך אויסגעשפּרייט נישט בלויז אין די גרעניצן פון דער רוסישער ליטעראַטור. אַ באַדייטנדיקע ווירקונג האָט דער גרויסער דיכטער צווישן אַנדערע אויך געהאַט אויף דער יידישער ליטעראַטור — און בפרט אויף דער יידישער נאָוועלע. בּאַ אייניקע פון אונזערע בעסטע נאָוועליסטן באַמערקן זיך בולטע שפּורן פון טשעכאָווס געשטאַלטונג, פון זיין געפּרעסטקייט און גראַציעזן סטיל. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז פּרץ, בעל מחשבות, פרישמאַן און אַנדערע אונזערע ליטעראַרישע אויטאָריטעטן האָבן אָפּט אָנגעוויזן די יינגערע יידישע שרייבער אויף טשעכאָוון, בּאַ וועלכן זיי דאַרפן לערנען.

ס'איז אינטערעסאַנט פּרצס אַ באַמערקונג צו אַ יינגן שרייבער וועגן אַ דערציילונג, וואָס דער לעצטער האָט אָנגעשריבן: *)

„דאָס געמיינע, דאָס שפּלע דאַרף אויסגעלאַכט, און נישט באַוויינט ווערן. באַטראַכט אייך, ווי וואָלט עס אָנגעשריבן טשעכאָוו“...

און ווייטער: „נאָר טשעכאָוו! שטענדיק געדענקט דעם גרויסן מאָסשטאַב און שטעלט אייך די גרעסטע תּביעות“...

אויך פרישמאַן אין זיינע באַקאַנטע „ליטעראַרישע בריוו“ ווייזט אָן אויף טשעכאָוון, ווי אויף אַ מוסטער פון אַן אמתן גרויסן טאַלענט:

„ווען אַ שטייגער רוסלאַנד זאָל חלילה אָפּגעמעקט ווערן פון ערדקוגל און עס זאָל בלייבן נאָר דאָס, וואָס ס'האָט אָנגעשריבן איין טשעכאָוו, וועט זיך דער שפּעטערדיקער לעזער אָדער פאָרשער גאַנץ גוט קענען מאַכן אַ באַגריף, ווי די מענטשן און דאָס לאַנד זענען געווען אין אַ באַשטימטער צייט, אינם לעצטן פערטל פון ניינצענטן יאָרהונדערט. דען בּאַ טשעכאָוון זע[illegible]עטן אַלע, אַלע טיפּן פון דערדאָזיקער צייט.

---

*) „ייד. װעלט“, 1915. ליפּמאַן-לעווין — „צום אַנדענק פון י. ל. פּרץ“.

דעריבער זאָגן מיר אויף טשעכאָווס ווערק, אַז זיי האָבן אַן אייביקן ווערט"...

די געשעענישן און איבערקערענישן אין רוסלאַנד אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן נאָך טשעכאָווס טויט האָבן באמת אָפּגעמעקט די פריערדיקע לעבנס־פאָרמען און בכלל ראַדיקאַל געענדערט דאָס רוסי־שע לעבן. אָבער דער רוסישער מענטש, וואָס ווערט געמאָלט דורך טשע־כאָוון אין די פאַרשידנסטע וואַריאַנטן און אויסדריקן, אין זיינע טיפסטע און אינטימסטע איבערלעבענישן, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז מיט זיין אייגנאַרטיקער נשמה, מיט זיין ספּעציפיש־רוסישער פּסיכיק, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר דעם רוסישן מענטש פון דער אויבנ־דערמאַנטער תקופה, נאָר פאַר דער רוסישער נאַציע בכלל.

טשעכאָווס טיפּן און געשטאַלטן — נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי געהערן שוין כּלומרשט דער פאַרגאַנגענהייט — זענען אַזוי לעבעדיק־אַלמענטשלעך, עטעמען מיט אַזאַ צאַפּלדיקער פרישקייט, אַז, בשעת מיר לייענען טשעכאָוון פאַרגעסן מיר, אַז דאָס זענען שילדערונגען פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע און מיר לעבן־מיט מיט די פריידן און ליידן פון די מענטשן, מיט זייערע בענקשאַפטן און שטימונגען, מיט זייערע גע־דאַנקען און שטרעבונגען.

דידאָזיקע מייסטערהאַפט געצייכנטע געשטאַלטן, באַשטראַלטע מיטן דיכטערס אײדעלן, טיף מענטשלעכן, אַ ל ץ פ אַ ר ג ע ב נ ד י ק ן הומאָר, ווירקן אויף אונז מיט יענעם נישט דערקלערבאַרן, וואונדערלעכן, אייביק לעבעדיקן כּוח, וואָס עס פאַרמאָגט די אמתע, עכטע קונסט.

מ. נ י י ד י ן.

בריסק, יאַנואַר, 1926.

דער שווארצער מאנאך

I.

דער מאַגיסטער, אַנדרעי וואַסיליעוויטש קאָוורין, האָט זיך איבערגעאַרבעט און זיך צעשרויפט די נערוון. ער האָט זיך נישט געהיילט, נאָר עפּעס אַמאָל אַגב־אורחאדיק, באַ אַ פלעשל ווייַן, האָט ער זיך בעשמועסט מיט אַ חבר — אַ דאָקטאָר, און יענער האָט אים געעצהט צו פאַרברענגען דעם פרילינג און דעם זומער אין אַ דאָרף. אגב איז גראָד אָנגעקומען אַ גרויסער בריוו פון טאַניאַ פּיעסאָצקאַיאַ, וועלכע האָט אים געבעטן קומען צו פאָרן קיין באָריסאָווקע און דאָרטן פאַרוויילן. און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער דאַרף טאַקע אינאמתן זיך דורכצופאָרן.

תחילת — דאָס איז געווען אין אַפּריל — איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיך אין דער געבורטיקער קאָווורינקע און האָט דאָרטן פאַרברענגט אין התבודדות דריי וואָכן; נאָכדעם, ווען ער האָט זיך דערוואַרט אויף אַ גוטן וועג, איז ער אַוועקגעפאָרן אויף אַקס צו זיין געוועזענעם אָפּיעקון און דערציער פּיעסאָצקי, דעם באַוווסטן אין רוסלאַנד גערטנער־מומחה; פון קאָוורינקע ביז באָריסאָווקע, וואו ס'האָבן געוואוינט די פּיעסאָצקיס, האָט זיך גערעכנט נישט מער ווי זיבעציק וויאָרסט, און פאָרן איבערן ווייכן פרילינג־וועג אין אַ באַקוועמער רעסאָרנבריטשקע איז געווען אַן אמתדיקער תענוג.

דאָס הויז באַ פּיעסאָצקין איז געווען אַ ריזיקס, מיט קאָלומנעס,

מיט לייבן, פון וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעשיילט דער טינק, און מיט אַ פּאַראַדנעם לאָקיי באַם פראָנט־גאַנג. אַן אַלטער פּאַרק, אַ מרהשחורהדיקער און אַ שטרענגער, פונאַנדערגעטיילט אויפן ענגלישן שטייגער, האָט זיך געצויגן כּמעט אויף אַ גאַנצער וויאָרסט פונם הויז ביז צום טייך און האָט זיך דאָ פאַרענדיקט מיט אַן אָפּגעהאַקטן, משופּעפאַליקן, ליימיקן ברעג, אויף וועלכן ס'זענען געוואַקסן סאָסנעס מיט אָפּגעדעקטע וואָרצלען, ענלעכע צו האָריקע לאַפּעס; אונטן האָט אומהיימלעך געגלאַנצט דאָס וואַסער, ס'האָבן מיט אַ באַקלאָגלעך פּישטשען אַרומגעשוועבט בעקאַסן־פייגל, און ס'איז דאָ תּמיד געווען אַזאַ שטימונג, אַז כאָטש זעץ זיך און שרייב אַ באַלאַדע. דערפאַר איז אַרום דעם הויז גופא, אין הויף און אינם אויבסט־סאַד, וועלכער האָט צוזאַמען מיט די בוימשולן, פאַרנומען אַ דרייסיק דעסיאַטין, געווען פריילעך און לעבנסלוסטיק אפילו אין אַ מיאוס וועטער. אַזעלכע וואונדערלעכע רויזן, ליליען, קאַמעליען, אַזוינע טולפּעס פון אַלמעגלעכסטע קאָלירן, אָנהייבנדיק פון העל־ווייס און ענדיקנדיק מיט שוואַרץ, ווי סאַזשע, בכלל אַזאַ עשירות פון בלומען, ווי באַ פּיעסאָצקין, האָט נאָך קאָווריגן נישט געטראָפן אין קיין שום אַנדער אָרט. דער פרילינג איז נאָך געווען ערשט אין אָנהויב און די אייגנטלעכע אמתדיקע פּראַכט פון די בלומען־בייטלעך איז נאָך געווען באַהאַלטן אין די ספּעקטן, אָבער אויך דאָס, וואָס האָט שוין געבליט לענגויס די אַלייען און דאָ און דאָרטן אויף די קלאָמבן, איז גענוג געווען, אַז מען זאָל, שפּאַצירנדיק אין גאָרטן, זיך דערפילן אין אַ קעניגרייך פון צאַרטע פאַרבן, באַזונדערס אין די פרימאָרגן־שעהן, ווען אויף יעדן קרוין־בלעטעלע האָט געפינקלט דער טוי. דאָס, וואָס איז געווען דער דעקאָראַטיווער טייל פונם גאָרטן און וואָס פּיעסאָצקי אַליין פלעגט עס ביטולדיק אָנרופן שטותים, האָט אויף קאָווריגן נאָך אין זיין קינדהייט געמאַכט אַ לעגענדאַרן רושם. וואָסערע אויסטערלישקייטן זענען דאָ אַלץ נישט געווען, סאַרע ראַפינירטע פאַרקריפּלונגען און אָפּשפּעטונגען פון דער נאַטור! ס'זענען דאָ געווען שפּאַלערן פון פרוכטן־ביימער, אַ באַרנע־בוים, וואָס האָט געהאַט די פאָרם פון אַ פּיראַמידאַלן טאָפּאָל, באַלעמאַרטיקע דעמבעס און ליפּעס, אַ שירם פון אַן עפּלבוים, אַרקעס, מאָנאָגראַמען, קאַנדעליאַברן און אפילו 1862 פון פלוימען — די ציפער, וואָס האָט באַצייכנט דאָס יאָר, ווען פּיעסאָצקי האָט אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט

גערטנערײ. דאָ האָט מען אויך געקענט טרעפן שײנע שלאַנקע בײמלעך מיט גלײכע און פעסטע שטאַמען, ווי באַ פּאַלמעס, און נאָר אויפמערקזאַם אײנקוקנדיק זיך, האָט מען געקענט דערקענען אין דידאָזיקע בײמלעך אַגרעסן און ווײנפּערלעך. נאָר דאָס, וואָס האָט צוממערסטן פרײלעך געמאַכט אינם גאָרטן און אים צוגעגעבן אַ לעבהאַפטיק אויסזען, איז געווען — די כסדרדיקע באַוועגונג. פונדערפרי ביזן אָוונט פלעגן אַרום די בײמער און די קושאַקעס, אויף די אַלײען און קלאָמבן, אַזוי ווי מוראַשקעס, שווימלען און גריבלען מענטשן מיט טאָטשקעס, גראָב־מכשירים, שפּריץ־קענדלעך.

קאָוורין איז אָנגעקומען צו די פּיעסאָצקיס אין אָוונט, אַרום [illegible] אַ זײגער. טאַניען און איר פאָטער, יעגאָר סעמיאָניטשן, האָט ער געטראָפן אין אַ גרויסער אומרויקײט. דער לויטערער אויסגעשטערנטער הימל און דער טערמאָמעטער האָט פאָרגעזאָגט אויף אינדערפרי אַ פראָסט, און דאָ איז פונקט דער גערטנער איוואַן קאַרליטש אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַרײן און ס׳איז נישט געווען אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. באַם נאַכטעסן האָט מען בלויז גערעדט וועגן פרימאָרגן־פראָסט און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז טאַניאַ וועט זיך נישט לײגן שלאָפן און אַרום אײנס אַ זײגער וועט זי זיך דורכגײן איבערן גאָרטן און זען, צי אַלץ איז אין אָרדנונג, און יעגאָר סעמיאָניטש וועט אויפשטײן אַרום דרײ, אפשר נאָך פריער.

קאָוורין איז אָפּגעזעסן מיט טאַניען אַ גאַנצן אָוונט און נאָך האַלבער נאַכט איז ער מיט איר אַוועק אין גאָרטן. ס׳איז געווען קאַלט. אין הויף האָט זיך שוין שטאַרק געשפּירט אָנגעברענט. אינם גרויסן אויבסטסאָד, וועלכן מען האָט גערופן קאָמערציעלער און וואָס האָט געברענגט יעגאָר סעמיאָניטשן יערלעך עטלעכע טויזנט רובל ריינע הכנסה, האָט זיך געשפּרייט איבער דער ערד אַ שוואַרצער, געדיכטער עסנדיקער רויך און, אַרומהילנדיק די בײמער, האָט ער מציל געווען דידאָזיקע טויזנטער פונם פראָסט. די בײמער זענען דאָ געשטאַנען אין אַ שאָך־אָרדנונג, זײערע שורות זענען געווען גלײך און פּינקטלעך, ממש ווי שערענגעס זעלנער, און דידאָזיקע שטרענגע פּעדאַנטישע פּינקטלעכקײט און דאָס, וואָס אַלע בײמער זענען געווען פון אײן וואוקס און האָבן געהאַט אַלצאײנע קרוינען און שטאַמען, האָט געמאַכט דאָס בילד אײנטאָניק און זאָגאַר

לאַנגווייליק. קאָורין און טאַניאַ זענען דורכגעגאַנגען די שורות, וווּ ס'האָבן געטליעט פייערן פון מיסט, שטרוי און פלערליי אָפּפאַלעכצן, און פון צייט צו צייט האָבן זיי באַגעגנט אַרבעטער, וואָס האָבן אַרומ־געבלאָנקעט אינם רויך, ווי שאָטנס. געבליט האָבן בלויז די קאַרשן, פלוי־מען און אייניקע מינים עפּל־ביימער, אָבער דער גאַנצער סאָד האָט גע־זונקען אין רויך, און נאָר לעבן די בוימשולן האָט קאָורין אָפּגעטעמט מיט דער פולער ברוסט.

— נאָך אין דער קינדהייט פלעג איך דאָ ניסן פון רויך, — האָט ער געזאָגט, קוועטשנדיק מיט די פלייצעס — אָבער עד היום פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי קען עס רויך אָפּראַטעווען פון פראָסט.

— דער רויך פאַרבייט די וואָלקנס, ווען זיי זענען נישטאָ. . . — האָט געענטפערט טאַניאַ.

— און נאָכוואָס זענען נייטיק די וואָלקנס ?

— אין אַ טריב און וואָלקנדיק וועטער זענען נישט פאַרהאַן קיין פרימאָרגן־פרעסט.

— אָט אַזוי גאָר !

ער האָט זיך צעלאַכט און זי אָנגענומען בײַ דער האַנט. איר ברייט, זייער ערנסט, געפרוירן פּנים מיט די דיקע שוואַרצע ברעמען, דער אויפגעשטעלטער קאָלנער פון פאַלטן, וואָס האָט איר געשטערט פריי צו באַוועגן מיטן קאָפּ, און זי איינגאַנצן, אַ דאַרע, אַ שלאַנקע, מיט דעם קלייד, פאַרהויבן פונם טוי, — האָט בײַ אים אַרויסגערופן אַ נחת־דיק געפיל.

— רבונו של עולם, זי איז שוין אַ דערוואַקסענע, — האָט ער געזאָגט, — ווען איך בין פונדאַנען אַוועקגעפאָרן דאָס לעצטע מאָל, מיט פינף יאָר צוריק, זענט איר נאָך איינגאַנצן געווען אַ קינד. איר זענט געווען אַזאַ מאָגערע, אַ לאַנגפיסיקע, שטענדיק אין בלויזן קאָפּ, איר האָט געטראָגן אַ קורץ קליידל, און איך פלעג אייך רייצן מיטן צונאָמען טשאַפּ־ליאַ. . . וואָס די צייט מאַכט !

— יאָ, פינף יאָר ! — האָט טאַניאַ אָפּגעזיפצט — אַ סך וואַסער איז אָפּגעפלאָסן פון יענער צייט אָן, זאָגט, אַנדריושאַ, אויפריכטיק — האָט זי אָנגעהויבן געשווינד צו רעדן, קוקנדיק אים אין פּנים אַריין : — איר זענט אָפּגעוווינט געוואָרן פון אונדז ? איבעריקנס, וואָס פרעג איך

גאָר? איר זענט אַ מאַנסביל, איר לעבט מיט אַן אייגן [illegible]זאַנט לעבן, איר זענט אַ מענטש אַ וויכטיקער... די פאַרפרעמ[illegible] אַזוי נאַטיר־לעך, אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין. אַנדריושאַ, וויל [illegible]ר, אַז איר זאָלט אונדז האַלטן פאַר אייגענע. מיר האָבן דערויף [illegible]

— איך האַלט, טאַניאַ.

— ערנוואָרט?

— יאָ, ערנוואָרט.

איר האָט זיך היינט געוואונדערט, וואָס בײַ אונדז איז פאַרהאַן אַזוי פיל אייערע פאָטאָגראַפיעס. איר ווייסט דאָך, מיין פאָטער פאַרגע־טערט אייך. טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט אייך ליבער, ווי מיך. ער שטאָלצירט מיט אייך. איר זענט אַ געלערנטער, אַן אומגעוויינטלעכער מענטש, איר האָט זיך געמאַכט אַ גלענצנדיקע קאַריערע, און ער איז זי־כער, אַז איר זענט אַרויסגעקומען אַזעלכער דערפאַר, ווייל ער האָט אייך דערצויגן. איך שטער אים נישט אַזוי צו קלערן. זאָל זיין.

ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער באַגינען, און דאָס איז באַזונדערס געווען צו באַמערקן לויט דער דייטלעכקייט, מיט וועלכער ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוטיילן אין דער לופט די קנוילן רויך און די ביימער־קרוינען. די סאָלאָווייען האָבן געזונגען, און פון די פעלדער האָט זיך דערטראָגן דאָס געשריי פון די פּשעפּיורקלעך.

— פונדעסטוועגן, איז שוין צייט צו גיין שלאָפן, — האָט טאַניאַ געזאָגט, — און ס'איז טאַקע קאַלט אויך. — זי האָט אים גענומען אונ־טער דער האַנט — אַ דאַנק אייך, אַנדריושאַ, וואָס איר זענט געקומען צו פאָרן. אונדזערע באַקאַנטע זענען נישט קיין אינטערעסאַנטע, און אפילו אַזעלכע האָבן מיר אויך ווייניק. בײַ אונדז איז נאָר — גאָרטן, גאָרטן, גאָרטן, — און מער גאָרנישט. שטאַמב, האַלב־שטאַמב, — האָט זי זיך צעלאַכט — אַפּאָרט, ראַנעט, באָראָווינקע, אָקוליזאַציע, קאָפּוליזאַ־ציע... דאָס גאַנצע, גאַנצע לעבן אונדזערס איז אַריינגעטון אין גאָרטן, מיר חלומט זיך אפילו קיינמאָל נישט עפּעס אַנדערש, אַ חוץ עפּלביי־מער און באַרנע־ביימער. געוויס איז דאָס גוט, נוצלעך, נאָר טיילמאָל גלוסט זיך פונדעסטוועגן נאָך עפּעס — פון פאַרשידנאַרטיקייט וועגן. איך געדענק, ווען איר פלעגט קומען צו פאָרן אויף פעריען אָדער סתם אַזוי, פלעגט אין שטוב ווערן עפּעס פרישער און ליכטיקער, ממש ווי מען

וואָלט פון די הענגלאָמפּן און פון מעבל אַראָפּגענומען דאָס איבערצוג. איך בין דעמאָלט געווען אַ קליין מיידעלע, נאָר כ׳האָב פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען.

זי האָט גערעדט לאַנג און מיט גרויס געפיל. אים איז איבער־עפּעס פּלוצלינג געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז אין משך פונם זומער קען ער זיך צובינדן צו דעמדאָזיקן קליינעם, שוואַכן, פילרעדעוודיקן ווען, קען עקזאַלטירט ווערן און זיך פאַרליבן. — אין דער לאַגע פון זיי ביידע איז עס אַזוי מעגלעך און נאַטירלעך. דערדאָזיקער געדאַנק האָט אין אים געוועקט אַ נחתדיק געפיל און אַ געלעכטער; ער האָט זיך צוגעבויגן צו דעם באַחנטן, פאַרזאָרגטן פּנים און שטיל אויפגעזונגען:

אָניעגין, כ׳וועל נישט פאַרהוילן,
איך האָב משוגע ליב טאַטיאַנען...

ווען זיי זענען אַהיימגעקומען, איז יעגאָר סעמיאָניטש שוין אויפגע־שטאַנען. קאָווריגען האָט זיך נישט געגלוסט צו גיין שלאָפן, ער האָט זיך צעשמועסט מיטן אַלטן און זיך אומגעקערט מיט אים אין גאָרטן אַריין. יעגאָר סעמיאָניטש איז געווען הויכגעוואוקסיק, ברייטפּלייציק, האָט געהאַט אַ גרויסן בויך און געליטן אויף אַסטמע, אָבער ער פלעגט שטענדיק גיין אַזוי שנעל, אַז ס׳איז אים שווער געווען צו דעריאָגן. אויסזעען פלעגט ער שטענדיק געוואַלטיק פאַרזאָרגט, האָט אַלץ אינעינעם זיך ערגעץ־וואַ־געאיילט און מיט אַזאַ מינע, אַז ווען ער פאַרשפּעטיקט, חלילה, נאָר אויף איין מינוט, איז אַלץ פאַרלוירן!

— אָט, ברודער, סאַראַ געשיכטע... — האָט ער אָנגעהויבן, אָפּ־שטעלנדיק זיך, כּדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. — אויפן אויבערפלאַך פון דער ערד איז, ווי דו זעסט, אַ פראָסט, און הייב־אויף אויף אַ שטעקן דעם טערמאָמעטער אַ צוויי מעטער העכער פון דער ערד, איז דאָרט וואַ־רעם... פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

— כ׳לעבן, איך ווייס נישט, — האָט קאָווורין געזאָגט און זיך צעלאַכט.

— הם... אַלץ וויסן קען מען נישט, נאַטירלעך... ווי ברייט ס׳זאָל נישט זיין דער שכל, וועט ער אין זיך אַלץ נישט אַריינגעמען. דו גיסט דאָך זיך אַלץ מער אָפּ מיט פילאָזאָפיע?

— יאָ, איך לייען לעקציעס פון פסיכאָלאָגיע. בכלל אָבער פאַרנעם איך זיך מיט פילאָזאָפיע.

— און ס'דערעסט דיר נישט ?

— פאַרקערט, בלויז דערמיט לעב איך.

— מילא, זאָל גאָט העלפן... — האָט יעגאָר סעמיאָניטש אַרויס־געזאָגט, גלעטנדיק אין ישוב־הדעת זיינע גרויע באַקנבערד. — זאָל גאָט העלפן... איך בין פון דיר זייער צופרידן... כ'בין צופרידן, ברו־דער...

נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך צוגעהערט און, מאַכנדיק אַ שרעקלעך פּנים, האָט ער זיך געלאָזט לויפן אין אַ זייט און איז גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער דיביימער, אין די רויך־וואָלקנס.

— ווער האָט עס צוגעבונדן דאָס פערד צום עפּלבוים ? — האָט זיך דערהערט זיין פאַרצווייפלט, האַרצרייסנדיק געשריי... — וואָסער מנוול און קאַנאַליע האָט זיך עס דערוועגט צוצובינדן אַ פערד צו אַן עפּלבוים ? גאָט מיינער, גאָט מיינער, זיי האָבן איבערגעפּירט, אַ תּל גע־מאַכט, פאַראומרייניקט, אָפּגעהרגעט ! פאַרפאַלן ד'ער גאָרטן ! אויס גאָרטן ! גאָט מיינער !

ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו קאָווערינען, איז זיין פּנים געווען אָנמעכטיק, באַליידיקט.

— נו, וואָס טוט מען מיטן דאָזיקן פאַרשאָלטענעם פאָלק ? — האָט ער געזאָגט מיט אַ וויינעדיק קול, צעפּירנדיק מיט די הענט, — סטיעפּקאָ האָט געפירט באַנאַכט מיסט און האָט צוגעבונדן דאָס פערד צו אַן עפּלבוים ! ער האָט אַרומגעוויקלט, דער פאַדליעץ, די לייצעס אַזוי שטייף, אַז די קאָרע האָט זיך אויף דריי ערטער אָפּגעריבן. עפּעס גוט ! איך רעד צו אים, און ער שטייט, ווי אַ סלופּ און פינטלט בלויז מיט די אויגן ! אויפהענגען אַזעלכן איז ווייניק !

ווען ער האָט זיך באַרויקט, האָט ער אַרומגענומען קאָווערינען און אים אַ קוש געטון אין באַק.

— נו, גאָט זאָל העלפן... גאָט זאָל העלפן... — האָט ער אַרויס־געמורמלט. — איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען צו פאָרן. כ'בין אומגעהייער צופרידן... אַ דאַנק דיר.

נאָכדעם איז ער מיטן זעלבן שנעלן גאַנג און מיטן פאַרזאָרגטן פּנים

אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן גאָרטן און געוויזן קאָווריגען אַלע אָראַנזשעריעס, ספּעקטן, שפּייכלערס און זיינע בינשטאָקן, וועלכע ער האָט אָנגערופֿן דאָס וווּנדער פֿון אונדזער יאָרהונדערט.

אין דער צייט, וואָס זיי זענען אַרומגעגאַנגען, איז אויפֿגעגאַנגען די זון און האָט העל באַלויכטן דעם גאָרטן. ס'איז געוואָרן וואַרעם. פֿאַרפֿילנדיק אַ לויטערן, פֿריילעכן, לאַנגן טאָג, האָט קאָווריגן זיך דערמאָנט, אַז ס'איז דאָך אַצינד ערשט אָנהויב מאַי און אין פּערספּעקטיוו איז נאָך דאָ אַ גאַנצער זומער, אויך אַזאַ לויטערער, פֿריילעכער, לאַנגער, און פּלוצלינג האָט זיך אין זיין ברוסט אַ ריר געטאָן אַ פֿריידיק, יינג געפֿיל, אַ וואָסערס ער האָט געשפּירט אין דער קינדהייט, ווען ער איז אַרומגעלאָפֿן אינם דאָזיקן גאָרטן. און ער האָט אַליין אויך אַרומגענומען דעם אַלטן און צאַרט אים אַ קוש געטאָן. ביידע זענען גערירטע אַריינגעגאַנגען אין שטוב און האָבן גענומען טרינקען פֿון אַלטפֿרענקישע פּאָרצעלייענע שאָלן טיי מיט סמעטענע, מיט זעטיקע, באַטעמטע בייגעלעך — און דידאָזיקע קלייניקייטן האָבן ווידער דערמאַנט קאָווריגען זיין קינדהייט און יוגנט. די הערלעכע קעגנוואַרט און די אין אים אויפֿגעוואַכטע איינדריקן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אינאיינעם; דערפֿון איז אין זיין נשמה געווען ענג, אָבער גוט.

ער האָט זיך דערוואַרט ביז וואַנען טאַניאַ איז אויפֿגעשטאַנען און צוזאַמען מיט איר אויסגעטרונקען קאַווע, האָט אַ ביסל געשפּאַצירט, דערנאָך איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער און האָט זיך אַוועקגעזעצט באַ אַן אַרבעט. ער האָט אויפֿמערקזאַם געלייענט, געמאַכט באַמערקונגען און פֿון צייט צו צייט אויפֿגעהויבן די אויגן, כּדי אַ קוק צו טאָן אויף די אָפֿענע פֿענסטער אָדער אויף די פֿרישע, נאָך פֿון טוי נאַסע בלומען, וועלכע זענען געשטאַנען אין וואַזאָנען אויפֿן טיש. און ער האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין בוך אַריין, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז איטלעכעס אָדערל ציטערט און שפּילט אין אים פֿון הנאה.

II.

אין דאָרף האָט ער ווייטער געפירט דאָס אייגענע נערוועישע און אומרויקע לעבן, ווי אין שטאָט. ער האָט אַ סך געלייענט און געשריבן, האָט זיך געלערנט איטאַליעניש און, ווען ער האָט געשפּאַצירט, האָט ער מיט פאַרגעניגן געקלערט וועגן דעם, אַז ער וועט זיך באַלד ווידער אַוועקזעצן צו דער אַרבעט. ער פלעגט שלאָפן אַזוי ווייניק, אַז אַלע האָבן זיך געוואונדערט; טאָמער איז ער צופעליק איינגעשלאָפן באַטאָג אויף אַ האַלבער שעה, שלאָפט ער שוין נישט דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט און נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט פילט ער זיך, ווי קיינמאָל גאָרנישט, מונטער און פריילעך.

ער פלעגט אַ סך רעדן, טרינקען ווייַן און רייכערן טייערע ציגאַרן. צו די פּיעסאָצקיס פלעגן אָפט, שיער נישט יעדן טאָג, קומען צופאָרן פריילינס — שכנות, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט טאַניען געשפּילט אויפן פאָרטעפּיאַן און געזונגען; טיילמאָל פלעגט צופאָרן אַ יונגערמאַן, אַ שכן, וועלכער האָט גוט געשפּילט אויף אַ פידל. קאָוורין פלעגט דאַרשטיק הערן די מוזיק און דאָס געזאַנג און פלעגט דערפון אָפּגעשוואַכט ווערן, און דאָס לעצטע האָט זיך פיזיש אויסגעדריקט דערין, וואָס בײַ אים האָבן זיך אָנגעהויבן קלעבן די אויגן און ס'האָט געצייגט דעם קאָפּ אָן אַ זייט.

איינמאָל נאָך דער אָוונט-טיי איז ער געזעסן אויפן באַלקאָן און האָט געלייענט. אין גאַסטצימער האָבן אין דער צייט טאַניאַ — אַ סאָפּראַן, איינע פון די פריילינס — אַ קאָנטר-אַלט און דער יונגערמאַן אויפן פידל איינשטודירט בראַגס באַוואוסטע סערענאַדע. קאָוורין האָט זיך איינגעהערט אין די ווערטער — זיי זענען געווען רוסישע, — און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין זייער זינען. ענדלעך, אַוועקלייגנדיק דאָס בוך און איינהערנדיק זיך אויפמערקזאַם, האָט ער תופס געווען: אַ מיידל — מיט אַ קראַנקער פאַנטאַזיע — האָט געהערט בײַנאַכט קלאַנגען, וואָס האָבן איר אויסגעוויזן אַזש אַזוי הערלעך און מאָדנע, אַז זי האָט זיי געמוזט אָנערקענען פאַר אַ הייליקער האַרמאָניע, וועלכע איז

אונז, שטערבלעכע, אומפאַרשטענדלעך און זי פליט דעריבער צוריק אַוועק אין די הימלען. קאַווריגנען האָבן זיך אָנגעהויבן קלעבן די אויגן. ער איז אויפגעשטאַנען און אַ פאַרשמאַכטער זיך דורכגעגאַנגען איבערן גאַסטצימער און דערנאָך איבערן זאַל. ווען דאָס זינגען האָט אויפגעהערט, האָט ער גענומען טאַניען אונטער דער האַנט און איז מיט איר אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן.

— מיך פאַרנעמט היינט פון סאַמע אינדערפרי אָן אַ געוויסע לעגענדע, — האָט ער געזאָגט. — איך געדענק נישט, צי האָב איך זי ערגעץ־וואו איבערגעלייענט אָדער געהערט, נאָר די לעגענדע איז עפּעס אַזאַ מאָדנע, אַן אומנאַטירלעכע. קודם כּל, צייכנט זי זיך נישט אויס מיט קיין קלאָרקייט. מיט טויזנט יאָר צוריק איז עפּעס אַ מאָנאַך, אָנגעטון אין שוואַרצן, געגאַנגען איבער אַ מדבר, ערגעץ אין סיריען אָדער אין אַראַביען... עטלעכע מייל ווייטער פון יענעם אָרט, וואו ער איז געגאַנגען, האָבן פישערס געזען אַ צווייטן שוואַרצן מאָנאַך, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט איבערן אויבערפלאַך פון אַן אָזיערע. דער דאָזיקער אַנדערער מאָנאַך איז געווען אַ מיראַזש. אַצינד פאַרגעסט אָן אַלע אָפּטישע געזעצן, וועלכע די לעגענדע, ווייזט אויס, אָנערקענט נישט, און הערט ווייטער. פון דעם מיראַזש איז אַרויסגעקומען אַ צווייטער מיראַזש, באָכדעם פונעם צווייטן אַ דריטער, אַזוי, אַז דאָס געשטאַלט פון דעם שוואַרצן מאָנאַך האָט זיך אָנגעהויבן אָן אַ סוף איבערגעבן פון איין שיכט אַטמאָספערע אין צווייטן. אים האָט מען געזען דאָ אין אַפריקע, דאָ אין שפּאַניען, דאָ אין אינדיען, דאָ אויפן ווייטן צפון... ענדלעך, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון די גרענעצן פון דער ערד־אַטמאָספערע און איצט בלאָנדזשעט ער אַרום איבערן וועלטאַל, נישט קענענדיק אַלץ אַריינפאַלן אין יענע באַדינגונגען, באַ וועלכע ער וואָלט געקענט פאַרטונקלט ווערן. ס'קען זיין, מען זעט אים איצט ערגעץ־וואו אויפן מאַרס אָדער אויף אַ וועלכן ס'איז שטערן פון דרום־קרייז. נאָר, מיין ליבע, דער סאַמע עצם, דער סאַמע טשוואָק פון דער לעגענדע באַשטייט דערין, וואָס פונקט אין טויזנט יאָר אַרום באָכדעם, ווי דער מאָנאַך איז געגאַנגען איבער דער מדבר, וועט דער מיראַזש ווידער אַריינפאַלן אין דער ערד־אַטמאָספערע און וועט זיך באַווייזן פאַר די מענטשן. און דידאָזיקע טויזנט יאָר האַלטן שוין כּלומרשט באַ ענדיקן זיך... לויטן זינען פון דער לעגענדע,

דאַרפֿן מיר דעם שוואַרצן מאָנאַך דערוואַרטן הײַנט־מאָרגן.

אַ מאָדנער מיראַזש, — האָט געזאָגט טאַניאַ, וועלכער ס'איז נישט געפֿעלן געוואָרן די לעגענדע.

— אָבער וווּנדערלעכער פֿון אַלעמען איז, — האָט זיך קאָווריין צעלאַכט — וואָס איך קען בשום אופֿן זיך נישט דערמאַנען, פֿונוואַנען מיר איז געקומען אין קאָפּ אַרײַן די־דאָזיקע לעגענדע. צי כ'האָב ערגעץ געלייענט? געהערט? אָדער, אפֿשר, האָט זיך מיר געחלומט אַ שוואַרצער מאָנאַך! כ'שווער בײַ גאָט, איך געדענק נישט. נאָר די לעגענדע אינטערעסירט מיך. איך קלער הײַנט וועגן איר אַ גאַנצן טאָג.

אָפּלאָזנדיק טאַניען צו די געסט, איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב און פֿאַרקלערטערהייט זיך דורכגעגאַנגען לעבן די קלאָמבן. די זון האָט זיך שוין געזעצט. די בלומען האָבן, מחמת דעם, וואָס מען האָט זיי נאָר וואָס באַגאָסן, אַרויסגעגעבן אַ פֿייכטן, אויפֿרייצנדיקן גערוך. אין שטוב האָט מען ווידער אויפֿגעזונגען, און פֿונדערווײַטנס האָט די פֿידל געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון אַ מענטשלעך קול. אָנשטרענגענדיק דעם רעיון, כּדי זיך צו דערמאַנען, וווּ ער האָט געהערט די לעגענדע, האָט קאָווריין נישט געאײַלט זיך געלאָזט גיין אין פּאַרק אַרײַן און איז אומבאַמערקט צוגעגאַנגען ביז צום טײַך.

מיטן שטעגל, וואָס פֿירט איבערן משופּעפּאַליקן ברעג פֿאַרבײַ די אָפּגעדעקטע וואָרצלען, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן צום וואַסער, האָט דאָ באַאומרויִקט די בעקאַסן־פֿייגל, איבערגעשראָקן צוויי קאַטשקעס. אויף די אומעטיקע סאָסנעס האָבן נאָך וווּ־נישט־וווּ אָפּגעליכטן די לעצטע שטראַלן פֿון דער אונטערגייענדיקער זון, אָבער אויפֿן אויבערפֿלאַך פֿון טײַך איז שוין געווען אמתער אָוונט. קאָווריין איז איבערן בריקל אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זײַט. פֿאַר אים איז איצט געלעגן אַ ברייט פֿעלד, באַדעקט מיט ייִנג, נאָך נישט בליִענדיק קאָרן. קיין מענטשלעכער ישוב, קיין מענטשלעך נפֿש אינדערווײַטנס, און ס'דאַכט זיך, אַז ווען מען זאָל זיך אַוועקלאָזן מיטן דאָזיקן שטעגל, וועט עס דערפֿירן צום זעלביקן אומבאַוואוסטן רעטזעלהאַפֿטן אָרט, וואוהין ס'האָט זיך אָקאָרשט אַראָפּגעלאָזט די זון, און וווּ ס'פֿלאַקערט אַזוי ברייט און מאַיעסטעטיש די שקיעה־שטראַלונג.

„ווי דאָ איז רחבֿותדיק, פֿריי, שטיל! — האָט געקלערט קאָווריין,

נייענדיק איבערן שטעגל. — און ס׳דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט קוקט אויף מיר, זי האָט זיך פאַרבאָרגן און וואַרט, אַז איך זאָל זי תופס זיין...

נאָר אָט זענען איבערן קאָרן אַריבערגעלאָפן כוואַליעס, און אַ לייכט אָוונטיק ווינטל האָט צאַרט באַרירט זיין אומבאַדעקטן קאָפ. אין אַ מינוט אַרום ווידער אַ בלאָז פון ווינט, נאָר שוין שטאַרקער, — ס׳האָט זיך צערוישט דאָס קאָרן, און ס׳האָט זיך דערהערט פון הינטן אַ טויבער געמורמל פון די סאָסנעס. קאָורין האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרגאַפט. אויפן האָריזאָנט האָט, ממש ווי אַ וויכער אָדער ים־ווינט, זיך אויפגעהויבן פון דער ערד צום הימל אַ הויכער שוואַרצער זייל. די קאָנטורן זענען באַ אים געווען נישט דייטלעך, נאָר שוין אין ערשטן אויגנבליק האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז ער איז נישט געשטאַנען אויף אָן אָרט, נאָר האָט זיך באַוועגט מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט, זיך באַוועגט נעמלעך אַהער, גלייך אויף קאָורינען, און וואָס נענטער ער האָט זיך אָנגערוקט, איז ער געוואָרן אַלץ קלענער און דייטלעכער. קאָורין האָט זיך אַ וואָרף געטון אָן אַ זייט, אין קאָרן אַריין, כדי צו מאַכן אים אַ וועג, און ער האָט קוים באַוויזן דאָס צו טון...

אַ מאַנאַך אין שוואַרצער קליידונג, מיט אַ גרויען קאָפּ און שוואַרצע ברעמען, מיט צונויפגעקרייצטע הענט אויף דער ברוסט, האָט זיך דורכגעטראָגן פאַרביי אים... זיינע באָרוועסע פיס האָבן נישט אָנגערירט די ערד. ווען ער האָט זיך שוין געהאַט דורכגעטראָגן אַ דריי מעטער ווייטער, האָט ער זיך אומגעקוקט אויף קאָורינען, האָט צו אים אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַ שמייכל געטון צו אים ליבלעך און אין דער זעלבער צייט ממזריש. נאָר וואָסער בלאַס, שרעקלעך בלאַס, דאַר פנים! אָנהייבנדיק ווידער צו וואַקסן, איז ער אַריבערגעפלויגן דעם טייך, האָט אָן שום קלאַנג זיך אָנגעקלאַפּט אָן ליימיקן ברעג און אָן די סאָסנעס, און דורך זיי אַדורכגייענדיק, איז ער נעלם געוואָרן, ווי אַ רויך.

— נו, אָט זעט איר... — האָט אַרויסגעמורמלט קאָורין. — הייסט עס, די לעגענדע איז אַן אמת.

נישט באַמיענדיק זיך צו דערקלערן די משונהדיקע דערשיינונג, אַ צופרידענער דערמיט אַליין, וואָס אים איז געלונגען אַזוי נאָענט און אַזוי דייטלעך צו זעען נישט בלויז די שוואַרצע קליידונג, נאָר אפילו

דאָס פּנים און די אויגן פונם מאַנאַך, האָט ער, אַן אָנגענעם־אויפגערעג־טער, זיך אומגעקערט אַהיים.

אין פּאַרק און אינם גאָרטן זענען רויק געגאַנגען מענטשן, אין שטוב האָט מען געשפּילט, — הייסט עס, אַז נאָר ער אַליין האָט געזען דעם מאָנאַך. אים האָט זיך שטאַרק געגלוסט דערציילן וועגן דעם טאַ־ניען און יעגאָר סעמיאָניטשן, אָבער ער האָט זיך איבערגעלייגט, אַז זיי וועלן זיכער באַטראַכטן זיינע ווערטער פאַר היץ־פלוידעריי און וועלן זיך דערשרעקן; גלייכער צו פאַרשווייגן. ער האָט הויך געלאַכט, געזונ־גען, געטאַנצט אַ מאַזורעק, ס'איז אים געווען פריילעך, און אַלע, די געסט און טאַניאַ, האָבן איינגעפונען, אַז בײַ אים איז היינט עפּעס אַ באַזונדער פּנים, אַ שטראַלנדיקס, אַ באַגייסטערטס, און אַז ער איז זייער אינטערעסאַנט.

III.

נאָכן נאַכטעסן, ווען די געסט זענען אַוועגעפאָרן, איז ער אַוועק־געגאַנגען צו זיך אין צימער און האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער אָטאָ־מאַנע: אים האָט זיך געגלוסט צו קלערן וועגן מאָנאַך. נאָר אין אַ מינוט אַרום איז אַרייַנגעקומען טאַניאַ.

— נאַט אייך, אַנדריושאַ, לייענט איבער דעם פּאָטערס אַרטיק־לען, — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים אַ פּעקל בראָשורן און דרוק־בויגנס. — הערלעכע אַרטיקלען. ער שרייבט אויסגעצייכנט.

— נו, שוין גאָר אויסגעצייכנט! — האָט געזאָגט יעגאָר סעמיאָ־ניטש, אַרייַנגייענדיק נאָך איר מיט אַ געצוווּנגען געלעכטער; אים איז געווען איבער דער טבֿע. — הער זי נישט, כ'בעט דיך, לייען נישט. אי־בעריקנס, אויב דו ווילסט אַנטשלאָפן ווערן, איז מהכי־תּיתי, לייען: ס'איז אַ הערלעך איינשלעפערנדיק מיטל.

— לויט מיין מיינונג, זענען עס גרויסאַרטיקע אַרטיקלען, — האָט טאַניאַ געזאָגט מיט טיפער איבערצייגונג. — לייענט איר זיבער, אַנדריו־

שאַ, און פועלט באַם טאַטן צו שרייבן אָפטער. ער וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ גאַנצן קורס פון גערטנעריי.

יעגאָר סעמיאָניטש האָט אָנגעשטרענגט אַרויסגעלאַכט, איז רויט געוואָרן און אָנגעהויבן רעדן פראַזן, וואָסערע ס'רעדן געוויינטלעך זיך זשעבירנדיקע מחברים. לסוף, האָט ער אָנגעהויבן זיך אונטערגעבן.

— אויב אַזוי, לייען זשע צוערשט איבער גאָשעס אַרטיקל און אָט דידאָזיקע רוסישע אַרטיקעלעך, — האָט ער אַרויסגעמורמלט, מיט ציטערנדיקע הענט איבערקלייבנדיק די בראָשורן, — אַז נישט וועט דיר זיין אומפאַרשטענדלעך. איידער מען לייענט מיינע דערווידערונגען, מוז מען וויסן, קעגן וואָס איך אָפּאָניר. איבעריקנס, איז עס אַ נאַרישקייט... לאַנגווייליקע מעשות. און ס'איז שוין, דאַכט זיך, צייט צו גיין שלאָפן.

טאַניאַ איז אַרויסגעגאַנגען. יעגאָר סעמיאָניטש האָט זיך צוגעזעצט צו קאָווריגען אויף דער אָטאָמאַנע און טיף אָפּגעזיפצט.

— יאָ, ברודער דו מיינער... — האָט ער אָנגעהויבן נאָך אַ פויזע. אָט אַזוי, מיין ליבסטער מאַגיסטער. אָט שרייב איך אַרטיקלען, באַטייליק זיך אין אויסשטעלונגען, באַקום מעדאַלן... בא פיעסאָצקין, זאָגט מען, זענען דאָ עפּל פון אַ קאָפּ דער גרייס, און פיעסאָצקי, זאָגט מען, האָט מיטן גאָרטן זיך אַ פאַרמעגן פאַרשאַפט. מיט איין וואָרט: „רייך און בארימט איז קאָטשובײ". פרעגט זיך אָבער: נאָכוואָס איז דאָס אַלץ? דער גאָרטן איז ווירקלעך אַ הערלעכער, אַ מוסטערהאַפטער... דאָס איז נישט קיין גאָרטן, נאָר אַ גאַנצע אינסטיטוציע, וועלכע האָט אַ הויכע מלוכה-באַדייטונג, וואָרים דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ שטאַפּל צו אַ נייער עראַ פון רוסישער ווירטשאַפט און רוסישער אינדוסטריע. אָבער נאָכוואָס? וואָסער ציל?

— דער ענין רעדט פאַר זיך אַליין.

— איך מיין נישט דאָס. איך וויל פרעגן: וואָס וועט זיין מיטן גאָרטן, ווען איך וועל אָפּשטאַרבן? אין דעם מצב, וואָס דו זעסט אים אַצינד, וועט ער זיך אָן מיר נישט דערהאַלטן קיין איין חודש אפילו. דער גאַנצער סוד פונם דערפאָלג איז נישט דערין, וואָס דער גאָרטן איז גרויס און ס'זענען דאָ אַ סך אַרבעטער, נאָר דערין, וואָס איך האָב

ליב דעם ענין — פארשטייסט ? — כ׳האָב אים ליב, אפשר, מער, ווי זיך אַליין, ווי דו קוקסט מיך אָן, טו איך אַלץ אַליין. איך אַרבעט פונ־דערפרי ביז באַנאַכט, אַלע איינפּלאַנצונגען מאַך איך אַליין, די אַרומ־שניידונג — אַליין, די פארזעצונגען — אַליין, אַלץ — אַליין. ווען מען העלפט מיר, בין איך אייפערזיכטיק און ווער צערייצט ביז גראָבקייט. דער גאַנצער סוד ליגט אין דער ליבשאַפט, ס׳הייסט אין דעם השגחהדיקן אויג פונם באַלעבאָס, ווי אויך אין דעם באַלעבאָס׳ס הענט, און אָט אין יענעם געפיל, וואָס אַז דו פאַרסט ערגעץ צו גאַסט אויף אַ שעה, זיצסטו און דאָס האַרץ איז באַ דיר נישט אויפן אָרט, געהערסט נישט צו זיך אַליין: האָסט אַלץ מורא, ס׳זאָל ,חלילה, אין גאָרטן דערווייל גאָרנישט געשעען, און ווען איך וועל שטאַרבן, ווער וועט אַכטונג געבן? ווער וועט אַרבעטן? דער גערטנער? דער אַרבעטער? יאָ? וועל איך דיר אָט־וואָס זאָגן, פריינד ליבער: דער ערשטער שונא אין אונזער זאַך איז נישט דער האָז, נישט דער פרעס־וואָרם און נישט דער פראָסט, נאָר דער פרעמדער מענטש.

— און טאַניאַ? — האָט לאַכנדיק, געפרעגט קאָוורין. — ס׳איז נישט מעגלעך, אַז זי זאָל זיין שעדלעכער, ווי אַ האָז. זי האָט ליב און פאַרשטייט די זאַך.

— יאָ, זי האָט ליב און פאַרשטייט. אויב נאָך מיין טויט וועט דער גאָרטן איבערגיין צו איר, און זי וועט זיין די באַלעבאָסטע, דאַן קען מען, נאַטירלעך, נישט ווינטשן עפּעס בעסערס. נו, אָבער טאָמער וועט זי, חס ושלום, חתונה האָבן? — האָט אַרויסגעפּליסטערט יעגאָר סעמיאָניטש און דערשראָקן אַ קוק געטון אויף קאָוורינען. — אָט דאָס איז עס אינגאַנצן! זי וועט חתונה האָבן, ס׳וועלן זיך אָנהייבן קינדער, דאָ וועט שוין וועגן גאָרטן נישט זיין קיין צייט צו קלערן. דער עיקר האָב איך מורא פאַר איינס: זי וועט חתונה האָבן מיט עפּעס אַ יונגנ־מאַנטשיק און יענער וועט גיריק זיין אויף געלט און וועט אַוועקגעבן דעם גאָרטן אין אַרענדע הענדלערקעס, און אַלץ וועט כאַפּן דער רוח באַלד אין ערשטן יאָר! אין אונזער זאַך זענען ווייבער — גאָטס פּלאָג!

יעגאָר סעמיאָניטש האָט אָפּגעזיפצט און געשוויגן אַ ביסל.

— אפשר איז עס אַן עגאָיזם, נאָר איך זאָג אָפנהאַרציק: כ׳וויל נישט, אַז טאַניאַ זאָל חתונה האָבן. כ׳האָב מורא! דאָ פּאַרט צו אונז אָפּט עפּעס אַן עלעגאַנט מיט אַ פידל און גרימפּלט; כ׳ווייס, אַז טאַניאַ וועט מיט אים נישט חתונה האָבן, כ׳ווייס וואויל, נאָר איך קען אים נישט אָנקוקן! בכלל, בין איך טאַקע אַ געוואַלטיק אויסטערלישער מענטש, כ׳בין מודה.

יעגאָר סעמיאָניטש איז אויפגעשטאַנען און אין אויפרעגונג זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, און ס׳איז געווען קענטיק, אַז ער וויל זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס, נאָר ער דעצידירט זיך נישט.

— איך האָב דיך הייס ליב און וועל מיט דיר רעדן אָפנהאַרציק, — האָט ער זיך, ענדלעך, אַנטשלאָסן, אַריינרוקנדיק די הענט אין די קעשענעס. — צו מאַנכע קיצלדיקע פראַגן באַצי איך זיך פּשוט און זאָג אָפן דאָס, וואָס איך קלער, און כ׳קען נישט סובל זיין די אַזוי גערופענע פאַרבאָרגענע מחשבות. איך זאָג אָפן: דו ביסט דער איינציקער מענטש, פאַר וועלכן איך וואָלט נישט מורא געהאַט אויסצוגעבן די טאָכטער. דו ביסט אַ מענטש אַ קלוגער, מיט אַ האַרץ, און דו וואָלסט נישט געלאָזט אונטערגיין מיין באַליבטע זאַך. און די הויפּט-סיבה — איך האָב דיך ליב, ווי אַ זון... און שטאָלציר מיט דיר. ווען צווישן דיר און טאַניען זאָל ווי ס׳איז זיך אויספּיקן אַ ראָמאַן, דאַן — וואָס-זשע? וואָלט איך געווען זייער צופרידן און אפילו גליקלעך. איך זאָג דאָס גלייך, אָן שום קונצן, ווי אַן ערלעכער מאַן.

קאָווּרין האָט זיך צעלאַכט, יעגאָר סעמיאָניטש האָט אויפגעעפנט די טיר צום אַרויסגיין און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל.

— ווען באַ דיר מיט טאַניען זאָל געבוירן ווערן אַ זון, וואָלט איך פון אים געמאַכט אַ גערטנער-מומחה, — האָט ער געזאָגט, אַ קלער געבנדיק. — איבעריקנס, דאָס איז פּוסטע טרוימעריי... אַ גוטע נאַכט.

פאַרבליבן אַליין, האָט קאָווּרין זיך אַנידערגעלייגט באַקוועמער און זיך גענומען צו די אַרטיקלען. איבער איין אַרטיקל איז געווען אַ קעפּל: „וועגן אַ צווישנצייטלעכער קולטור״, איבער אַ צווייטן: „עטלעכע ווערטער וועגן דער נאָטיץ פון ה׳ ז. בנוגע דעם איבערדידלעווען דעם באָדן אונטער אַ נייעם גאָרטן״, איבערן דריטן: „נאָך וועגן אָקוליזאַציע מיט

אַ שלאָפנדיק קנאָספּל" — און אַלץ פון אַזאַ שטייגער. אָבער סאַראַ אומרויקער, נישט גלייכער טאָן, סאַראַ נערוועישע, כמעט קרענקלעכע ליידנשאַפטלעכקייט. אָט איז אַן אַרטיקל מיט, דאַכט זיך, אַ גאַנץ פרידלעך קעפל און מיט אַ גלייכגילטיקן אינהאַלט: ס'רעדט זיך דאָרט וועגן רוסישן גאַנג רעגירטן עפּלבוים, אָבער יעגאָר סעמיאָניטש הייבט אָן דאָס אַרטיקל פון "Audiatur altera pars" און ענדיקט — "sapienti sat" און צווישן דידאָזיקע שפּרוכן גייט אַ גאַנצער פּאָנטאַן פון פאַרשידענע גיפטיקע ווערטער אויפן אַדרעס „פון דער געלערנטער עם-הארצות פון אונזערע פּאַטענטירטע הערן גערטנער-מומחים, וועלכע אָבסערווירן די נאַטור פון דער הייך פון זייערע קאַטעדרעס", אָדער פון ה' גאָשע, „וואָס זיין דערפאָלג האָבן געשאַפן פּראָפאַנען און דילעטאַנטן", און דערביי אַ נישט אויפנאָרטיקע געקינצלטע און נישט אויפריכטיקע באַדויערונג, וואָס די פויערן, וואָס גנבענען פרוכטן און צעברעכן די ביימער, קען מען שוין נישט שמייסן מיט ריטער.

„דער ענין איז אַ שיינער, אַ סימפּאַטישער, אַ געזונטער, אָבע ראויך דאָ זענען פאַרהאַן ליידנשאַפטן און מלחמה, — האָט אַ קלער געטון קאָווורין. — משמעות, אומעטום און אויף אַלע געביטן זענען אידעען-מענטשן נערוועיש און צייכענען זיך אויס מיט אַ העכערער פילבאַרקייט. מסתמא, דאַרף אַזוי זיין".

ער האָט זיך דערמאַנט אָן טאַניען, וועלכער עס זענען אַזוי געפעלן יעגאָר סעמיאָניטשס אַרטיקלען. אַ קליינוווקסיקע, אַ בלאַסע, אַ מאָגערע, אַז מען זעט אַזש די ביינער אַרויס; די אויגן ברייט-צעעפנטע, טונקעלע, קלוגע, קוקן זיך אַלץ איינייגעם איין ערגעץ-וואו און זוכן עפּעס: דער גאַנג איז, ווי באַם פאָטער, אַ דראָבנער, אַן איילקער, זי רעדט אַ סך, האָט ליב צו דיספּוטירן, און — באַגלייט דערביי איטלעכע אַפילו אומבאַדייטנדיקע פראַזע מיט אַן אויסדריקלעכער מימיק און זשעסטיקולאַציע. משמעות, זי איז אין העכסטן גראַד נערוועיש.

קאָווורין האָט גענומען לייענען ווייטער, אָבער ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען און אָוועקגעוואָרפן. די אָנגענעמע אויפרעגונג, דיזעלבע, מיט וועלכער ער האָט נישט לאַנג געטאַנצט אַ מאַזורעק און געהערט די מוזיק-

האָט אים אַצינד געמאַטערט און אַרויסגערופן בײַ אים אַן אַ שיעור רעיונות. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן צי־מער, קלערנדיק וועגן שוואַרצן מאָנאַך. אים איז געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז אויב נאָר ער אַליין האָט געזען דעמדאָזיקן מאָדנעם אומנאַטירלעכן מאָנאַך, הייסט עס, אַז ער איז קראַנק און איז שוין דערגאַנגען צו האַ־לוציגאַציעס. דידאָזיקע סברה האָט אים איבערגעשראָקן, אָבער נישט אויף לאַנג.

„נאָר מיר איז דאָך גוט, און איך טו קיינעם נישט קיין בייז; הייסט עס, אין מײַנע האַלוצינאַציעס איז נישטאָ קיין שום שלעכטס“, — האָט ער אַ קלער געטון, און אים איז ווידער געוואָרן גוט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט די הענט, צוהאַלטנדיק די אומפאַרשטענדלעכע פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט זיין גאַנץ וועזן, דערנאָך איז ער זיך ווידער דורכגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ דער אַרבעט. אָבער די געדאַנקען, וואָס ער האָט געלייענט אינעם בוך, האָבן אים נישט באַפרידיקט. אים האָט זיך געוואָלט עפּעס גיגאַנטישעס, נישט־אַרומנעמבאַרס, איבעראַשנדיקס. פאַר־טאָג האָט ער זיך אויסגעטון און אָן חשק זיך געלייגט אויפן געלעגער: מען האָט דאָך פונדעסטוועגן געמוזט שלאָפן!

ווען ס׳האָבן זיך דערהערט די טריט פון יעגאָר סעמיאָניטשן, וועל־כער איז אַוועקגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין, האָט קאָווורין אָנגעקלונגען און געהייסן דעם לאַקיי ברענגען ווײַן. ער האָט מיט דערקוויקונג אויסגע־טרונקען עטלעכע גלעזלעך לאַפיט, נאָכדעם האָט ער זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ; זיין באַוווסטזיין האָט זיך פאַרנעפּלט, און ער איז איינ־געשלאָפן.

IV.

יעגאָר סעמיאָניטש און טאַניאַ האָבן זיך אָפט געקריגט און גע־זאָגט איינער דעם אַנדערן אומאַנגענעמלעכקייטן.

איינמאָל אינדערפרי האָבן זיי זיך איבער עפּעס צעווערטלט. טאַ־

ניא האָט זיך צעוויינט און איז אוועק צו זיך אין צימער. זי איז נישט אַרויסגעגאַנגען נישט מיטאָג עסן, נישט טרינקען טיי. יעגאָר סעמיאָניטש איז אין אַנהויב אַרומגעגאַנגען מיט אַן ערנסטער מינע און אָנגעבלאָזן, אַזוי ווי וועלנדיק געבן צו פאַרשטיין, אַז בא אים זענען די אינטערעסן פון גערעכטיקייט און אָרדנונג העכער פון אַלעמען אין דער וועלט, נאָר ער האָט נישט לאַנג אויסגעהאַלטן און איז אָפּגעפאַלן פון קוראַזש. ער האָט טרויעריק אַרומגעבלאָנקעט איבערן פּאַרק און כסדר געזיפצט: „אַך, גאָט מיינער, גאָט מיינער!" און באַם מיטאָג האָט ער נישט אויפגעגעסן קיין איין קריש. ענדלעך האָט ער אַ פאַרשולדיקטער, אַ פאַרפייניקטער פון געוויסן, אָנגעקלאַפּט אין דער פאַרשלאָסענער טיר און אָפּהעגטיק אַ רוף געטון:

— טאַניאַ! טאַניאַ?

און אַלס תשובה האָט זיך פון הינטער דער טיר אים דערהערט אַ שוואַך, פון טרערן פאַרשמאַכט און גלייכצייטיק אַנטשלאָסן קול:

— לאָזט מיך צו רו, כ'בעט אייך.

דאָס שווערע געמיט פון די באַלעבאַטים האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויפן גאַנצן הויז, אפילו אויף די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין גאָרטן. קאָוורין איז געווען פאַרזונקען אין זיין אינטערעסאַנטער אַרבעט, אָבער סוף כל סוף איז אים אויך געוואָרן אומעטיק און אומבאַקוועם. כדי צו צעטרייבן די אַלגעמיינע שלעכטע שטימונג, האָט ער באַשלאָסן זיך אַריינצומישן און פאַרנאַכט־צו אָנגעקלאַפּט צו טאַניען. מען האָט אים אַריינגעלאָזט.

— אַי, אַי, סאַראַ חרפה! — האָט ער אָנגעהויבן ליצנותדיק, מיט פאַרוווּנדערונג קוקנדיק אויף טאַניעס פאַרוויינטן, מיט רויטע פלעקן באַדעקטן און פאַרצאָגטן פנים — איז עס דען טאַקע אַזוי ערנסט? אַי, אַי!

— נאָר ווען איר זאָלט וויסן, ווי ער פּייניקט מיך! — האָט זי געזאָגט, און טרערן, הייסע, שטראָמיקע טרערן האָבן אַ שפּריץ געטאָן פון אירע גרויסע אויגן. — ער האָט מיך פאַרפּייניקט! — האָט זי פאַרגעזעצט, ברעכנדיק די הענט. — איך האָב אים גאָרנישט גערעדט... גאָרנישט... איך האָב בלויז געזאָגט, אַז ס'איז נישט נייטיק צו האַלטן... איבעריקע אַרבעטער, אויב מען קען צו יעדער צייט האָבן טאָג־מענטשן, די אַר־

בעטער... טוען דאָך שוין אַ גאַנצע וואָך גאָרנישט... איך... איך האָב גאָר דאָס געזאָגט, און ער האָט זיך צעשריגן און מיר אָנגערעדט... אָן אַ שיער באַליידיקונגען, טיפע באַליידיקונגען, פאַרוואָס?

— גענוג, גענוג, — האָט קאָורין געזאָגט, פאַרריכטנדיק איר די פריזור — איר האָט זיך איבערגעווערטלט, אויסגעוויינט און אַ סוף. מען טאָר נישט לאַנג אין כּעס זיין, ס'איז נישט גוט... בפרט נאָך, אַז ער האָט אייך אומענדלעך ליב.

— ער האָט מיר קאַליע געמאַכט דאָס גאַנצע לעבן, — האָט כּליפּענדיק פאַרגעזעצט טאַניאַ. כ'האָב נאָר פון אים בלויז באַליידיקונגען און... און דערנידערונגען. ער האַלט מיך פאַר אַן איבעריקע אין זיין הויז, מילא, ער איז גערעכט. איך וועל מאָרגן אַוועקגעפאָרן פונדאַנען, וועל זיך שטעלן פאַר אַ טעלעגראַפּיסטקע... זאָל זיין...

— נו, נו, נו... מען דאַרף נישט וויינען, טאַניאַ, מען דאַרף נישט, ליבע... איר זענט ביידע שולדיק. קומט, איך וועל צווישן אייך שלום-מאַכן.

קאָורין האָט גערעדט ליבלעך און איבערצייגנד, און זי האָט אַלץ ווייטער געוויינט, ציטערנדיק מיט די אַקסלען און צונויפקוועטשנדיק די הענט, אַזוי ווי ס'וואָלט זי כּלומרשט אינדערמאַמתן געטראָפן אַ שרעקלעך אומגליק. ער האָט רחמנות געהאַט אויף איר, נאָכמער דערפאַר, וואָס אַ צרה איז געווען נישט קיין ערנסטע, און געליטן האָט זי טיף. סאַרע נאַרישקייטן ס'איז גענוג געווען, אַז מען זאָל מאַכן דאָסדאָזיקע באַשעפעניש אומגליקלעך אויף אַ גאַנצן טאָג, און אפשר אויף אַ גאַנץ לעבן. בשעת ער האָט געטרייסט טאַניען, האָט קאָורין געטראַכט וועגן דעם, אַז אַ חוץ דעמדאָזיקן מיידל און איר פאָטער, וועט ער אויף דער גאַנצער וועלט מיט קיין ליכט נישט אָפּזוכן קיין מענטשן, וועלכע זאָלן אים ליב האָבן, ווי אַן אייגענעם, ווי אַ קרוב; ווען נישט דידאָזיקע צוויי מענטשן, וואָלט ער, פאַרלירנדיק דעם פאָטער און די מוטער אין דער פריסטער קינדהייט, אפשר ביזן סאַמע טויט זיך נישט דערוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס אויפריכטיקע צערטלעכקייט און יענע נאַיווע, נישט-טראַכטנדיקע ליבשאַפט, וועלכע מען שפּירט נאָר צו זייער נאָנטע, אייגנ-בלוטיקע מענטשן. און ער האָט געפילט, אַז אויף זיינע האַלב-קראַנקע, צעטרייבערטע נערוון רופן זיך אָפּ, ווי אייזן אויף מאַגניס, די נערוון פון

דעמדאָזיקן וויינענדיקן, ציטערנדיקן מיידל. ער וואָלט שוין קיינמאָל נישט געקענט ליב קריגן קיין געזונטע, פעסטע, רויטבאַקיקע פרוי, אָבער די בלאַסע, שוואַכע, אומגליקלעכע טאַניאַ איז אים געפעלן.

און ער האָט גערן געגלעט אירע האָר און אַקסלען, האָט איר געדריקט די הענט און אויסגעווישט די טרערן... ענדלעך, האָט זי אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט זיך נאָך לאַנג באַקלאָגט אויפן פאָטער און אויף איר שווער, אומפאַרטראָגלעך לעבן אין דעם הויז, בעטנדיק קאָוורינען אַריינצוגיין אין איר לאַגע; דערנאָך האָט זי צוביסלעך אָנגעהויבן צו שמייכלען און זיפצן, וואָס גאָט האָט איר געגעבן אַזאַ שלעכטן כאַראַקטער, סוף כּל סוף האָט זי זיך הויך צעלאַכט, זיך אָנגערופן נאַר און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

ווען קאָוורין איז אַ ביסל שפּעטער אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן, האָבן יעגאָר סעמיאָניטש מיט טאַניען, ווי קיינמאָל גאָרנישט, געשפּאַצירט באַנאַנד איבער דער אַלעיע און האָבן ביידע געגעסן קאָרן־ברויט מיט זאַלץ, מחמת ביידע זענען געווען הונגעריק.

V.

אַ צופרידענער, וואָס אים האָט זיך אַזוי איינגעגעבן די ראָלע פון אַ רודף־שלום, איז קאָוורין אַוועקגעגאַנגען אין פּאַרק. זיצנדיק פאַרטראַכטערהייט אויף דער באַנק, האָט ער געהערט אַ קלאַפּעריי פון עקיפּאַזשן און אַ פרויען־געלעכטער — דאָס זענען געקומען צו פאָרן געסט. ווען אָונטיקע שאָטנס האָבן זיך אָנגעהויבן צו לייגן אינם גאָרטן, האָבן זיך נישט דייטלעך דערהערט קלאַנגען פון אַ פידל און זינגענדיקע קולות. און דאָס האָט אים דערמאַנט אָן דעם שוואַרצן מאָנאַך. ווו ערגעץ, אין וואָסער לאַנד אָדער אויף וואָסער פּלאַנעט שוועבט איצט אַרום דידאָזיקע אָפּטישע אויסטערלישקייט?

אַזוי ווי נאָר אים איז געקומען אויפן זכּרון די לעגענדע און ער האָט זיך אויסגעמאָלט אין זיין דמיון יענע טונקעלע דערשיינונג, וועלכע

ער האָט געזעען אויפן קאָרן־פעלד, ווי פון הינטער אַ סאָסנע אַפּער, אַקוראַט קעגנאיבער אים איז שטילערהייט, אָן שום שאָרך, אַפּערגעגאַנגען אַ מענטש פון מיטעלן וואוקס מיט אַ נישט פאַרדעקטן גרויען קאָפּ, איינגאַנצן אין שוואַרצן און באָרוועס, איז ער ענלעך געווען צו אַ בעטלער, און אויף זיין בלייכן, ממש טויטן פּנים האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט אַ פּאָר שוואַרצע ברעמען. שאָקלענדיק פריינדלעך מיטן קאָפּ, איז דער בעטלער אָדער וואַנדערער רוישלאָז צוגעגאַנגען צו דער באַנק און האָט זיך אַנידערגעזעצט, און קאָווּרין האָט אין אים דערקענט דעם שוואַרצן מאָנאַך. אַ מינוט האָבןביידע געקוקט איינער אויפן אַנדערן — קאָווּרין מיט שטוינונג, און דער מאָנאַך ליבלעך און, אַקוראַט ווי דעמאָלט, אַ ביסל ממזריש, מיט עפּעס אַ הינטער־כוונהדיקן אויסדרוק.

— אָבער דו ביסט דאָך אַ מיראַזש, — האָט אַ זאָג געטון קאָווּרין. — נאָך וואָס־זשע ביסטו דאָ און זיצסט אויף איין אָרט? דאָס בינדט זיך נישט מיט דער לעגענדע.

— דאָס איז אַלץ איינס, — האָט דער מאָנאַך נישט באַלד געענטפערט מיט אַ שטיל קול און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים. די לעגענדע, דער מיראַזש און איך — דאָס אַלץ איז אַ פּראָדוקט פון דיין אויפגערעגטן כּוח־הדמיון. איך בין — אַ וויזיע.

— הייסט עס, דו עקזיסטירסט נישט? — האָט געפרעגט קאָווּרין.

— קלער, ווי דו ווילסט, — האָט געזאָגט דער מאָנאַך און אַ שוואַכן שמייכל געטון. — איך עקזיסטיר אין דיין פאַנטאַזיע. און די פאַנטאַזיע דיינע איז אַ חלק פון דער נאַטור, הייסט עס, איך עקזיסטיר אויך אין דער נאַטור.

— דו האָסט זייער אַן אַלט, קלוג און אין העכסטן גראַד אויסדריקלעך פּנים, גלייך דו וואָלסט אינדעראמתן אָפּגעלעבט העכער טויזנט יאָר, — האָט קאָווּרין געזאָגט. — איך האָב נישט געוואוסט, אַז מיין פאַנטאַזיע איז מסוגל צו באַשאַפן אַזעלכע פענאָמענס. אָבער וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אַזאַ התפּעלות? איך געפעל דיר?

— יאָ. דו ביסט איינער פון יענע איינצעלנע, וועלכע ווערן מיט רעכט אָנגערופן גאָטס אויסדערוויילטע. דו דינסט דעם אייביקן אמת. דיינע געדאַנקען, כּוונות, דיין וווּנדערבאַרע לערע און דיין גאַנץ לעבן טראָגן אויף זיך אַ געטלעכן, הימלישן חותם, מחמת זיי זענען געווידמעט

דעם שכלדיקן און הערלעכן, דאָס הייסט דעמיעניקן, וואָס איז אייביק.

— דו האָסט געזאָגט: דעם אייביקן אמת... אָבער צי איז דען די מענטשן צוגענגלעך און נייטיק דער אייביקער אמת, קוים איז נישטאָ קיין אייביק לעבן?

— אייביק לעבן איז דאָ, — האָט געזאָגט דער מאָנאַך.

— דו גלייבסט אין מענטשנס אומשטערבלעכקייט?

— יאָ, געוויס. אייך, מענטשן, דערוואַרט אַ גרויסע, גלענצנדיקע צוקונפט. און וואָס מער ס׳זענען פאַראַן אויף דער ערד אַזעלכע, ווי דו, אַלץ גיכער וועט פאַרווירקלעכט ווערן דידאָזיקע צוקונפט. אָן אייך, די דינער פון אַ העכערן אָנהויב, וואָס לעבן באַוווסטזיניק און פריי, וואָלט די מענטשהייט געווען נישטיק; אַנטוויקלענדיק זיך מיט אַ נאָרמאַלן סדר, וואָלט זי נאָך לאַנג געוואַרט אויף דעם סוף פון איר ערדישער געשיכטע. איר אָבער וועט מיט עטלעכע טויזנט יאָר פריער אַריינפירן די מענטשהייט אין דער מלוכה פון אייביקן אמת — און דערין באַשטייט אייער העכער פאַרדינסט. איר פאַרקערפּערט אין זיך גאָטס ברכה, וואָס רוט אויף די מענטשן.

— און וואָס איז דער ציל פון אייביקן לעבן? — האָט געפרעגט קאָווערין.

— אַזוי ווי פון יעדן לעבן — תענוג. אמתער תענוג איז אין דערקענטעניש, און דאָס אייביקע לעבן וועט צושטעלן אומציילבאַרע און אומדערשעפּלעכע קוואַלן פאַר דערקענטעניש, און אין דאָזיקן זינען ווערט געזאָגט: אינם הויז פונם הימלישן פאָטער זענען פאַרהאַן אַ סך וואוינערטער.

— ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי אָנגענעם ס׳איז דיך צו הערן! — האָט געזאָגט קאָווערין, רייבנדיק פון פאַרגעניגן די הענט.

— ס׳פרייט מיך זייער.

— נאָר איך ווייס: ווען דו וועסט אַוועקגיין, וועט מיך באַאומרויִקן די פראַגע וועגן דיין מהות. דו ביסט אַ וויזיע, אַ האַלוצינאַציע, הייסט עס, איך בין פסיכיש קראַנק, נישט נאָרמאַל?

— ווען אפילו אַזוי, וואָס האָט עס דיך צו באַאומרויִקן? דו ביסט

קראַנק. וואָרים האָסט געאַרבעט איבערן כוח און זיך איבערגעאַרבעט, און דאָס הייסט, אַז דו האָסט דיין געזונט געבראַנגט אַלס אַ קרבן דער אידעע, און ס'איז נאָנט די צייט, ווען דו וועסט איר אָפּגעבן דאָס לעבן גופא. וואָס קען דען זיין בעסער? דאָס איז — יענץ, צו וואָס עס שטרעבן בכלל אַלע פון גאָט באַגאַבטע איידעלע נאַטורן.

— אויב איך ווייס, אַז איך בין פסיכיש קראַנק, קען איך דען זיך גלייבן?

— און פונוואַנען ווייסטו, אַז די געניאַלע מענטשן, וועלכע ס'גלייבט די גאַנצע וועלט האָבן אויך נישט געזען קיין וויזיעס? זאָגן דאָך אַצינד די געלערנטע, אַז געניאַליטעט גרעניצט מיט משוגעת. ניין, פריינד, געזונט און נאָרמאַל זענען בלויז דורכשניטלעכע סטאַדע-מענטשן, די באַהויפּטונגען בנוגע אונזער נערוועישן דור, איבערמאַטערונג, דעגענעראַציע א. ד. גל. קענען ערנסט אַרן נאָר יענע, וואָס זעען דעם ציל פון לעבן אין דער קעגנוואַרט, דאָס הייסט — די סטאַדע-מענטשן.

— די רוימער האָבן געזאָגט: mens sana in corpore sano.*)

— נישט אַלץ, וואָס ס'האָבן געזאָגט די רוימער און די גריכן, איז אמת. געהויבענע שטימונג, אויפגערעגטקייט, עקסטאַז — דאָס אַלץ, וואָס שיידט אונטער נביאים, פּאָעטן, מאַרטירער פאַר אידעען פון געוויינטלעכע מענטשן, איז קייגן דער גשמיות פונם מענטשן. דאָס הייסט — קייגן זיין פיזישן געזונט. איך חזר איבער: אויב דו ווילסט זיין געזונט און נאָרמאַל, גיי אין דער סטאַדע אַריין.

— מאָדנע, דו חזרסט איבער דאָס, וואָס קומט אָפט מיר אַליין אין קאָפּ אַריין, — האָט געזאָגט קאָווורין. — דו האָסט אַזוי ווי אָפּגעקוקט און אונטערגעהערט מיינע פאַרבאָרגענע געדאַנקען. אָבער לאָמיר נישט רעדן וועגן מיר. וואָס פאַרשטייסטו אונטער אייביקן אמת?

דער מאָנאַך האָט נישט געענטפערט, קאָווורין האָט אויף אים אַ

---

*) אַ געזונט-ער גייסט איז אין אַ געזונטן קערפּער.

קוק געטון און נישט דערזעען דאָס פּנים: זיינע שטריכן האָבן זיך פאַר־נעפּלט און זענען צעשוואומען געוואָרן. נאָכדעם האָבן באַם מאַנאַך אָנגע־הויבן צו פאַרשווינדן דער קאָפּ, די הענט; דער גוף זיינער האָט זיך צו־נויפגעמישט מיט דער באַנק און מיטן אָוונטיקן בין-השמשות און ער איז אינגאַנצן נעלם געוואָרן.

— די האַלוצינאַציע האָט זיך געענדיקט — האָט קאָווורין געזאָגט און זיך צעלאַכט. — נאָר אַ שאָד.

ער איז צוריקגעגאַנגען צום הויז אַ פרייליעכער און אַ גליקלעכער. דאָס ביסל, וואָס דער שוואַרצער מאַנאַך האָט אים געזאָגט, האָט געשמייכלט נישט דער אייגנליבע, נאָר דער גאַנצער נשמה, דעם גאַנצן וועזן זיינעם. זיין אַן אויסדערוויילטער, דינען דעם אייביקן אמת, שטיין אין דער ריי פון יענע, וואָס וועלן אויף עטלעכע טויזנט יאָר פריער מאַכן די מענטש־הייט פאַר ראווי צו אַ געטלעכער הערשאַפט, דאָס הייסט, זיי וועלן אויס־לייזן די מענטשן פון איבעריקע עטלעכע טויזנט יאָר קאַמף, זינד און ליידן, אַוועקגעבן דער אידעע אַלץ — די יוגנט, די כוחות, דאָס געזונט, גרייט זיין צו שטאַרבן פאַרן אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, — סאַראַ הויכע, גליקלעכע מיסיע! בּאַ אים אין זכרון האָט זיך דורכגעטראָגן זיין עבר, אַ ריינער, אַ צנועותדיקער, אַ מיפּולער. ער האָט זיך דערמאַנט אָן דעם, וואָס ער האָט אַליין געלערנט און געלערנט אַנדערע, און ער האָט באַ־שלאָסן, אַז אין מאָנאַכס רייד איז נישט געווען קיין גוזמא.

אים אַקעגן איבערן פּאַרק איז געגאַנגען טאַניאַ, זי איז שוין געווען אין אַן אַנדער קלייד.

— איר זענט דאָ? — האָט זי געזאָגט. — און מיר זוכן אייך און זוכן... נאָר וואָס איז מיט אייך? — האָט זי זיך פאַרוואונדערט, אַ קוק געבנדיק אויף זיין התפּעלותדיק, שיינענדיק פּנים און אויף די אויגן, פו־לע מיט טרערן. — סאַראַ מאָדנער איר זענט, אַנדריושאַ.

— איך בין צופרידן, טאַניאַ — האָט געזאָגט קאָווורין, אַרויפלייגנ־די הענט אויף אירע אַקסלען. איך בין מער ווי צופרידן, איך בין גליק־לעך! טאַניאַ, ליבע טאַניאַ. איר זענט אַ געוואַלטיק סימפּאַטיש וועזן. ליבע טאַניאַ, איך בין אַזוי צופרידן, אַזוי צופרידן.

ער האָט איר הייס אַ קוש געטון אין ביידע הענט און פאַרגע־זעצט:

— איך האָב אָקאָרשט איבערגעלעבט ליכטיקע, וווּנדערבאַרע, ניש
ערדישע מינוטן. אָבער איך קען אייך נישט דערציילן אַלץ, וואָרים איר
וועט מיך האַלטן פאַר אַ משוגענעם, אָדער איר וועט מיר נישט גלייבן,
וועלן מיר רעדן וועגן אייך, ליבע, ווילע טאַניאַ! איך האָב אייך ליב
און האָב זיך שוין צוגעוואוינט ליב צו האָבן אייער נאָענטקייט. די טרע-
פונגען צו צען מאָל אין טאָג זענען געוואָרן מיינס אַ נשמה-באַדערפעניש.
איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך וועל זיך באַגיין אָן אייך, ווען איך וועל
אָוועקפאָרן צו זיך.

— נו, — האָט זיך טאַניאַ צעלאַכט. — איר וועט אָן אונדז פאַר-
געסן נאָך צוויי טעג. מיר זענען מענטשן קליינטשיקע, און איר זענט
גרויסער מענטש.

— ניין, לאָמיר רעדן ערנסט — האָט ער געזאָגט. — איך וו
אייך מיטנעמען מיט זיך, טאַניאַ, יאָ? איר וועט פאָרן מיט מיר? א
ווילט זיין מיינע?

— נו! — האָט טאַניאַ געזאָגט און ווידער געוואָלט זיך צעלאַ
נאָר ס'איז נישט אַרויסגעקומען קיין געלעכטער, רויטע פלעקן האָבן זי
באַוויזן באַ איר אויפן פנים.

זי האָט אָנגעהויבן אָפט צו עטעמען און שנעל-שנעל זיך געלאָ
גיין, אָבער נישט צום הויז, נאָר ווייטער אין פאַרק אַריין.

— איך האָב נישט געקלערט וועגן דעם... כ'האָב נישט גע
קלערט! — האָט זי געזאָגט, אַזוי ווי מיט פאַרצווייפלונג צובויפדריקנדי
די הענט.

און קאָווריגן איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט גערעדט אַלץ מי
זעלביקן שיינענדיקן, באַגייסטערטן פנים:

— איך וויל ליבע, וועלכע זאָל מיך פאַרכאַפן אינגאַנצן, און די
דאָזיקע ליבע קענט נאָר איר, טאַניאַ, מיר געבן. איך בין גליקלעך
גליקלעך!

זי איז געווען צעטומלט, האָט זיך איינגעבויגן, איינגעקאָרטשעט
און ממש ווי זי וואָלט עלטער געוואָרן מיטאַמאָל אויף אַ צען יאָר, או
ער האָט זי געפונען פאַר הערלעך און האָט הויך אויסגעדריקט זיי
התפעלות:

— ווי שיין זי איז!

VI.

דערוויסנדיק זיך פון קאָווריגען, אַז נישט בלויז אַ ראָמאַן האָט זיך אויסגעוויקלט, נאָר אַז ס׳וועט זאָגאַר זיין אַ חתונה, איז יעגאָר סעמיאָניטש לאַנג אַרומגעגאַנגען פון איין ווינקל אין אַנדערן, באַמיענדיק זיך צו באַהאַלטן זיין אויפרעגונג. די הענט האָבן זיך באַ אים אָנגעהויבן צו טרייסלען, דער האַלז האָט זיך אָנגעבלאָזן און איז רויט געוואָרן; ער האָט געהייסן איינשפּאַנען די ברישקע, און איז ערגעץ־ווו אַוועקגעפאָרן. טאַניאַ, וועלכע האָט געזען, ווי ער האָט אַ שמיץ געטון דאָס פערד און ווי טיף, כמעט אויף די אויערן, ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל, האָט פאַרשטאַנען זיין געמיט; זי האָט זיך פאַרשלאָסן באַ זיך און אָפּגעוויינט דעם גאַנצן טאָג.

אין די אָראַנזשעריעס זענען שוין צייטיק געוואָרן די ווייַנפּערלעך און פלוימען; דאָס פאַרפּאַקן און אַרויסשיקן קיין מאָסקווע די דאָזיקע איידעלע און קאַפּריזנע לאָדונג האָט געפאָדערט אַ סך אויפמערקזאַמקייט, מי און דאגות. צוליב דעם, וואָס דער זומער איז געווען זייער אַ הייסער און אַ טרוקענער, האָט מען געמוזט באַגיסן יעדן בוים, אויף וואָס ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ סך צייט און אַרבעטס־קראַפט, און ס׳האָבן זיך באַוויזן מאַסן רויפּנווערמלעך, וועלכע די אַרבעטער און אפילו יעגאָר סעמיאָניטש און טאַניאַ האָבן, צום גרויסן עקל פון קאָווריגען, צעקוועטשט פשוט מיט די פינגער. אַ חוץ דעם אַלעמען האָט מען שוין באַדאַרפט אָננעמען באַשטעלונגען צום האַרבסט אויף אויבסט און ביימער און פירן אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ. און אין סאַמע הייסטער צייט, ווען ס׳האָט זיך געדאַכט, באַ קיינעם איז נישט געווען קיין מינוט פרייע צייט, איז אונטערגעקומען די פעלד־אַרבעט, וועלכע האָט אַוועקגענומען באַם סאָד העכער אַ העלפט אַרבעטער; יעגאָר סעמיאָניטש איז, אַ שטאַרק אָפּגעברענטער, אַ פאַרמאַטערטער, אַ בייזער געלאָפן דאָ אין גאָרטן, דאָ אין פעלד אַריין און האָט געשריגן, אַז מען צערייסט אים אויף שטיקער און אַז ער וועט זיך אַריינלאָזן אַ קויל אין קאָפּ אַריין.

און דאָ נאָך דאָס פּאַרעניש מיטן אויסשטייער, וועלכן די פּיעסאַצ־קעס האָבן צוגעגעבן נישט קיין קליינע באַדייטונג; פון געקלימפּ מיט די שערן, פון קלאַפּעריי פון די ניי־מאַשינען, פון דעם טשאַד פון די פּרעס־אייזנס און פון די קאַפּריזן פון דער מאַדיסטקע, אַ נערוועישער, באַליידיקלעכער דאַמע, האָבן זיך באַ אַלע אין שטוב געדרייט די קעפּ. און ווי בכיוון, פלעגן יעדן טאָג קומען צו פאָרן געסט, וועלכע מען האָט געמוזט פּאַרווײלן, געבן עסן און אפילו איבערלאָזן אויף נעכ־טיקן. נאָר דידאָזיקע גאַנצע קאַטאָרגע איז אַריבערגעגאַנגען אומבאַמערקט, אַזוי ווי אין אַ נעפּל. טאַניאַ האָט זיך געפילט אַזוי, ווי די ליבע און דאָס גליק וואָלטן זי פּאַרכאַפּט אומגעריכט, הגם פון פּערצען יאָר אָן איז זי איבער עפּעס זיכער געווען, אַז קאָוורין וועט חתונה האָבן דווקא מיט איר. זי האָט געשטוינט, געגאַפט, נישט געגלייבט זיך אַליין... דאָ פלייצט פּלוצלינג אָן אַזאַ פרייד, אַז ס'ווילט זיך איר אַוועקפליען אונטער די וואָלקנס און דאָרטן מתפּלל זיין צו גאָט, און דאָ קומט איר פּלוצלינג אויפן זינען, אַז אין אויגוסט וועט אויסקומען זיך צו שיידן מיט דער היימישער נעסט און פּאַרלאָזן דעם פאָטער, אָדער גאָר ס'קומט, גאָט ווייסט פונוואַנען, אַ געדאַנק, אַז זי איז נישטיק, קליינטשיק און נישט ווערט אַזאַ גרויסן מענטש, ווי קאָוורין, — און זי גייט אַוועק צו זיך, פּאַרשליסט זיך און וויינט ביטער במשך פון עטלעכע שעה. ווען ס'זענען דאָ געסט, הייבט זיך איר פּלוצלינג אָן דאַכטן, אַז קאָוורין איז אומגעווײנטלעך שיין און אַז אַלע פרויען זענען אין אים פּאַר־ליבט און זענען זי מקנא, און איר נשמה ווערט איבערפולט פון התפּעלות און שטאָלץ, גלייך זי וואָלט כּלומרשט באַזיגט די גאַנצע וועלט; נאָר ס'איז גענוג, ער זאָל פריינדלעך אַ שמייכל טון צו אַ וועלכער ס'איז פריילין, ווי זי ציטערט שוין פון אייפערזוכט, גייט אַוועק צו זיך — און ווידער טרערן. דידאָזיקע נייע איבערלעבענישן האָבן זי באַהערשט פול־שטענדיק; זי פלעגט מעכאַניש צוהעלפן דעם פאָטער און האָט נישט באַ־מערקט נישט די ווינפּערלעך, נישט די רויפנווערעמלעך, נישט די אַרבע־טער, אפילו נישט דאָס, ווי שנעל ס'איז געלאָפן די צייט.

מיט יעגאָר סעמיאָניטשן איז פּאָרגעקומען כּמעט דאָס אייגענע. ער האָט געאַרבעט פונדערפרי ביז נאַכט, אַלץ זיך געאיילט ערגעץ־ווו, איז אַרויסגעגאַנגען פון די כּלים, אויפגערעגט געוואָרן, נאָר דאָס אַלץ איז

צפעס אַ מין פּאַרפישופטן האַלב־שלאָף. ס׳האָט אויסגעזען, אַזוי ווי אין אים וואָלטן איצט געזעסן צוויי מענטשן: איינער איז געווען דער אמתדיקער יעגאָר סעמיאָניטש, וועלכער, הערנדיק דעם באַריכט פונם גערטנער אי־וואַן קאַרליטש וועגן די אומאָרדנונגען, איז אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט מיט פאַרצווייפלונג זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ, און דער צווייטער דער נישט אמתדיקער, ממש האַלב־שכורער, וועלכער האָט פּלוצלינג אינמיטן וואָרט איבערגעריסן דעם געשעפטסלעכן שמועס, האָט אָנגערירט דעם גערטנער באַם אַקסל און אָנגעהויבן מורמלען:

— זאָג, וואָס דו ווילסט, נאָר בלוט האָט אַ גרויסע באַדייטונג. זיין מוטער, עליה השלום, איז געווען אַ וווּנדערלעכע, אויסערגעוויינטלעך איידעלע און קלוגע פרוי. ס׳איז געווען אַ תענוג צו קוקן אויף איר גוט, לויטער, ריין פּנים, ווי באַ אַ מלאך. זי האָט הערלעך געמאָלט, געשריבן געדיכטן, גערעדט אויף פינף אויסלענדישע שפּראַכן, געזונגען... גע־שטאָרבן איז זי נעבעך, די אומגליקלעכע, פון שווינדזוכט.

דער נישט אמתדיקער יעגאָר סעמיאָניטש האָט געזיפצט און נאָך אַ װײַלע פאַרגעזעצט:

— ווען ער איז געווען אַ ייִנגל און געוואַקסן באַ מיר, איז באַ אים געווען פּונקט אַזאַ מלאכיש פּנים, אַ לויטערס און אַ גוטס. באַ אים איז סיי דער בליק, סיי די באַוועגונגען, סיי דאָס רעדן, צאַרט און גאַ־לאַנט, ווי באַ דער מוטער. און דער שכל? ער פלעגט אונדז תּמיד איבערראַשן מיט זיין שכל. וואָס איז דאָ צו רעדן, נישט אומזיסט איז ער אַ מאַגיסטער. נישט אומזיסט! און וואַרט צו, איוואַן קאַרליטש, וואָס ער וועט נאָך זיין אין אַ יאָר צען אַרום! וועסט מיט דער האַנט נישט דער־לאַנגען!

נאָר תּוך כּדי דבור האָט דער אמתדיקער יעגאָר סעמיאָניטש זיך אויפגעכאַפּט, געמאַכט אַ מוראדיק פּנים, געכאַפּט זיך באַם קאָפּ און געשריגן:

— טייוולאָנים! זיי האָבן פאַראומרייניקט, פאַרברודיקט, אַ תּל גע־מאַכט! פאַרפאַלן דער גאָרטן! אויס גאָרטן!

און נאָר איין קאָורין האָט געאַרבעט מיט דער פריערדיקער התמדה און נישט באַמערקט דעם גאַנצן טאַראַראַם. די ליבע האָט בלויז אונטערגעגאָסן בוימל צום פייער. נאָך יעדן זעען זיך מיט טאַניען, איז

ער אַ גליקלעכער, אַ התלהבותדיקער, געגאַנגען צו זיך און מיט דער אייגענער ליידנשאַפטלעכקייט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געקושט טאַניען, האָט ער זיך גענומען צום בוך אָדער צו זיין כתב־יד. דאָס, וואָס דער שוואַרצער מאָנאַך האָט געזאָגט וועגן גאָטס אויסדערוויילטע, וועגן איי־ביקן אמת, וועגן דער גלענצנדיקער צוקונפט פון דער מענטשהייט א. אַ. וו., האָט צוגעגעבן זיין אַרבעט אַ באַזונדערע, אומגעווייטלעכע באַדייטונג און אָנגעפילט זיין נשמה מיט שטאָלץ, מיט באַוווסטזיין פון דער אייגע־נער הויכקייט. איין אָדער צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט ער זיך טרעפן מיטן שוואַרצן מאָנאַך און לאַנג מיט אים שמועסן, אָבער דאָס האָט אים נישט געשראָקן, נאָר, פאַרקערט, ס׳פלעגט אים אַנטציקן, מחמת ער איז שוין געווען פעסט איבערצייגט, אַז אַזעלכע זעונגען באַזוכן בלויז אויס־דערוויילטע, אויסגענומענע מענטשן, וואָס האָבן זיך געווידמעט אויף צו דינען דער אידעע.

איינמאָל איז דער מאָנאַך דערשינען בשעתן מיטאָג און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין עס־צימער באַם פענסטער. קאָוורין האָט זיך דערפרייט און זייער געשיקט פאַרפירט אַ געשפרעך מיט יעגאָר סעמיאָניטשן און טאַניען אויף אַ טעמע, וואָס האָט געקענט זיין אינטערעסאַנט פאַרן מאָנאַך; דער שוואַרצער גאַסט האָט געהערט און פריינדלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ, און יעגאָר סעמיאָניטש מיט טאַניען האָבן אויך געהערט און פריילעך צוגעשמייכלט, נישט חושד זייענדיק, אַז קאָווּרין רעדט נישט מיט זיי, נאָר מיט זיין האַלוציניאַציע.

אומבאַמערקט איז אָנגעקומען „אוספענסקי פאָסט”, און קורץ נאָך אים דער טאָג פון דער חתונה, וועלכע מען האָט אויפן בפירושן פאַרלאַנ־ג פון יעגאָר סעמיאָניטשן אָפּגעפייערט „מיטן גאַנצן קנאַק”, דאָס הייסט, מיט אַן אומזיניקער הוליאַנקע, וואָס האָט געדויערט צוויי מעת־לעת. מען האָט אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען פאַר אַן ערך דריי טויזנט רובל, נאָר מחמת דער שלעכטער געדונגענער מוזיק, שרייערישע טאָסטן און דער לויפעניש פון די לאָקייען, מחמת דעם געפילדער און דער ענגשאַפט, האָט מען נישט געפילט קיין טעם נישט אין די טייערע ווינען, נישט אין די וואונדערבאַרע פאַרבייסעכצן, וואָס זענען ספּעציעל אויסגעשריבן געוואָרן פון מאָסקווע.

VII.

איינמאָל אין איינער פון די לאַנגע ווינטער־נעכט, איז קאָוורין געלעגן אויפן געלעגער און האָט געלייענט אַ פראַנצויזישן ראָמאַן. די אָרימע טאַניאַ, וועלכער ס'פלעגט — פון אומגעוואוינהייט צו וואוינען אין שטאָט — אין די אָוונטן ווי טון דער קאָפּ, איז שוין לאַנג געשלאָפן און האָט פון צייט צו צייט פון שלאָף אַרויסגערעדט עפּעס אומזיניקע פראַזן.

ס'האָט אויסגעקלאַפּט דריי אַ זייגער. קאָוורין האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט און זיך געלייגט; לאַנג איז ער געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, נאָר האָט נישט געקענט איינשלאָפן, ווי אים האָט זיך געדאַכט, דערפאַר, וואָס אין צימער איז געווען הייס און טאַניאַ האָט גערעדט פון שלאָף. אַרום האַלב פינף האָט ער ווידער אָנגעצונדן אַ ליכט און אין דער מיטן האָט ער דערזען דעם שוואַרצן מאָנאַך, וועלכער איז געזעסן אין אַ פאָטעל לעבן בעט.

— וואָס מאַכסטו, — האָט געזאָגט דער מאָנאַך און, שווייגנדיק אַ ווייל, האָט ער געפרעגט: — וועגן וואָס קלערסטו איצט?

— וועגן רום, — האָט קאָוורין געענטפערט. — אינם פראַנצויזישן ראָמאַן, וועלכן איך האָב אָקאָרשט געלייענט, איז געשילדערט אַ מענטש, אַ יונגער געלערנטער, וואָס טוט אָפּ נאַרישקייטן און דאַרט פון בענקשאַפט נאָך רום. מיר איז דידאָזיקע בענקשאַפט אומפאַרשטענדלעך.

— ווייל דו ביסט קלוג. דו באַציסט דיך צו רום גלייכגילטיק, ווי צו אַ שפּילעכל, וואָס אינטערעסירט דיך נישט.

— יאָ, ס'איז אמת.

— באַוואוסטקייט שמייכלט דיר נישט. וואָס פאַר אָנגענעמס ציפרייעכס, אָדער באַלערנדיקס איז פאַראַן אין דעם, וואָס מען וועט דיין נאָמען אויסקריצן אויף דער מצבה און די צייט וועט נאָכדעם אָפּמעקן

דעמדאָזיקן באַגילדטן אויפשריפט צוזאַמען מיט דעם גאָלד? און צום גליק, זענט איר אויך אין אַ צו גרויסער צאָל, אַז דער שוואַכער מענטשלעכער זכרון זאָל קענען געדענקען אײַערע נעמען.

— פאַרשטייט זיך, — האָט קאָוורין מסכּים געווען. — און נאָכוואָס גאָר זיי געדענקען? נאָר לאָמיר רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. למשל, וועגן גליק. וואָס איז אַזוינס גליק?

ווען דער זייגער האָט געשלאָגן פינף, איז ער געזעסן אויפן בעט די פיס אַראָפּגעהאָנגען צום דיוואַן, און האָט גערעדט, זיך ווענדנדיק צום מאָנאַך:

— פאַרצייטנס האָט אַ געוויסער גליקלעכער מענטש סוף כּל סוף זיך דערשראָקן פאַר זיין גליק — אַזוי גרויס איז עס געווען! — און בכדי אויסצובעטן חסד בײַ די געטער, האָט ער זיי געברענגט אַלס קרבן זיין באַליבטן רינג. ווייסטו? מיך הייבט אויך אָן, ווי פּאָליקראַטן, אַ ביסל צו באַאומרויקן מיין גליק. מיר זעט אויס מאָדנע, וואָס פונדערפרי ביז נאַכט שפּיר איך בלויז פרייד, וועלכע פאַרפולט מיך אינגאַנצן און פאַרטויבט אין מיר אַלע אַנדערע געפילן. איך ווייס נישט, וואָס איז אַזוינס אומעט, טרויער אָדער לאַנגווייליקייט. אָט שלאָף איך נישט אַצינד, ב'לייד אויף שלאָפלאָזיקייט, אָבער מיר איז נישט לאַנגווייליק. איך זאָג ערנסט: איך הייב אָן צו שטוינען.

— אָבער פאַרוואָס? — האָט זיך פאַרחידושט דער מאָנאַך. — צי איז דען פרייד אַן אומנאַטירלעך געפיל? צי דאַרף זי דען נישט זיין דער נאָרמאַלער צושטאַנד פון מענטשן? וואָס העכער דער מענטש איז, לויט זיין גייסטיקער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג, וואָס פרייער ער איז, אַלץ אַ גרעסער פאַרגעניגן פאַרשאַפט אים דאָס לעבן. סאָקראַטעס, דיאָגען און מאַרק אַורעלי האָבן איבערגעלעבט פרייד, און נישט קיין טרויער. אויך דער אַפּאָסטאָל זאָגט: פרייט זיך כּסדר. פריי-זשע זיך און זיי גליקלעך.

— און טאָמער וועלן די געטער בייז ווערן? — האָט אַ שפּאַס געטון קאָוורין און זיך צעלאַכט. — אויב זיי וועלן בײַ מיר צונעמען דעם קאָמפאָרט און מיך צווינגען צו פרירן און הונגערן, וועט דאָס מיר זיכער גאָרנישט שמעקן.

טאַניאַ האָט זיך דערווייל אויפגעכאַפּט און מיט שטוינונג און אימה

געקוקט אויפן מאַן. ער האָט געדערט, ווענדנדיק זיך צום פאַטעל, געזשעס־טיקולירט און געלאַכט; זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט, און אין זיין געלעכטער איז געווען עפּעס משוגעדיקס.

— אַנדריושאַ, מיט וועמען רעדסטו? — האָט זי געפרעגט, אָנכאַפּנדיק אים בײַ דער האַנט, וועלכע ער האָט אויסגעצויגן צום מאַנאַך. — אַנדריושאַ! מיט וועמען?

— האַ? מיט וועמען? — האָט זיך קאָרוין צעמישט. — אָט מיט אים... אָט זיצט ער, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן שוואַרצן מאַנאַך.

— קיינער איז דאָ נישטאָ... קיינער! אַנדריושאַ, דו ביסט קראַנק!

טאַניאַ האָט אַרומגענומען דעם מאַן און זיך צוגעדריקט צו אים, אַזוי ווי באַשיצנדיק אים פון די זעונגען, און האָט אים פאַרדעקט די אויגן מיט דער האַנט.

— דו ביסט קראַנק! — האָט זי אַרויסגעיאָמערט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער. — זיי מיר מוחל, ליבער, טייערער, נאָר איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז די נשמה איז בײַ דיר עפּעס נישט אין אָרדנונג... דו ביסט פּסיכיש קראַנק, אַנדריושאַ...

איר שוידערן האָט זיך אים אויך איבערגעגעבן. ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויפן פאָטעל, וועלכער איז שוין געווען ליידיק, האָט פּלוצלינג דערפילט אַ שוואַכקייט אין די הענט און אין די פיס, האָט זיך איבערגעשראָקן און זיך גענומען אָנטון.

— דאָס איז גאָרנישט, טאַניאַ, גאָרנישט... — האָט ער געמורמלט שוידערנדיק. — איך בין אינדעראמתן אַ ביסל נישט געזונט... שוין צייט זיך מודה צו זיין.

— איך האָב שוין לאַנג באַמערקט... און דער טאַטע האָט באַמערקט, — האָט זי גערעדט, באַמיענדיק זיך איינצוהאַלטן דאָס יאָמערן. — דו רעדסט מיט זיך אַליין, שמייכלסט עפּעס אַזוי מאָדנע... שלאָפסט נישט. אָ, גאָט מיינער, גאָט מיינער, ראַטעווע אונז! — האָט זי אַרויסגערעדט אין אימה. — נאָר האָב נישט מורא, אַנדריושאַ, האָב נישט מורא, אום גאָטס ווילן, האָב נישט מורא...

זי האָט אויך אָנגעהויבן זיך אָנטון. ערשט אַצינד, קוקנדיק אויף איר, האָט קאָורין פאַרשטאַנען די גאַנצע געפאַר פון זיין לאַגע. ער האָט תופס געווען, וואָס עס באַטייט דער שוואַרצער מאַנאַך און די שמועסן מיט אים. פאַר אים איז איצט קלאָר געווען, אַז ער איז משוגע.

ביידע, אַליין נישט וויסנדיק נאָכוואָס, האָבן זיך אָנגעטון און זע־בען אַריינגעגאַנגען אין זאַל אַריין: זי פאָרויס, ער נאָך איר. דאָ איז שוין, אויפגעוועקט פון געיאָמער, אין שלאָפראָק און מיט אַ ליכט אין דער האַנט, געשטאַנען יעגאָר סעמיאָניטש, וועלכער איז גראָד בײַ זיי געווען צו גאַסט.

— האָב נישט מורא, אַנדריושאַ, — האָט גערעדט טאַניאַ, שוי־דערנדיק, ווי אין פיבער, — האָב נישט מורא... טאַטע, דאָס אַלץ וועט איבערגיין... אַלץ וועט איבערגיין...

קאָורין האָט פון אויפרעגונג נישט געקענט רעדן. ער האָט גע־וואָלט זאָגן דעם שווער מיט אַ וויציקן טאָן:

— גראַטולירט, איך בין, דאַכט זיך, אַראָפּ פון זינען, — אָבער ער האָט נאָר אַ ריר געטון מיט די ליפּן און ביטער אַ שמייכל גע־טון.

אַרום ניין אַ זייגער אינדערפרי האָט מען אים אָנגעטון אַ פּאַלטן און אַ פוטער. מען האָט אים איינגעהילט מיט אַ שאַל און אַוועקגעפירט אין אַ קאָטש צו אַ דאָקטאָר. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו היילן.

VIII.

ס'איז ווידער אָנגעקומען זומער, און דער דאָקטאָר האָט געהייסן קאָורינען אַרויספאָרן אין אַ דאָרף. קאָורין איז שוין געזונט געוואָרן, האָט אויפגעהערט צו זעען דעם שוואַרצן מאָנאַך און ער האָט נאָר באַ־דאַרפט פאַרפעסטיקן זיינע פרישע כוחות. וואוינענדיק באַם שווער אין

דאָרף, האָט ער געטרונקען אַ סך מילך, געאַרבעט נאָר צוויי שעה אין מעת לעת, נישט געטרונקען קיין ווײַן און נישט גערויכערט.

אין אָוונט פאַר „איליען־טאָג" האָט מען אים הויז אָפּגעריכט די נאַכט־תּפֿילה. ווען דער דיאַק האָט דערלאַנגט דעם גלח דעם ווײַרויך, האָט אים אַלטן, אומגעהייערן זאַל אָנגעהויבן שמעקן ממש מיט בית־הקברות, און קאָווריגען איז געוואָרן אומעטיק. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן. נישט באַמערקנדיק די פּראַכטפולע בלומען, האָט ער זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן גאָרטן, איז געזעסן אַ ביסל אויף דער באַנק, נאָכדעם זיך דורכגעגאַנגען אין פּאַרק; צוקומענדיק צום טײַך, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן און איז דאָ געבליבן שטיין פאַרטראַכטערהייט, קוקנדיק אויפן טײַך. די מרה־שחורהדיקע סאָסנעס מיט די האָריקע וואָרצלען, וועלכע האָבן אים פאַריאָרן געזען דאָ אַזאַ יונגן, פריידיקן און מונטערן, האָבן זיך איצט נישט געשושקעט, נאָר זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך און שטום, גלייך זיי וואָלטן אים נישט דערקענט. און אײַנדעראמתן, דער קאָפּ איז בײַ אים אָפּגעשוירן, די לאַנגע שיינע האָר זענען שוין נישטאָ, דער גאַנג איז אַ פלעגמאַטישער, דאָס פּנים, אין פאַרגלײַך מיטן פאַרגאַנגענעם זומער, איז געוואָרן פולער און בלאַסער.

ער איז איבער דעם בריקל אַריבערגעגאַנגען אויפן אַנדערן ברעג. דאָרט, וואו פאַראַיאָרן איז געוואַקסן קאָרן, איז אַצינד געלעגן אין שורות אָפּגעשניטענער האָבער. די זון איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען, און אויפן האָריזאָנט האָט געפלאַקערט אַ ברייטע רויטע פייער־שיין, וואָס האָט פאָרגעזאָגט אויף צומאָרגנס אַ ווינטיק וועטער. ס'איז געווען שטיל. אײַנקוקנדיק זיך אין דער ריכטונג, וואו ס'האָט זיך פאַראַיאָרן צום ערשטן מאָל באַוויזן דער שוואַרצער מאָנאַך, איז קאָווערין אָפּגעשטאַנען אַ מינוט צוואַנציק, ביז וואַנען ס'האָט זיך נישט אָנגעהויבן לעשן די שקיעה־שטראַלונג.

ווען ער איז אַ פלעגמאַטישער, אַן אומבאַפרידיקטער, אַהיימגעקומען, האָט זיך שוין דאָס נאַכט־געבעט געהאַט געענדיקט. יעגאָר סעמיאָניטש און טאַניאַ זענען געזעסן אויף די שטיגן פון דער טעראַסע און האָבן געטרונקען טיי. זיי האָבן וועגן עפּעס גערעדט. נאָר, דערזעענדיק

קאָווריגען, זענען זיי פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, און פון זייערע פּנימער האָט ער אַרויסגעדרונגען, אַז זיי האָבן געשמועסט וועגן אים.

— דו באַדאַרפסט שוין, דאַכט זיך, טרינקען מילך, — האָט טאַניאַ געזאָגט צום מאַן.

— ניין, כ'באַדאַרף נישט... — האָט ער געענטפערט, אַנידערזעצנדיק זיך אויף דער נידעריקסטער שטיג. — טרינק אַליין. איך וויל נישט.

טאַניאַ האָט אומרויק זיך איבערגעקוקט מיטן פאָטער און געזאָגט מיט אַ שולדיק קול:

— דו אַליין באַמערקסט, אַז מילך איז פאַר דיר נוצלעך.

— יאָ, זייער נוצלעך! — האָט קאָווערין אַ שמייכל געטון. כ'קען אייך גראַטולירן: פון פרייטיק אָן איז מיר צוגעקומען נאָך אַ פונט צו דער וואָג. — ער האָט פעסט צוגעדריקט מיט די הענט דעם קאָפּ און אַרויסגעקרעכצט מיט צער: — נאָכוואָס, נאָכוואָס האָט איר מיך געהיילט? די בראָם-פּרעפּאַראַטן, די פויסט-און-פאַסטקייט, די וואַרעמע וואַנעס, די כסדרדיקע השגחה, די קליינמוטיקע מורא פאַר יעדן שלונג, פאַר יעדן טריט — דאָס אַלץ וועט מיך סוף כל סוף דערפירן צו אידיאָטיזם. איך האָב געהאַלטן באַ אַראָפּגיין פון זינען, איך האָב געהאַט אַ גרויסקייט-מאַניע, אָבער דערפאַר בין איך געווען פריילעך, מונטער און זאָגאַר גליקלעך, כ'בין געווען אינטערעסאַנט און אָריגינעל. אַציַנד בין איך געוואָרן איבערגערעכנטער און סאָלידער, אָבער דערפאַר בין איך אַזעלכער, ווי אַלע: איך בין אַ מיטלמעסיקייט, ס'איז מיר לאַנגווייליק צו לעבן... אָ, ווי גרויזאַם איר האָט געהאַנדלט מיט מיר, איך האָב געזען האַלוצינאַציעס, אָבער וועמען האָט דאָס דען געשטערט? איך פרעג: וועמען האָט דאָס געשטערט?

— ווייס איך וואָס דו רעדסט דאָרטן, — האָט אַ זיפץ געטון יעגאָר סעמיאָניטש. — ס'איז זאָגאַר אומעטיק צו הערן.

— מילא הערט נישט.

די אָנוועזנהייט פון מענטשן, באַזונדערס פון יעגאָר סעמיאָניטשן, האָט שוין איצט קאָווריגען אויפגערייצט. ער פלעגט אים ענטפערן טרוקן, קאַלט און זאָגאַר גראָב און האָט געקוקט אויף אים נישט אַנדערש, ווי מיט איראָניע און שנאה; און יעגאָר סעמיאָניטש פלעגט זיך פאַרלירן,

און שולדיק אונטערהויסטן, כאָטש קיין שום שולד האָט ער באַ זיך נישט געשפּירט. נישט פאַרשטייענדיק, איבער וואָס ס'האָבן זיך אַזוי שאַרף געענדערט זייערע ליבע, מילדע באַציונגען, פלעגט טאַניאַ מיט אומרו זיך טוליען צום פאָטער און אַרייַנקוקן אים אין די אויגן אַריין: זי האָט געוואָלט פאַרשטיין און נישט געקענט, און ס'איז פאַר איר נאָר קלאָר געווען, אַז די באַציונגען ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ ערגער און ערגער, אַז דער פאָטער איז די לעצטע צייט שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, אַז דער מאַן איז געוואָרן אויפרעגבאַר, קאַפּריזנע, צוטשעפּעריש און נישט אינטערעסאַנט. זי האָט שוין נישט געקענט לאַכן און זינגען, פלעגט באַם מיטאָג גאָרנישט עסן, נישט שלאָפן בייַנאַכט, וואַרטנדיק אויף עפּעס שרעקלעכס, און זי האָט זיך אַזוי אויסגעפּייניקט, אַז איינמאָל איז זי אָפּגעלעגן אין חלשות פון מיטאָג ביז אָוונט. בשעת דעם נאַכט-געבעט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער פאָטער האָט געוויינט, און איצט, ווען זיי זענען אינדרייען געזעסן אויף דער טעראַסע, האָט זי זיך געצווונגען נישט צו קלערן וועגן דעם.

— ווי גליקלעך זענען געווען בודאַ און מאַכמעד אָדער שעקספּיר, וואָס די ליבהאַרציקע קרובים און דאָקטוירים האָבן זיי נישט געהיילט פון עקסטאַז און באַגייסטערונג — האָט געזאָגט קאָווורין. — ווען מאַכמעד וואָלט געווען איינגענומען בראָם-קאַלי צו די נערוון, וואָלט געאַרבעט בלויז צוויי שעה אין מעת-לעת און געטרונקען מילך, וואָלט נאָך דעמדאָזיקן מערקווירדיקן מענטש איבערגעבליבן פּונקט אַזוי פיל, ווי נאָך זיין הונט. די דאָקטוירים און די ליבהאַרציקע קרובים וועלן סוף כל סוף מאַכן אַזוי, אַז די מענטשהייט וועט טעמפּ ווערן, אַ מיטלמעסיקייט וועט גערעכנט ווערן פאַר אַ זשעני און די ציוויליזאַציע וועט אונטערגיין. ווען איר וואָלט וויסן, — האָט קאָווורין געזאָגט מיט פאַרדראָס, — ווי דאַנקבאַר איך בין אייך!

ער האָט דערפילט אַ שטאַרקע אויפרעגונג און, בכדי נישט צו זאָגן קיין איבעריקס, איז ער שנעל אויפגעשטאַנען און אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב. עס איז געווען שטיל און דורך די אָפענע פענסטער האָט זיך אַרייַנגעטראָגן פון גאָרטן אַן אַראָמאַט פון טאַבאַק און יאַלאַפּע. אין דעם אומגעהייערן, פינסטערן זאַל איז אויף דער פּאָדלאָגע און אויפן קלאַוויר אין גרינע פלעקן געלעגן די לבנה-שיין. קאָווורינען האָבן זיך דערמאַנט

די תענוגפולע מאָמענטן פון פאַרגאַנגענעם זומער, ווען ס׳האָט אויך אַרייַ־
געשמעקט די יאַלאַפּע און די לבנה האָט אַרייַנגעשייַנט דורך די פענס־
טער. בכדי אומצוקערן די פּאַראַיאַריקע שטימונג, איז ער שנעל אַרייַן
צו זיך אין קאַבינעט, האָט פאַררויכערט אַ שטאַרקן ציגאַר און באַפוילן
דעם לאָקיי אַרייַנצוברענגען וויין. אָבער פונם ציגאַר איז אים מויל גע־
וואָרן ביטער און איבלדיק, און דער וויין האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר
נישט אַזוי באַטעמט, ווי פאַראַיאָרן. און וואָס מען מיינט — ווערן אָפּ־
געוואויגט! פון דעם ציגאַר און צוויי שלינג וויין האָט זיך באַ אים פאַר־
דרייט דער קאָפּ און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַרצקלאַפּונג, אַזוי, אַז ער
האָט געמוזט אייַנגעמען בראָם־קאַלי.

איידער זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט טאַניאַ אים גע־
זאָגט:

— דער פאָטער פאַרגעטערט דיך. דו ביסט אויף אים פאַר עפּעס
בייז, און דאָס מאַכט פון אים אַ תל. גיב אַ קוק: ער ווערט עלטער,
נישט מיט יעדן טאָג, נאָר מיט יעדער שעה. איך בעט דיך, אַנדריושאַ,
אין נאָמען פון גאָט, אין נאָמען פון דיין טויטן פאָטער, פון מיין רו־
וועגן, זיי מיט אים העפלעך.

— איך קען נישט און וויל נישט.

— אָבער, פאַרוואָס? — האָט טאַניאַ געפרעגט, אָנהייבנדיק צו ציט־
טערן מיטן גאַנצן קערפּער. — דערקלער מיר, פאַרוואָס!

— דערפאַר, וואָס ער איז מיר נישט סימפּאַטיש, דאָס איז אַלץ, —
האָט נאַכלעסיק אַרויסגעזאָגט קאָווּרין און אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייי־
צעס; — אָבער מיר וועלן נישט רעדן וועגן אים: ער איז דיין פאָ־
טער.

— איך קען נישט, כ׳קען נישט פאַרשטיין! — האָט טאַניאַ אַ זאָג
געטאָן, צוקוועטשנדיק זיך די שלייפן און קוקנדיק אין איין פּינטל. —
עפּעס אומבאַגרייפלעכס, שרעקלעכס קומט פאָר באַ אונז אין הויז. דו
האָסט זיך געענדערט, ביסט געוואָרן צו זיך אַליין נישט ענלעך... דו,
דער קלוגער, אומגעוויינטלעכער מענטש ווערסט אויפגערייצט איבער נאַ־
רישקייטן, מישסט זיך אַרייַן אין נאַרישקייטן... דיך רעגן אויף אַזעלכע
קלייניקייטן, אַז טיילמאָל וואונדער איך זיך פשוט און גלייב נישט, אַז דו
ביסט עס. נו, נו, זיי נישט בייז, זיי נישט בייז, — האָט זי פאָרגעזעצט,

שרעקנדיק זיך פּאַר אירע ווערטער און קושנדיק אים די הענט. — דו ביסט אַ קלוגער, אַן איידעלער. דו ווערסט נישט זיין אומגערעכטיק צום פּאַטער. ער איז אַזאַ גוטער!

— ער איז נישט קיין גוטער, נאָר אַ גוטמוטיקער. די אַפּערעטן־פּעטערשיס פון דעם מין, וואָס דיין פּאַטער, מיט די זאַטע, גוטמוטיקע פּיזיאָנאָמיעס, די אומגעווייטלעך גאַסטפריינדלעכע און אויסטערלישע ברואים, פלעגן מיך אַמאָל רירן און ברענגען צום לאַכן הן אין די ראָ־מאַנען, הן אין די אָפּערעטן, הן אין לעבן, איצט אָבער זענען זיי מיר נמאס. דאָס זענען עגאָיסטן ביזן מאַרך פון די ביינער. צוממערסטן דער־ווידער איז מיר זייער זאַטקייט און דערדאָזיקער מאָגנדיקער, ריין אָקסי־סישער אָדער קאַבאַנישער אָפּטימיזם.

טאַניאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן.

— דאָס איז אַ פּיין, — האָט זי אַרויסגעזאָגט, און אין איר קול איז קענטיק געווען, אַז זי איז שוין געוואַלטיק פאַרמאַטערט און ס'איז איר שווער צו רעדן. — פון ווינטער אַן נאָך קיין איין רויקע מינוט... דאָס איז דאָך גרוילעך, גאָט מיינער! איך לייד...

— יאָ, געוויס, איך בין — הורדוס הרשע, און דו מיט דיין טאַ־טעשי — די תּינוקות של מצרים, פאַרשטייט זיך!

זיין פּנים האָט אויסגעזעהן טאַניען מיאוס און אומאָנגענעם: שנאה און איראָניע האָבן אים נישט געפּאַסט. זי האָט נאָך פריער אויך באַ־מערקט, אַז אין זיין פּנים פעלט עפּעס, אַזוי ווי צוזאַמען מיטן אָפּשערן די האָר, וואָלט זיך אויך געענדערט דאָס פּנים. איר האָט זיך פאַרוואָלט צו זאָגן אים עפּעס דערנידעריקנדיקס, אָבער זי האָט זיך תּיכף געכאַפּט אויף דעם אומפריינדלעכן געפיל, האָט זיך דערשראָקן און איז אַרויסגע־גאַנגען פון שלאָפצימער.

IX.

קאָורין האָט באַקומען אַ זעלבשטענדיקע קאַטעדרע. די אַריינ־פיר־לעקציע איז געווען באַשטימט אויפן 2־טן דעצעמבער, און ס׳איז וועגן דעם אַרויסגעהאַנגען געוואָרן אַ מעלדונג אין אוניווערזיטעט־קאָרי־דאָר. אָבער אין באַשטימטן טאָג האָט ער טעלעגראַפיש מודיע געווען דעם סטודענטן־אינספּעקטאָר, אַז ער וועט צוליב דער קראַנקייט נישט לייענען די לעקציע.

באַ אים איז געגאַנגען בלוט פון האַלז. ער האָט כסדר געשפּיגן מיט בלוט, אָבער ס׳פלעגט זיך טרעפן אַ צוויי מאָל אין חודש, אַז ס׳האָט אָנגעהויבן אינטענסיוו צו רינען, און דעמאָלט פלעגט ער געוואַלטיק שוואַך ווערן און אַריינפאַלן אין אַ שלעפעריקן צושטאַנד. דידאָזיקע קראַנק־הייט האָט אים נישט באַזונדערס געשראָקן, וואָרים ער האָט געוואוסט, אַז זיין געשטאָרבענע מוטער האָט געלעבט פונקט מיט דער אייגענער קראַנקייט צען יאָר, אפשר נאָך מער; די דאָקטוירים האָבן אויך פאַר־זיכערט, אַז דאָס איז נישט געפערלעך, און האָבן נאָר געראַטן נישט אויפצורעגן זיך, פירן אַ נאָרמאַל לעבן און וואָס ווייניקער צו רעדן.

אין חודש יאַנואַר איז די לעקציע ווידער נישט צו שטאַנד גע־קומען איבער דער זעלבער סיבה, און אין פעברואַר איז שוין געווען צו שפּעט אָנצוהייבן דעם קורס. ס׳איז אויסגעקומען אָפּצולייגן אויפן קינפ־טיקן יאָר.

געלעבט האָט ער שוין נישט מיט טאַניען, נאָר מיט אַן אַנדערער פרוי, וועלכע איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון אים און האָט אַכ־טונג געגעבן אויף אים, ווי אויף אַ קליין קינד. די שטימונג איז באַ אים געווען אַ פרידלעכע, אַ הכנעהדיקע: ער פלעגט גערן זיך אונטערגעבן, און ווען ווארוואַראַ ניקאָלאַיעווונאַ — אַזוי האָט געהייסן זיין פריינדין — האָט זיך געקליבן צו פירן אים קיין קרים, האָט ער איינגעשטימט, הגם

ער האָט פאַרגעפילט, אַז פון דערדאָזיקער נסיעה וועט נישט אַרויסקומען קיין שום גוטס.

זיי זענען אָנגעקומען קיין סעוואַסטאָפאָל אין אָוונט און האָבן זיך אָפגעשטעלט אין אַ גאַסטהויז, כדי אָפצורוען און צומאָרגנס אַוועקפאָרן קיין יאַלטע. דער וועג האָט ביידע איינגעמידט. וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעווגאַ האָט אויסגעטרונקען טיי, זיך געלייגט שלאָפן און איז באַלד איינגעשלאָפן, אָבער קאָווריין האָט זיך נישט געלייגט. נאָך אינדערהיים, אַ שעה פאַרן אָפפאָרן צום וואָקזאַל, האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון טאַניען און זיך נישט דעצידירט אים צו עפענען; און אַצינד איז דער בריוו געלעגן באַ אים אין בוזעם=קעשענע און דער געדאַנק וועגן אים האָט אים נישט=אָנגענעם אויפגערעגט. אויפריכטיק, אין דער טיף פון זיין נשמה, האָט ער איצט געהאַלטן זיין חתונה מיט טאַניען פאַר אַ טעות; ער איז געווען צופרידן, וואָס ער איז זיך מיט איר ענדגילטיק צעגאַנגען, און די דערמאַנונג וועגן דערדאָזיקער פרוי, וועלכע איז סוף כל סוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גייענדיקן לעבעדיקן סקעלעט, און אין וועלכער, ווי עס האָט געשיינט, ס'איז שוין אַלץ אָפגעשטאָרבן, אַחוץ די גרויסע, שטאַר זיך איינקוקנדיקע, קלוגע אויגן, — די דערמאַנונג וועגן איר האָט נאָר בלויז דערוועקט אין אים אַ רחמנות און אַ פאַרדראָס אויף זיך. די האַנט=שריפט אויפן קאָנווערט האָט אים דערמאַנט, ווי ער איז מיט צוויי יאָר צוריק געווען אומגערעכטיק און אכזריותדיק, ווי ער האָט אויסגעלאָזט צו לגמרי אומשולדיקע מענטשן זיין גייסטיקע פוסטקייט, זיין לאַנגווייליקייט, איינזאַמקייט און אומצופרידנקייט מיטן לעבן. אגב האָט ער זיך דערמאַנט, ווי ער האָט איינמאָל צעריסן אויף קליינע פיצלעך זיין דיסערטאַציע און אַלע אַרטיקלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן בשעת זיין קראַנקהייט, און ווי ער האָט זיי אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער, און די פיצלעך זענען געפלויגן אויפן ווינט און זיך פאַרהאַלטן אָן די ביימער און אָן די בלומען; אין יעדער שורה האָט ער דעמאָלט געזען משוגהדיקע, אויף גאָרנישט באַגרינדעטע פרעטענזיעס, לייכטזיניקע פאַרריסנקייט, עזות, גרויסקייט=מאַניע, און דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַזוי ווי ער וואָלט געלייענט אַ באַשרייבונג פון זיינע חסרונות; נאָר ווען דאָס לעצטע העפט איז שוין געווען צעריסן און אַרויסגעשליידערט דורכן פענסטער, איז אים איבער עפעס פלוצלינג געוואָרן פאַרדראָסיק און ביטער.

ער איז אַוועק צום ווייב און האָט איר אָנגערעדט אָן אַ שיעור אומאָנגענעמלעכקייטן. גאָט מײַנער, ווי ער האָט איר געצאַפּט בלוט! איינמאָל, ווען דיק איר ווײַזן, האָט ער איר געזאָגט, אַז איר פֿאָטער האָט געשפּילט אין זייער ראָמאַן אַ נישט סימפּאַטישע ראָלע, מחמת ער האָט אים געבעטן חתונה צו האָבן מיט איר; יעגאָר סעמיאָניטש האָט דאָס צופֿעליק אונטערגעהערט, איז אַרײַנגעלאָפֿן אין צימער און האָט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט, נאָר זיך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט און עפּעס אַזוי משונהדיק געמרוטשעט, גלײַך בײַ אים וואָלט אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון, און טאַניאַ, קוקנדיק אויפֿן פֿאָטער, האָט אויסגעשריגן מיט אַ האַרצרײַסנדיק קול און איז געפֿאַלן אין חלשות. דאָס איז געווען העסלעך.

דאָס אַלץ איז געקומען אויפֿן זכרון, בשעת ער האָט דערבליקט די באַקאַנטע האַנטשריפֿט. קאָוורין איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿן באַלקאָן: ס'איז געווען אַ שטיל וואַרעם וועטער און ס'האָט געשמעקט מיט ים. אַ וווּנדער־שיינע בוכטע האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך די לבנה און פֿאַרשידענע פֿײַערלעך און געהאַט אַ קאָליר, צו וועלכן ס'איז שווער צוצוקלײַבן אַ נאָמען. דאָס איז געווען אַ צאַרטער און ווייכער געמיש פֿון בלוי מיט גרין; ערטערווייז איז דאָס וואַסער לויטן קאָליר ענלעך געווען צו בלויקופּערוואַסער, און ערטערווייז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שײַן פֿון דער לבנה איז דאָרט געדיכטער און אָנשטאָט דעם וואַסער פֿילט זי אָן די בוכטע; און בכלל סאַראַ האַרמאָניע פֿון פֿאַרבן, סאַראַ פֿרידלעכע, רויִקע און געהויבענע שטימונג!

אויף אַ שטאָק נידעריקער, אונטערן באַלקאָן, זענען, מסתמא, די פֿענסטער געווען אָפֿן, וואָרים ס'האָבן זיך דײַטלעך געהערט פֿרויען־שטימען און אַ געלעכטער. ס'איז דאָרט, אפֿנים, געווען אַ באַל.

קאָווריון האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, געעפֿנט דעם בריוו, איז אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין צימער און האָט איבערגעלייענט:

„באַרוואָס איז מײַן פֿאָטער געשטאָרבן. דאָס האָב איך דיר צו פֿאַרדאַנקען, ווײַל דו האָסט אים דערהרגעט. און דער גאָרטן גייט אונטער, אין אים באַלעבאַטעווען שוין פֿרעמדע, דאָס הייסט, ס'קומט פּאָר טאַקע דאָס, פֿאַר וועלכן דער אָרימער פֿאָטער האָט נעבעך אַזוי מורא געהאַט. דאָסדאָזיקע האָב איך אויך דיר צו פֿאַרדאַנקען. איך האַס דיך מיט מײַן

כאַנצער נשמה און ווינטש דיר אַ גיכן טויט. אָ, ווי איך לייד! אַן אומפאַרטראָגלעכער ווייטיק ברענט אין מיין האַרץ... פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין. איך האָב דיך אָנגענומען פאַר אַן אומגעווייטלעכן מענטש, פאַר אַ זשעני, כ׳האָב דיך ליב געקריגן, אָבער דו האָסט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ משוגענעם...

קאָוורין האָט נישט געקענט מער לייענען. ער האָט צעריסן דעם בריוו און אַוועקגעוואָרפן. ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומרויקייט, אַן ענלעכע צו פּחד. הינטער דער פאַרצוימונג איז געשלאָפן וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעווגאַ, און מען האָט געהערט, ווי זי האָט געאָטעמט; פונם נידעריקערן גאָרן האָבן זיך דערטראָגן פרויען־שטימען און געלעכטער, אָבער ער האָט געהאַט אַזאַ געפיל, אַזוי ווי אינם גאַנצן האָטעל וואָלט אַ חוץ אים נישט געווען קיין לעבעדיק נפש. דערפון, וואָס די אומגליקלעכע, פון צרות דערשלאָגענע, טאַניע האָט אים אין איר בריוו פאַרשאָלטן און געווונטשן זיין טויט, איז אים געווען אומהיימלעך, און ער האָט כסדר געוואָרפן בליקן אויף דער טיר, אַזוי ווי מורא האָבנדיק, אַז ס׳זאָל נישט אַריינקומען אינם צימער און ווידער באַקומען שליטה איבער אים יענע אומבאַוווסטע קראַפט, וואָס האָט אין משך פון צוויי יאָר אָנגעמאַכט אַזוי פיל חורבנות אין זיין לעבן און אינם לעבן פון די נאָנטע.

ער האָט שוין געוואוסט פון דערפאַרונג, אַז ווען ס׳צעשפּילן זיך די נערוון, איז דאָס בעסטע מיטל צו זיי — אַרבעטן. מען דאַרף זיך אַוועקזעצן באַם טיש און צווינגען זיך ד ו ר כ ו י ס צו קאָנצענטרירן זיך אויף עפּעס איין געדאַנק. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין רויטער טעקע אַ העפטל, אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעוואָרפן אַ קאָנספּעקט פון אַ נישט גרויסער קאָמפּילאַטיווער אַרבעט, וועלכע ער האָט פאַרטראַכט אויפן פאַל, אויב אים וועט אין קרים זיין לאַנגווייליק אָן באַשעפטיקונג. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש און זיך פאַרנומען מיטן דאָזיקן קאָנספּעקט, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צו אים קערט זיך צוריק זיין פרידלעכע, הכנעהדיקע, גלייכגילטיקע שטימונג. דאָס העפטל מיטן קאָנכפּעקט האָט זאָגאַר אַרויפגעפירט אויף דער מחשבה וועגן דער וועלטס הבל־הבלימדיקייט. ער האָט געקלערט וועגן דעם, וויפיל דאָס לעבן נעמט פאַר יענע נישטיקע אָדער גאָר געוויינטלעכע פאַרגעניגנס, וואָס עס קען

געבן דעם מענטשן. דהיינו, כדי צו באַקומען בײַ פֿערציק יאָר אַ קאַטעדרע, זיין אַ געווינטלעכער פּראָפעסאָר, פֿאַרצוטראָגן מיט אַ פּלעגמאַטישער, לאַנגווײַליקער, שווערער שפּראַך געווינטלעכע און דערבײַ פֿרעמדע געדאַנקען, — מיט איין וואָרט, בכדי צו דערגרייכן די שטעלונג פֿון אַ מיטלמעסיקן געלערנטן, האָט ער, קאָוורין, געמוזט זיך לערנען פֿופֿצן יאָר, אַרבעטן טעג און נעכט, איבערטראָגן אַ שווערע, פּסיכישע קראַנקהייט, איבערלעבן אַ נישט־געלונגענע חתונה־האָבן און אָפּטון אַ סך פֿאַרשידענע נאַרישקייטן און אומגערעכטיקייטן, וועגן וועלכע ס'וואָלט גלייכער געווען נישט צו געדענקען. קאָוורין האָט איצט קלאָר אָנערקענט, אַז ער איז — אַ מיטלמעסיקייט און ער האָט גערן שלום געמאַכט מיט דעם, וואָרים, לויט זיין מיינונג, דאַרף יעדער מענטש צופֿרידן זיין דערמיט, וואָס ער איז.

דער קאָנספּעקט האָט אים שוין געהאַט אינגאַנצן באַרויקט, אָבער דער צעריסענער בריוו אויף דער פּאָדלאָגע האָט אים געשטערט צו קאָנצענטרירן זיך. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש, צונויפֿגעקליבן די שטיקלעך פֿון בריוו און די אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענסטער, נאָר ס'האָט אַ בלאָז געטאָן פֿון ים אַ לײַכטער ווינט, און די שטיקלעך האָבן זיך צעשיט איבערן פֿענסטער־אָנשפּאַר. ווידער האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומרויקייט, אַן ענלעכע צו פּחד, און ס'האָט אים אָנגעהויבן זיך דאַכטן, אַז אין גאַנצן האָטעל איז אַחוץ אים נישטאָ קיין לעבעדיק נפֿש... ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿן באַלקאָן. די בוכטע האָט, ווי אַ לעבעדיקע, געקוקט אויף אים מיט אָן אַ שיעור העל־בלויע, גראַנאַטענע, טורקיסענע און פֿײַערדיקע אויגן און געלאָקט צו זיך. ס'איז, באמת, געווען הייס און דושנע און ס'וואָלט נישט געשאַדט זיך אָפּצובאָדן.

פּלוצלינג האָט אויפֿן נידעריקן שטאָק אונטערן באַלקאָן אויפֿגעשפּילט אַ פֿידל און ס'האָבן אָנגעהויבן זינגען צוויי צאַרטע פֿרויען־שטימען. דאָס איז געווען עפּעס באַקאַנטס. אין דעם ראָמאַנס, וואָס מען האָט אונטן געזונגען, האָט זיך דערציילט וועגן אַ מיידל מיט אַ קראַנקער פֿאַנטאַזיע, וועלכע האָט געהערט באַנאַכט אין גאָרטן סודותדיקע קלאַנגען און זי האָט באַשלאָסן, אַז דאָס איז אַ הייליקע האַרמאָניע, וואָס איז פֿאַר אונז, שטערבלעכע, אומפֿאַרשטענדלעך... בײַ קאָוורינען האָט זיך איבערגעהאַקט דער אָטעם, און דאָס האַרץ האָט זיך פֿאַרקלעמט פֿון טרויער,

28- 59137

און אַ וואונדערבאַרע, זיסע פרייד, וועגן וועלכער ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, האָט אָנגעהויבן ציטערן אין זיין ברוסט.

אַ שוואַרצער הויכער זייל, ענלעך צו אַ וויכער אָדער ים-ווינט, האָט זיך באַוויזן אויף יענער זייט בוכטע. ער האָט מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט זיך באַוועגט איבער דער בוכטע אין דער ריכטונג פונם האָטעל, ווערנדיק אַלץ קלענער און טונקעלער, און קאָורין האָט קוים באַוויזן זיך אָפּצורוקן, כדי צו געבן אַ וועג. . . אַ מאָנאַך מיט אַ נישט באַדעקטן גרויען קאָפּ און מיט שוואַרצע ברעמען, אַ באָרוועסער, מיט צונויפגעקרייצטע הענט אויף דער ברוסט, האָט זיך פאַרבייגעטראָגן און זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן צימער.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געגלייבט? — האָט ער געפרעגט מיט תרעומות, קוקנדיק ליבלעך אויף קאָורינען. — ווען דו וואָלסט מיר דעמאָלט געווען געגלייבט, אַז דו ביסט אַ זשעני, וואָלסטו דידאָזיקע צוויי יאָר נישט פאַרברענגט אַזוי טרויעריק און קלאָגעדיק.

קאָורין האָט שוין געגלייבט דערין, אַז ער איז גאָטס אויסדערוויילטער און אַ זשעני, ער האָט זיך געשווינד דערמאַנט אַלע זיינע פריערדיקע געשפּרעכן מיטן שוואַרצן מאָנאַך און געוואָלט רעדן, נאָר באַ אים איז גערונען בלוט פון האַלז גלייך אויף דער ברוסט אַרויף און, נישט וויסנדיק וואָס צו טון, האָט ער געשאַרט מיט די הענט איבער דער ברוסט, און די מאַנזשעטן זענען נאַס געוואָרן פון בלוט. ער האָט געוואָלט אַ רוף טון וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעווונען, וועלכע איז געשלאָפן הינטער דער פאַרצוימונג, האָט זיך אָנגעשטרענגט און אַרויסגעזאָגט:

— טאַניאַ!

ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער פאָדלאָגע און, אויפהייבנדיק זיך אויף די הענט, האָט ער ווידער אַ רוף געטון:

— טאַניאַ!

ער האָט גערופן טאַניען, גערופן דעם גרויסן גאָרטן מיט די פּראַכטפולע בלומען, באַפּייכטע פון טוי; ער האָט גערופן דעם פאַרק, די סאָסנעס מיט די האָריקע וואָרצלען, דאָס קאָרן-פעלד, זיין וואונדערבאַרע וויסנשאַפט, זיין יוגנט, דרייסטקייט, פרייד; ער האָט גערופן דאָס לעבן, וואָס איז געווען אַזוי שיין. ער האָט געזען אויף דער פאָדלאָגע לעבן זיין פנים אַ גרויסע קאַלוזשע בלוט, און פון שוואַכקייט שוין נישט גע-

קענט אַרויסרעדן קיין איין וואָרט, נאָר אַן אומאויסדריקבאַר, גרענעצלאָז גליק האָט אָנגעפילט זיין גאַנץ וועזן. אונטן, אונטערן באַלקאָן האָט מען געשפּילט אַ סערענאַדע, און דער שוואַרצער מאָנאַך האָט אים געפּליס־טערט, אז ער איז אַ זשעני, און אַז ער שטאַרבט בלויז דערפאַר, וואָס זיין שוואַכער מענטשישער גוף האָט שוין אָנגעוואוירן דאָס גלייכגעוויכט און קען נישט מער דינען אַלס לבוש פאַרן זשעני.

ווען וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַפּער־געגאַנגען פון הינטער דער פאַרצוימונג, איז קאָוורין שוין געווען טויט און אויף זיין פּנים איז פאַרגליווערט געווען אַ גליקזעליקער שמייכל.

א דערציילונג פון אן אומבאַוווּסטן מענטש

I.

מחמת סיבות, וואָס ס'איז איצט נישט די צייט וועגן זיי אויספיר- לעך צו רעדן, האָב איך געמוזט אָננעמען אַ לאָקיי-שטעלע בײַ אַ געוויסן פּעטערבורגער באַאַמטן, מיטן נאָמען אָרלאָוו. ער איז אַלט געווען אַן ערך פינף און דרייסיק יאָר און האָט געהייסן געאָרגי איוואַניטש.

געשטעלט האָב איך זיך בײַ דעמדאָזיקן אָרלאָוון צוליב זיין פאָ- טער, אַ באַוואוסטן מלוכה-מאַן, וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר אַן ערנסטן שונא פון מיין זאַך. איך האָב גערעכנט, אַז בשעת איך וועל וואוינען בײַם זון, וועל איך פון די אונטערגעהערטע געשפּרעכן און פון די פּאַפּירן און צעטלעך, וועלכע איך וועל געפינען אויפן טיש, זיך אויספירלעך באַ- קענען מיטן פאָטערס פּלענער און כוונות.

געוויינטלעך אַרום עלף אַ זייגער פרי פלעגט אין מיין לאָקיי-שטיבל אָנהייבן רוישן דאָס עלעקטרישע גלעקל, וואָס האָט מיר מודיע געווען, אַז דער הער האָט זיך אויפגעכאַפּט. ווען איך פלעג מיטן אויסגערייניקטן אָנצוג און שטיוול אַריינקומען אין שלאָפצימער, איז געאָרגי איוואַניטש געזעסן אומבאַוועגלעך אויפן געלעגער און געקוקט אין איין פינטל. אויס- געזען האָט ער נישט פאַרשלאָפן, נאָר גיכער פאַרמאַטערט פון שלאָף,

און האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום צופרידנקייט צוליב זיין אויפוואַכונג. איך פלעג אים העלפן אָנטון זיך, און ער האָט נישט גערן זיך מיר אונטערגעגעבן, שווייגנדיק און נישט באַמערקנדיק מיין אָנוועזנהייט; נאָכדעם פלעגט ער מיט אַן אָפגעוואַשענעם נאַסן קאָפ און אַ פריש פאַרפומירטער גיין אין עסצימער טרינקען קאַווע. ער איז געזעסן באַם טיש, האָט געטרונקען קאַווע און איבערגעבלעטערט די צייטונגען, און איך מיט דער דינסט פאָליאַ פלעגן דרך-ארצדיק שטיין באַ דער טיר און קוקן אויף אים. צוויי דערוואַקסענע מענטשן האָבן מיט אַ באַזונדער ערנסטער אויפמערקזאַמקייט געדאַרפט שטיין און קוקן, ווי דער דריטער טרינקט קאַווע און בייסט סוכאַריקלעך. דאָס איז, מסתמא, קאָמיש און ווילד, אָבער איך האָב נישט געזען קיין שום דערנידערונג פאַר זיך דערין, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו שטיין באַ דער טיר, הגם איך בין געווען פונקט אַזאַ אַדלמאַן און געבילדעטער מענטש, ווי אָרלאָוו אַליין.

באַ מיר האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן שווינדזוכט, און צוזאַמען דערמיט נאָך עפעס, אפשר, וויכטיקערס פון דער שווינדזוכט. איך ווייס נישט, צי אונטערן איינפלוס פון דער קראַנקייט אָדער פון דער אָנגעהויבענער ענדערונג אין דער וועלט-אָנשויונג, וואָס איך האָב נאָך דעמאָלט נישט באַמערקט, — האָט מיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער באַהערשט אַ ליידנשאַפטלעכער, רייצנדיקער דאָרשט נאָך אַ געוויינטלעך, בירגערלעך לעבן. איך האָב געבענקט נאָך גייסטיקער רו, געזונט, גוטע לופט, זאַטקייט. איך בין געוואָרן אַ טרוימער און, ווי אַ טרוימער האָב איך נישט געוווסט, וואָס אייגנטלעך איך דאַרף. דאָ האָט זיך מיר געגלוסט אַוועקצוגיין אין אַ מאָנאַסטיר, זיצן דאָרט גאַנצע טעג באַ אַ פענסטערל און קוקן אויף די ביימער און פעלדער; דאָ האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, ווי כ'קויף אַ פינף דעסיאַטין ערד און לעב מיר אַלס גוטסבאַזיצער; דאָ האָב איך זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז איך וועל זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפט און וועל דורכויס ווערן אַ פראָפעסאָר פון עפעס אַ פראָווינציעלן אוניווערזיטעט. איך בין — אַ דימיסיאָנירטער לייטענאַנט פון רוסישן פלאָט, האָב איך געזעען אינם דמיון דעם ים, אונזער עסקאַדרע און דעם קרייצער, אויף וועלכן איך האָב דורכגעמאַכט אַ רייזע אַרום דער וועלט. מיר האָט זיך געגלוסט נאָכאַמאָל איבערצולעבן יענץ נישט אויסדריקבאַרע געפיל, ווען שפאַצירנדיק אין אַ טראָפישן וואַלד אָדער קוקנ-

דיק אויפן אָן-פאַרגאַנג אינם בענגאַלישן אויסגאַס, גייסטיו אויס פון באַגייסטערונג, און גלייכצייטיק פּילסטו אַ טרויעריקע בענקשאַפט נאָכן היימלאַנד. ס׳האָבן זיך מיר געחלומט בערג, פרויען, מוזיק, און איך האָב מיט נייגיריקייט, ווי אַ ייִנגל, זיך איינגעקוקט אין די פּנימער, זיך איינ-געהערט אין די קולות, און ווען איך בין געשטאַנען באַ דער טיר און געקוקט, ווי אָרלאָוו טרינקט קאַווע האָב איך זיך נישט געפילט אַלס לאָקיי, נאָר ווי אַ מענטש, וואָס אים איז אינטערעסאַנט אַלץ אין דער וועלט, אפילו אָרלאָוו.

די אויסערלעכקייט באַ אָרלאָוון איז געווען פון אַ פּעטערבורגער: שמאָלע אַקסלען, אַ לאַנגע טאַליע, איינגעפאַלענע שלייפן, אויגן פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר, און דער קאָפּ, די באָרד און וואָנסן זענען געווען קאַרג באַוואַקסן מיט טונקעלע האָר. דאָס פּנים איז באַ אים געווען אַ געקאַכעלטס, אַן אָפּגענוצטס און אומאָנגענעמס. באַזונדער אומאָנגענעם איז עס געווען, בשעת ער האָט זיך פאַרטראַכט אָדער ווען ער איז גע-שלאָפן. באַשרייבן אַ געוויינטלעכע אויסערלעכקייט איז אפשר גאָרנישט נייטיק; אגב, איז פּעטערבורג — נישט שפּאַניען, מאַנסבילשע אויסער-לעכקייט האָט דאָ נישט קיין גרויסע באַדייטונג אפילו אין ליבע-ענינים און איז נאָר נייטיק פאַראַדנע לאָקייען און קוטשערס. וועגן אָרלאָווס פּנים און האָר האָב איך אָבער דערמאַנט בלויז דערפאַר, וואָס אין זיין אויסערלעכקייט איז געווען עפּעס אַזוינס, אויף וואָס ס׳לוינט יאָ אָנצו-ווייזן; דהיינו: ווען אָרלאָוו פלעגט נעמען אַ צייטונג אָדער אַ בוך, אַלצ-איינס וואָסערס, אָדער ווען ער פלעגט זיך טרעפן מיט מענטשן, ווער זיי זאָלן נישט זיין, פלעגן זיינע אויגן אָנהייבן איראָניש צו שמייכלאַן און דאָס גאַנצע פּנים זיינס פלעגט אָננעמען אַן אויסדרוק פון לייכטן, נישט בייזן שפּאָט. נאָך איידער ער האָט דורכגעלייענט אָדער אויסגעהערט עפּעס, איז באַ אים שוין גרייט געווען די איראָניע, פּונקט ווי אַ פאַנצער באַ אַ ווילדן מענטש. דאָס איז געווען אַן איינגעוואוינטע איראָניע, וואָס איז אַמאָל מסתמא עפּעס אויסן געווען; אָבער די לעצטע צייט האָט זי זיך שוין באַוויזן אויפן פּנים אָן שום אָנטייל פון ווילן, נאָר אַזוי ווי מעכאַניש. אָבער וועגן דעם שפּעטער.

איינס אַ זייגער פלעגט ער מיט אַן אויסדרוק פון איראָניע נע-מען זיין טעקע, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּירן, און אַוועק-

פארן אין אמט. מיטאגן פלעגט ער נישט אינדערהיים און זיך אומקערן נאך אכט. דעמאלט פלעג איך אנצינדן אין קאבינעט א לאמפ און ליכט, און ער האט זיך אריינגעזעצט אין א פאטעל, אויסגעצויגן די פיס אויף א שטול און, צעלייגנדיק זיך אויף אזא אופן, האט ער אנגעהויבן לייענען. כמעט יעדן טאג האט ער געברענגט צו פירן מיט זיך אדער מען האט אים צוגעשיקט פון בוכהאנדלונגען נייע ביכער, און בא מיר אין לאקיי־שטיבל אין די ווינקלען און אונטערן בעט איז געלעגן א מאסע ביכער אויף דריי שפראכן, א חוץ רוסישע, שוין איבערגעלייענטע און אוועקגעווארפענע. געלייענט האט ער מיט אן אומגעווייגלעכער שנעלקייט. מען זאגט: זאג מיר וואס דו לייענסט, וועל איך דיר זאגן, ווער דו ביסט. דאס איז, אפשר, טאקע אמת, נאר משפטן וועגן ארלאוון לויט די ביכער, וואס ער האט געלייענט, קען מען לחלוטין נישט. דאס איז געווען עפעס א מין קאשע. פילאזאפיע און פראנצויזישע ראמאנען, פאליטישע עקאנאמיע און פינאנצן, נייע דיכטער און די אויסגאבן פון „פאסרעדניק", און דאס אלץ האט ער גלייך שנעל איבערגעלייענט און אלץ מיטן זעלבן איראנישן אויסדרוק אין די אויגן.

נאך צען פלעגט ער זיך זארגפעליק אנטון, אפטמאל אין פראק, גאר זעלטן אין זיין קאמערייונקערישן מונדיר, און אוועקפארן פון דער היים. צוריקקומען פלעגט ער פארטאג.

געלעבט האב איך מיט אים שטיל און בשלום, און קיין שום מיספארשטענדענישן זענען בא אונז נישט פארגעקומען. געוויינטלעך פלעגט ער נישט באמערקן מיין אנוועזנהייט און, ווען ער האט גערעדט מיט מיר, איז אויף זיין פנים נישט געווען דער איראנישער אויסדרוק, — משמעות, ער האט מיך נישט געהאלטן פאר קיין מענטש.

נאר איינמאל האב איך אים געזען בייז. איינמאל, — דאס איז געווען א וואך נאכדעם, ווי איך בין אנגעקומען צו אים, — האט ער זיך אומגעקערט פון עפעס א מיטאג ארום ניין א זייגער; זיין פנים איז געווען קאפריזנע און פארמאטערט. בשעת איך בין געגאנגען הינטער אים אין קאבינעט אריין, כדי אנצוצינדן דארט ליכט, האט ער מיר געזאגט:

— בא אונז אין די צימערן שטינקט עפעס.

— ניין, די לופט איז ריין, — האב איך געענטפערט.

— און איך זאָג דיר, אַז עס שטינקט, — האָט ער איבערגעחזרט צערייצט.

— איך עפן יעדן טאָג די לופטשיקעס.

— הער אויף צו טענהן, באַלוואַן! — האָט ער אַ געשריי געטון.

איך האָב זיך באַליידיקט און געוואָלט אָפּענטפערן, און גאָט ווייסט, מיט וואָס ס'וואָלט זיך געענדיקט, ווען ס'זאָל זיך נישט געווען אַריינמישן פּאַליאַ, וועלכע האָט בעסער געקענט איר האַר, ווי איך.

— אינדעראמתן, סאַראַ שלעכטער ריח! — האָט זי געזאָגט אויפהייבנדיק די ברעמען. — פונוואַנען קען עס זיין? סטעפּאַן, עפן אויף אין גאַסטצימער די לופטשיקעס און הייץ אונטער דעם קאַמין.

זי האָט אָנגעהויבן אָכצען, זיך פּאָרען און אַרומגיין איבער אַלע צימערן, שאַרנדיק מיט אירע האַלקעס און סיקענדיק אין פּולווערידזאַטאָר אַריין. נאָר אָרלאָוו איז אַלץ נישט געווען אין הומאָר; ער האָט, קענטיק, זיך איינגעהאַלטן, כדי נישט צו בייזערן זיך הויך, איז געזעסן באַם טיש און האָט שנעל געשריבן אַ בריוו. אָנגעשריבן עטלעכע שורות, האָט ער בייז אַ פּאָרסקע געטון און צעריסן דעם בריוו, נאָכדעם אָנגעהויבן אויפסניי צו שרייבן.

— דער טייוול זאָל זיי נעמען! — האָט ער אַרויסגעמורמלט. — מען וויל, אַז איך זאָל האָבן אַן אויסטערלישן זכרון!

ענדלעך איז דער בריוו געווען אָנגעשריבן; ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש און האָט געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו מיר:

— דו וועסט אַריבערפאָרן אויף זנאַמיענסקע און אָפּגעבן דעם בריוו זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ קראַסנאָווסקאַיאַ אין דער האַנט אַריין. נאָר פריער פרעג באַם שווייצער, צי איז נאָך נישט צוריקגעקומען דער מאַן, דאָס הייסט, דער הער קראַסנאָווסקי, אויב ער איז צוריקגעקומען, זאָלסטו דעם בריוו נישט אָפּגעבן און גלייך צוריקפאָרן. שטיי! . . . אין פאַל, זי וועט דיך פרעגן, צי ס'איז עמעצער דאָ באַ מיר, זאָלסטו איר זאָגן, אַז פון אַכט אַ זייגער אָן זיצן באַ מיר צוויי הערן און שרייבן עפּעס.

איך בין אַוועקגעפאָרן אויף זנאַמיענסקע. דער שווייצער האָט מיר געזאָגט, אַז דער הער קראַסנאָווסקי האָט זיך נאָך נישט אומגעקערט, און איך בין אַרויפגעגאַנגען אויפן דריטן שטאָק. די טיר האָט מיר געעפנט

אַ דיקער, ברוינער לאַקיי מיט שוואַרצע באַקנבערד און שלעפעריק, פלעג־
מאַטיש און גראָב, אַזוי ווי נאָר איין לאַקיי קען רעדן מיטן צווייטן,
מיך געפרעגט, וואָס איך באַדאַרף. איך האָב נישט באַוויזן צו ענטפערן,
ווי אין פאָדערצימער איז פון זאַל שנעל אַריינגעקומען אַ דאַמע אין אַ
שוואַרץ קלייד. זי האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרזשמורעטע אויגן.

— זינאַידאַ פעדאָדאָווּנאַ איז דאָ אינדערהיים? — האָב איך גע־
פרעגט.

— דאָס בין איך, האָט געזאָגט די דאַמע.

— אַ בריוו פון געאָרגי איוואַניטש.

זי האָט אומגעדולדיק אויפגעריסן דעם בריוו, אים געהאַלטן מיט
ביידע הענט, ווייזנדיק מיר אירע רינגלעך מיט די בריליאַנטן, און אָנגע־
הויבן לייענען. איך האָב באַטראַכט דאָס ווייסע פּנים מיט די ווייכע
ליניעס, די פאָרויס אויסגעבויגענע גאָמבע, די לאַנגע, טונקעלע וימפּער־
לעך. אויפן קוק האָב איך געקענט געבן דערדאָזיקער דאַמע נישט מער, ווי
פינף און צוואַנציק יאָר.

— גיב איבער אַ גרוס און אַ דאַנק, — האָט זי געזאָגט, ענדיקנדיק
דאָס לייענען. — ס'איז עמעצער דאָ באַ געאָרגי איוואַניטשן? — האָט
זי געפרעגט ווייך, פריידיק און אַזוי ווי שעמענדיק זיך פאַר איר אומצו־
טרוי.

— עפּעס צוויי הערן, — האָב איך געענטפערט, — שרייבן עפּעס.

— גיט איבער אַ גרוס און אַ דאַנק, — האָט זי איבערגעחזרט. זי
האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט און, לייענענדיק אַ צווייט מאָל דעם
בריוו, איז זי שטיל אַרויסגעגאַנגען.

איך האָב דעמאָלט געטראָפן ווייניק פרויען, און דידאָזיקע פרוי,
וועלכע איך האָב געזען אויף אַ מאָמענט, האָט געמאַכט אויף מיר אַ רושם.
גייענדיק אַהיים צופוס, האָב איך זיך דערמאַנט איר פּנים און דעם גערוך
פון אירע פיינע פּאַרפומען, און געטרוימט. ווען איך בין געקומען, איז
אָרלאָוו נישט געווען אינדערהיים.

II.

חי, געזאָגט, האָב איך מיטן באַלעבאָס געלעבט שטיל און בשלום, אָבער דאָס אומריינע און באַליידיקנדיקע, פאַרוואָס איך האָב אַזוי מורא געהאַט, בשעת איך האָב זיך געשטעלט פאַר אַ לאָקיי, איז פונדעסטוועגן געווען פון אויבן-אויף און האָט זיך געלאָזט פילן יעדן טאָג. איך האָב נישט געקענט אויסקומען מיט פאָליען, דאָס איז געווען אַ גוט אויסגעפּאַשעט, צעבאַלעוועט נפש, וואָס האָט פאַרגעטערט אָרלאָוון דערפאַר, וואָס ער איז אַ פּריץ, און מיך פאַראַכט דערפאַר, וואָס איך בין אַ לאָקיי. פונם שטאַנדפּונקט פון אַ ווירקלעכן לאָקיי אָדער קוכער איז זי מסתמא געווען רייצנדיק: ראָזע באַקן, אַן אַרויפגעריסענע נאָז, פאַרזשמורעטע אויגן און אַ דיק, כמעט פעט לייב. זי האָט זיך געפּודרירט, געפאַרבט די ברעמען און די ליפּן, זיך איינגעצויגן אין אַ גאָרסעט און געטראָגן אַ טורניור און אַ בראַנזלעט פון מטבעות. אַ גאַנג האָט זי געהאַט אַ דראָבנעם, אַן אונטערשפּרינגעדיקן; בשעת זי איז געגאַנגען האָט זי געדרייט מיט די אַקסלען און מיטן הינטן. דאָס שאָרכעריי פון אירע קליידער, דאָס סקריפּען פונם גאָרסעט און דער געקלומפּ פון בראַנזלעט און איבערהויפּט דער אָרדינערער ריח פון ליפּן-פּאָמאַדע, אָדעקאָלאָן און פאַרפומען, וועלכע זי האָט געגנבעט באַם הער, פלעגן אין די פרימאָרגנס, ווען מיר האָבן צוזאַמען אויפגערוימט די צימערן, וועקן אין מיר אַזאַ געפיל, גלייך איך וואָלט בשותפות מיט איר געטון עפּעס נידערטרעכטיקס. צי דערפאַר, וואָס איך האָב נישט איניינעם מיט איר געגנבעט, אָדער כ'האָב נישט אַרויסגעוויזן קיין שום חשק צו ווערן איר געליבטער, וואָס זי האָט זיך, מסתמא, געפילט דערפון באַליידיקט; צי, אפשר, דערפאַר גאָר, וואָס זי האָט געשפּירט אין מיר אַ פרעמדן מענטש, — נאָר זי האָט באַלד פון ערשטן טאָג אָן מיך פיינט געקריגן. מיין אומגעשיקטקייט, נישט לאָקייישע אויסערלעכקייט און מיין קראַנקייט האָבן זיך איר אויסגעוויזן נעבעכדיקע און אַרויסגערופן באַ איר אַ געפיל פון עקל. איך האָב דעמאָלט שטאַרק געהוסט און ס'פלעגט זיך טרעפן, אַז איך האָב איר באַנאַכט געשטערט צו

שלאָפן, מחמת אונזערע צימערן האָט אָפּגעטיילט איינס פון אַנדערן בלויז אַ הילצערן ווענטל. און זי פלעגט מיר אינדערפרי זאָגן:

— דו האָסט שוין ווידער מיך נישט געלאָזט שלאָפן. דו וואָלסט בעסער אין שפּיטאָל אַריין דיך געלייגט, נישט געוואוינט בײַ קיין הערן.

זי האָט אַזוי אויפריכטיק געגלייבט, אַז איך בין נישט קיין מענטש, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס שטייט אָן אַ שיעור נידעריקער פון איר, אַז זי פלעגט טיילמאָל אין מיין בייזיין אַרומגיין אין בלויזן העמד, פּונקט ווי די רוימישע מאַטראָנעס, וועלכע האָבן זיך נישט געשעמט צו באָדן אין דער אָנוועזנהייט פון זייערע קנעכט.

איינמאָל בײַם מיטאָג (מיר פלעגן יעדן טאָג באַקומען פון אַ גאַרקיך זופּ מיט געבראָטנס), בשעת איך בין געווען אין אַ גרויסאַרטיקער, טרוימערישער שטימונג, האָב איך געפרעגט:

— פּאָליאַ, איר גלייבט אין גאָט?

— נאָר ווי דען?

— הייסט עס, אַז איר גלייבט, — האָב איך פאָרגעזעצט, — אַז ס'וועט זיין אַ שרעקלעכער יום־הדין און מיר וועלן אָפּגעבן גאָט דין וחשבון פאַר אַלע אונזערע שלעכטע מעשים?

זי האָט גאָרנישט נישט געענטפערט, נאָר געמאַכט אַ ביטולדיקע גרימאַסע און, קוקנדיק דאָס מאָל אין אירע זאַטע, קאַלטע אויגן, האָב איך תופס געווען, אַז דיזאָזיקע גאַנצע, פולקאָם פאַרענדיקטע נאַטור האָט נישט קיין גאָט, קיין געוויסן, קיין געזעצן, און ווען איך זאָל באַדאַרפן דערהרגענען, אונטערצינדן אָדער באַגנבענען, וואָלט איך פאַר געלט נישט געקענט געפינען קיין בעסערן מיטהעלפער.

אין דער אויסטערלישער לאַגע, און נאָך בײַ מיין אומגעוואוינהייט צו „דו" און כסדרדיקן ליגנט־זאָגן (צו זאָגן „דער הער איז נישטאָ אינדערהיים", ווען ער איז יאָ דאָ), האָט זיך מיר די ערשטע וואָך בײַ אָרלאָוון געלעבט נישט גרינג. אין לאָקיישן פראַק האָב איך זיך געשפּירט, ווי אין אַ פּאַנצער. אָבער דערנאָך האָב איך זיך צוגעוואוינט. ווי אַן אמתדיקער לאָקיי, האָב איך באַדינט, אויפגערוימט די צימערן, בין געלאָפן, געפאָרן, אויספירנדיק פלערליי שליחותן. ווען אָרלאָוון האָט זיך נישט געגלוסט צו פאָרן זיך זעען מיט זינאַידאַ פעדאָראָוונען, אָדער ווען

ער האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט צוגעזאָגט צו זיין באַ איר, פלעג איך פאָרן אויף זנאַמיענסקע, אָפּגעבן אַ בריוו איר אין דער האַנט אַריין און זאָגן ליגנט. און אין רעזולטאַט איז אַרויסגעקומען אינגאַנצן נישט דאָס, וואָס איך האָב דערוואַרט, בשעת איך האָב זיך געשטעלט אַלס לאָקיי; יעדער טאָג פון דעמדאָזיקן נייעם לעבן מייַנעם איז בחינם פאַרלוירן געגאַנגען סיי פאַר מיר, סיי פאַר מיין זאַך, וואָרים אָרלאָוו האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיין פאָטער, זיינע געסט — דעסגלייכן, און וועגן דער טעטיקייט פון דעם באַוואוסטן מלוכה־מאַן האָב איך געוואוסט בלויז דאָס, וואָס מיר איז געלונגען, אַזוי ווי פריער, געוואויר צו ווערן פון די צייטונגען און פון דער קאָרעספּאָנדענץ מיט די חברים. הונדערטער צעטלעך און פּאַפּירן, וועלכע איך פלעג געפינען אין קאַבינעט און לייענען, האָבן נישט געהאַט אפילו קיין וייטע שייכות צו דעם, וואָס איך האָב געזוכט. אָרלאָוו איז געווען פולשטענדיק גלייכגילטיק צו דער הילכיקער טעטיקייט פון זיין פאָטער און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גאָר וועגן איר נישט געהערט אָדער ווי זיין פאָטער וואָלט שוין לאַנג געהאַט געשטאָרבן.

III.

יעדן דאָנערשטיק זענען באַ אונז געווען געסט.

איך פלעג באַשטעלן אין אַ רעסטאָראַן אַ שטיק ראָסטביף, טעלעפאָנירן צו יעליסעיעוון, אַז מען זאָל אונז צושיקן קאַוויאָר, קעז, אָסטריגעס וכדומא. כ'האָב געקויפט שפּיל־קאָרטן. פּאָליאַ פלעגט שוין פונדערפרי אָן צוגרייטן דאָס טיי־געשיר, די סערווירונג צום נאַכטעסן. דעם אמת זאָגנדיק, האָט די קליינע טעטיקייט אַריינגעטראָגן אַ ביסל פאַרשידנאַרטיקייט אין אונזער פּוסט־און־פּאַסטיק לעבן, און די דאָנערשטיקן זענען באַ אונז געווען די אינטערעסאַנטסטע טעג.

געסט פלעגן קומען סך־הכל דריי. דער סאָלידסטער פון אַלע און, אפשר, אויך דער אינטערעסאַנטסטער איז געווען דער גאַסט מיטן נאָמען פּיעקאַרסקי, אַ הויכער, מאָגערער מאַן פון אַ יאָר פינף און פערציק,

מיט א לאַנגער, האָרבאַטער נאָז, מיט אַ גרויסער, שוואַרצער באָרד און אַ פליכיקן קאָפּ. אויגן האָט ער געהאַט גרויסע, אַרויסגעהויבענע, און דער אויסדרוק פון פנים איז געווען אַן ערנסטער, אַ פאַרטראַכטער, ווי באַ אַ גריכישן פילאָזאָף. געדינט האָט ער אין אַ באַן־דירעקציע און אין אַ באַנק, איז געווען אַ יוריסטקאָנסולט אין זייער אַ וויכטיקער רעגירונגס־אינסטיטוציע און געשטאַנען אין געשעפטלעכע באַציונגען מיט אַ סך פּריוואַטע פּערזאָנען, אַלס אָפּיעקון, קאָנקורסן־פּרעזעס א. ד. גל. אַ ראַנגע האָט ער געהאַט גאָרנישט קיין גרויסע און האָט זיך באַשיידן גערופן געשוואוירענער אַדוואָקאַט, נאָר זיין איינפלוס איז געווען אַן אומגעהייערער. זיינס אַ וויזיט־קאַרטל אָדער אַ צעטעלע איז גענוג געווען, אַז אייך זאָל אָננעמען נישט לויט דער ריי אַ באַרימטער דאָקטאָר, אַ באַן־דירעקטאָר אָדער אַ וויכטיקער באַאַמטער; מען האָט געזאָגט, אַז מיט זיין פּראָטעקציע קען מען באַקומען אַ פּאָסטן אפילו פון פערטער קאַטעגאָריע און פאַררייבן אַ וואָסערן ס׳איז נישט אומאָנגענעמען ענין.

מען האָט אים געהאַלטן פאַר זייער אַ קלוגן מענטש, נאָר באַ אים איז געווען עפּעס אַ באַזונדערער, מאָדנער שכל.

ער האָט געקענט אין איין אויגנבליק כפלען אויפן קאָפּ 213 אויף 373, אָדער איבעררעכענען שטערלינגען אויף מאַרקן אָן דער הילף פון אַ בליישטיפט און טאַבעלקעס, האָט גרויסאַרטיק געקענט דאָס אייזנבאַן־געביט און פינאַנצן, און אין אַלעם, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַדמיניסטראַציע ענינים, איז פאַר אים נישט געווען קיין סודות; אין ציווילע אָנגעלעגנהייטן איז ער געווען, ווי מ׳האָט דערציילט, דער קונציקסטער אַדוואָקאַט און לאָדן זיך מיט אים איז גישט גרינג געווען. נאָר פאַר דעמדאָזיקן אומגעוויינלעכן שכל זענען געווען אומפאַרשטענדלעך אַ סך זאַכן, וואָס ס׳ווייסט טיילמאָל אפילו אַ נאַר. אַזוי האָט ער להלוטין נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס מענטשן זענען אומעטיק, וויינען, באַגייען זעלבסטמאָרד און דערהרגענען אפילו אַנדערע, פאַרוואָס זיי רעגן זיך אויף צוליב זאַכן און געשעענישן, וואָס גייען זיי פּערזענלעך נישט אָן, און פאַרוואָס זיי לאַכן, ווען זיי לייענען גאָגאָלן אָדער שטשעדרינען...

אַלץ, וואָס איז אַבסטראַקט און ווערט פאַרלוירן אינם געביט פון געדאַנק און געפיל, איז געווען פאַר אים אומפאַרשטענדלעך און

לאַנגווייליק, ווי מוזיק פאַר אַזעלכן, וואָס האָט נישט קיין געהער.

אויף מענטשן האָט ער געקוקט בלויז פון געשעפטלעכן שטאַנדפונקט און זיי געטיילט אויף פעיקע און אומפעיקע. קיין אַנדערע פּאַרטיילונג האָט בײַ אים נישט עקזיסטירט. ערלעכקייט און אָרנטלעכקייט זענען נאָר א סימן פון פעיקייט. הולטייען, שפּילן אין קאָרטן און זיין אויסגעלאַסן מעג מען, נאָר אַזוי, אַז דאָס זאָל נישט שטערן דעם געשעפט. גלייבן אין גאָט איז נישט קלוג, נאָר די רעליגיע דאַרף ווערן אָפּגעהיטן, מחמת פאַרן המון איז נייטיק אַן אָפּהאַלטנדיקער יסוד, אַנדערש וועט ער נישט אַרבעטן. שטראָפן זענען נייטיק נאָר אויף אָפּצושרעקן. אַרויספאָרן אויף זומער-וואוינונג איז איבעריק, וואָרים אין שטאָט איז אויך גוט. און אַזוי ווייטער. ער איז געווען אַן אַלמן און האָט נישט געהאַט קיין קינדער, נאָר אַ לעבן האָט ער געפירט אויף אַ ברייטן פאַמיליען-מאַסשטאַב און געצאָלט פאַר אַ דירה דריי טויזנט רובל אַ יאָר.

דער צווייטער גאַסט, קוקושקין, אַווירקלעכער מלוכה-ראַטמאַן פון די ייִנגע, איז געווען נישט הויך געוואוקסיק און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ העכסט אומאָנגענעמען אויסדרוק, וועלכן ס'האָט נאָך פאַרשטאַרקט די נישט פּראָפּאָרציאָנעלקייט פון זיין דיקן, פעטן גוף מיטן קליינעם, דאַרן פּנים. די ליפּן זענען בײַ אים געווען צונויפגעלייגט, ווי אַ הערצעלע און די פאַרשווירענע וואָנסעלעך האָבן אויסגעזען ווי צוגעקלעפּטע. דאָס איז געווען אַ פאַרשוין מיט מאַניערן פון אַ יאַשטשערקע. ער פלעגט נישט אַריינגיין, נאָר אַריינקריכן, דראָבנע שאַרנדיק בשעת מעשה מיט די פיס, זיך וויגנדיק און לאַכנדיק מיט אַ דראָבנע געלעכטערל, בשעת וועלכן ער פלעגט אויסשטשירען די ציין. ער איז געווען אַ באַאַמטער פון ספּעציעלע שליחותן בײַ עמעצן און האָט גאָרנישט נישט געטון, הגם ער האָט באַקומען אַ גרויסן געהאַלט, בפרט זומער, ווען מען פלעגט פאַר אים אויסגעפינען פאַרשידענע קאָמאַנדירונגען. דאָס איז געווען אַ קאַריערימט נישט ביזן מאַרך פון די ביינער, נאָר ביזן לעצטן טראָפּן בלוט; און דערבײַ איז עס געווען אַ קליינלעכער קאַריעריסט, אָן שום זיכערקייט אין זיך אַליין, וועלכער האָט געבויט זיין קאַריערע אויסשליסלעך אויף געשאַנקען. פאַר-אַ-וואָסער ס'איז אויסלענדיש קרייצל אָדער צוליב דעם, אַז מען זאָל אין די צייטונגען אָפּדרוקן, אַז ער איז בייגעווען אויף אַ הזכרת-נשמה אָדער אויף אַ תּפילה צוזאַמען מיט אַנדערע

הויכגעשטעלטע פּערזאָנען, איז ער גרייט געווען אויף יעדער דערנידערונג, הכנעהדיק בעטן, חנפענען, געבן הבטחות. פון פחדנות פלעגט ער חנפענען אָרלאָוון און פּיעקאַרסקין, וואָרים ער האָט זיי געהאַלטן פאַר שטאַרקע מענטשן, האָט געחנפעט פּאָליען און מיך, ווייל מיר האָבן געדינט בײַ אַן איינפלוסרייכן מענטש. יעדעס מאָל, ווען איך האָב אים אויסגעטון דאָס פוטער, האָט ער מיך געפרעגט מיט זיין דראָבנע געלעכטערל: „סטעפּאַן, דו האָסט אַ ווייב?‟ — און דערנאָך פלעגן קומען ציניש בּאַנאַליטעטן — אַ צייכן פון באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט צו מיר. קוקושקין פלעגט זיך צוחנפענען צו אָרלאָווס שוואַכקייטן, צו זיין פאַרדאָרבנקייט, זאַטקייט; כּדי אים צו געפעלן, פלעגט ער זיך מאַכן פאַר אַ בייזן לץ און אַ ציניקער, קריטיקירן אינײַנעם מיט אים אַזעלכע פּערזאָנען, פאַר וועלכע ער איז ערגעץ אַנדערש קנעכטיש געפאַלן כּורעים. ווען מען פלעגט בײַם נאַכטעסן רעדן וועגן פרויען און וועגן ליבע, האָט ער זיך געמאַכט פאַר אַ דורכגעטריבענעם, ראַפינירטן בעל-תּאווהניק. בכלל, דאַרף מען זאָגן, האָבן פּעטערבורגער ווילטעגער ליב צו דערציילן וועגן זייערע אומגעוויינטלעכע געשמאַקן. אָט אַזאַ ווירקלעכער מלוכה-ראַטמאַן פון די ייִנגע, וואָס באַגנוגנט זיך אויסגעצייכנט מיט די צערטלענישן פון זיין קעכין אָדער פון עפּעס אַן אומגליקלעכער, וואָס שפּאַצירט איבער ניעווסקי, וועט אייך דערציילן, אַז ער האָט שוין געפּרוווט אַלע עבירות פון מזרח און מעריב, אַז ער איז אַן ערן-מיטגליד פון אַ גאַנץ צענדליק געהיימע דעמאָראַליזאַטאָרישע געזעלשאַפטן און די פּאָליציי האָט אים שוין אויפן אויג. קוקושקין פלעגט אויסטראַכטן וועגן זיך די אויסטערלישסטע בלבולים, און מען האָט אים נישט באָר נישט געגלייבט, נאָר מען פלעגט זיינע בבא-מעשיות דורכלאָזן עפּעס-אַזוי ווי פאַרביי די אויערן.

דער דריטער גאַסט — גרוזין, אַ זון פון אַ חשובן געלערנטן גענעראַל, איז געווען אין אָרלאָווס יאָרן, אַ בלינדלעכער בלאָנדין, מיט לאַנגע האָר און גאָלדענע ברילן. ס'דערמאַנען זיך מיר זיינע לאַנגע בלאַסע פינגער, ווי בײַ אַ פּיאַניסט; אָבער אויך אין זיין גאַנצער פיגור איז געווען עפּעס מוזיקאַנטיש, ווירטואָזיש. אַזעלכע פיגורן שפּילן אין אָרקעסטערס די ערשטע פידל. ער האָט געהוסט און געליטן אויף מיגרענע. בכלל האָט ער אויסגעזען קרענקלעך און שוואַך. אינדערהיים האָט מען אים, מסתמא,

אויסגעטון און אָנגעטון, ווי אַ קליין קינד. ער האָט געענדיקט אַ יורידישע שולע און געדינט צוערשט אַלס יוסטיץ-באַאַמטער, נאָכדעם האָט מען אים אַריבערגעפירט אין סענאַט, פונדאַנען איז ער אַוועקגעגאַנגען און דורך פּראָטעקציע האָט ער באַקומען אַ שטעלע אין מיניסטעריום פון מלוכה-פאַרמעגן און איז אינגיכן ווידער אַוועקגעגאַנגען. אין מיין צייט האָט ער געדינט אין אָרלאָווס אָפּטיילונג, איז געווען באַ אים קאַנצלייפירער, נאָר ער פלעגט זאָגן, אַז ער וועט אין קורצן ווידער איבערגיין אין יוסטיץ-מיניסטעריום. צו דעם אַמט און צו זיינע וואַנדערונגען פון איין שטעלע אויף דער אַנדערער האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ זעלטענער גלייכגילטיקייט, און ווען מען פלעגט אין זיין אָנוועזנהייט ערנסט רעדן וועגן ראַנגעס, אָרדנס, געהאַלטן, פלעגט ער גוטמוטיק שמייכלען און איבערחזרן פּרוטקאָווס אַן אַפאָריזם: „נאָר אויף אַ רעגירונגס-שטעלע וועסטו דערקענען דעם אמת!" ער האָט געהאַט אַ קליין ווייבעלע מיט אַ גערונצלט פּנים, זייער אַן אייפערזיכטיקע, און פינף זייער מאָגערע קינדער. די פרוי פלעגט ער פאַרראַטן, די קינדער האָט ער ליב געהאַט, נאָר בשעת ער האָט זיי געזען, און אין אַלגעמיין האָט ער זיך באַצויגן צו דער פאַמיליע גלייכגילטיק און פלעגט חוזק מאַכן פון איר. געלעבט האָט ער מיט דער פאַמיליע פון גמילות-חסדים, לייענדיק ווו און באַ וועמען עס האָט זיך נאָר געמאַכט, באַ יעדער גינסטיקער געלעגנהייט, נישט אויסמיידנדיק אפילו זיינע שעפן און שווייצערס. דאָס איז געווען אַ שוואַנקענדיקע נאַטור, פויל ביז פולער גלייכגילטיקייט צו זיך אַליין און וואָס איז געשווומען מיטן שטראָם אומבאַוווסט וווהין און צו וואָס. וואוהין מען האָט אים געפירט, איז ער געגאַנגען. מען האָט אים געפירט אין אַ וואַסערן-ס'איז שאַנדהויז — איז ער געגאַנגען, מען האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט ווין, האָט ער געטרונקען; מען האָט געזידלט אין זיין אָנוועזנהייט ווייבער, האָט ער זיין ווייב אויך געזידלט, פאַרזיכערנדיק, אַז זי האָט אים קאַליע געמאַכט דאָס לעבן, און אויב מען האָט געלויבט, פלעגט ער אויך לויבן און אויפריכטיק זאָגן: „איך האָב זי, די אָרימע, זייער ליב." קיין פוטער האָט ער נישט געהאַט און פלעגט תמיד טראָגן אַ פלעד, פון וועלכן ס'האָט זיך געשפּירט אַ ריח פון קינדער-צימער. ווען ער פלעגט באַם נאַכט-עסן זיצן פאַרטראַכטערהייט, קאָלערן ברויט-קיילעכלעך און דערבייי טרינקען אַ סך רויטווין, פלעג איך כמעט זיכער

ן, אַז אין אים איז עפּעס פאַרהאַן, אַז נעפּלדיק פילט ער עס, מסתמא, אַליין, נאָר די אַרומיקע פּוסטקייט און די באַנאַלקייט דערלאָזן אים נישט זיך צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן. ער האָט אַ ביסל געשפּילט קלאַוויר. עס פלעגט זיך מאַכן, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם קלאַוויר, גענומען צוויי-דריי אַקאָרדן און האָט שטיל אויפגעזונגען:

וואָס גרייט פאַר מיר דער צוקונפטס-טאָג?

אָבער ער פלעגט תיכף, אַזוי ווי איבערגעשראָקן, אויפשטיין און אַוועקגיין וואָס ווייטער פון קלאַוויר.

די געסט פלעגן געוויינטלעך צונויפקומען זיך אַרום צען. זיי האָבן געשפּילט באַ אָרלאָוון אין קאַבינעט אין קאָרטן און איך מיט פּאָליען האָבן זיי דערלאַנגט טיי. דאָ האָב איך ערשט געקענט געהעריק משיג זיין די גאַנצע מתיקות פון לאָקיישקייט. שטיין במשך פון פיר-פינף שעה באַ דער טיר, אַכטונג געבן, אַז ס'זאָלן נישט זיין קיין ליידיקע גלעזער, איבערטוישן די אַש-טעצלעך, אונטערלויפן צום טיש, כּדי אויפצוהייבן אַן אַראָפּגעלאָזט שטיקל קרייד אָדער אַ קאָרט, און, דער עיקר, שטיין, וואַרטן, זיין אויפמערקזאַם און נישט וואַגן צו רעדן, הוסטן, שמייכלען, דאָסדאָזיקע, פאַרזיכער איך אייך, איז שווערער, ווי די שווערסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט. איך בין אַמאָל געהאַט געשטאַנען אויף דער וואַך צו פיר שעה אין שטורעמדיקע ווינטער-נעכט און איך געפין איין, אַז די וואַך איז אַ סך גרינגער.

אין קאָרטן האָט מען געשפּילט ביז אַרום צוויי, אַמאָל ביז דריי, און נאָכדעם איז מען, ציענדיק זיך פון צוגעזעסנקייט, געגאַנגען אין עסצימער עסן אָוונטברויט אָדער, ווי אָרלאָוו פלעגט זאָגן, צוביייסן. באַם אָוונטברויט האָט מען געשמועסט. ס'האָט זיך געוויינטלעך אָנגעהויבן דערפון, וואָס אָרלאָוו האָט מיט לאַכנדיקע אויגן פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן עפּעס אַ באַקאַנטן, וועגן אַן אָקאָרשט איבערגעלייענט בוך, וועגן אַ נייער באַשטימונג אָדער פּראָיעקט; דער חונפדיקער קוקושקין האָט אונטערגעכאַפּט אין זעלבן טאָן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן, לויט דער דעמאָלסדיקער שטימונג, אַ העכסט-אָפּשטויסנדיקע מוזיק. די איראָניע פון אָרלאָוון און זיינע פריינד האָט נישט געוואוסט קיין גרענעצן און נישט געשוינט קיינעם און גאָרנישט. האָט מען גערעדט וועגן רעליגיע — איז איראָניע, האָט מען גערעדט וועגן פילאָזאָפיע, וועגן זינען און צילן פון לעבן —

איראָניע, האָט עמעץ אויפגעהויבן די פראַגע וועגן פאָלק — איז איראָניע. אין פעטערבורג איז פאַרהאַן אַ באַזונדערער מין מענטשן, וואָס שפּעטן אָפּ פון איטלעכער לעבנס-דערשיינונג; זיי קענען נישט פאַרבייגיין אפילו דורך אַ הונגעריקן אָדער אַ זעלבסטמערדער, אום נישט צו זאָגן עפּעס אַ באַנאַליטעט. אָבער אָרלאָוו מיט זיינע חברים האָבן נישט געשפּאַסט און נישט אָפּגעשפּעט, נאָר גערעדט מיט איראָניע. זיי האָבן געזאָגט, אַז קיין גאָט איז נישטאָ און מיטן טויט פאַרשווינדט די פערזענלעכקייט פולשטענדיק; אומשטערבלעכע עקזיסטירן בלויז אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, קיין אמתדיקע גליקזעליקייט איז נישטאָ און קען נישט זיין, ווארים איר יש איז פאַרבונדן מיט מענטשלעכער פולקאָמענהייט, און דאָס לעצטע איז אַ לאָגישער אומזין. רוסלאַנד איז פונקט אַזאַ לאַנגווייליקע און קבצנותדיקע מדינה, ווי פערסיע. די אינטעליגענץ איז האָפענונגסלאָז. לויט פּיעקאַרסקיס מיינונג באַשטייט זי אין אַ געוואַלטיקער מערהייט פון אומפעיקע און צו גאָרנישט טויגלעכע מענטשן. דאָס פאָלק ווידער האָט זיך אָפּגעגעבן דער שכרות, דער פוילקייט און דער גנבה און ווערט דעגענערירט. קיין וויסנשאַפט איז נישטאָ בא אונז, די ליטעראַטור איז אומגעלומפּערט, דער מסחר האַלט זיך אויף שווינדל: — „ווערסט נישט אָפּנאַרן, וועסטו נישט פאַרקויפן". און אַלץ אויף אַזאַ שטייגער, און אַלץ קאָמיש.

צום סוף פון נאַכטעסן איז מען פון וויין געוואָרן פריילעכער און מען פלעגט איבערגיין צו פריילעכערע געשפּרעכן. מען האָט אָפּגעלאַכט פון גרוזינס פאַמיליען-לעבן, פון קוקושקינס נצחונות אָדער פון פּיעקאַרסקין, וואָס אין זיין הוצאה-ביכל איז כלומרשט געווען איין זייט מיטן קעפּל: אויף צדקה-עניים און דאָס אַנדערע — אויף פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן. מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז ס'איז נישטאָ קיין געטרייע ווייבער; עס איז נישטאָ אַזאַ ווייב, וואָס מען זאָל נישט קענען, בא אַ געוויסער געניטקייט, אַרויסבאַקומען בא איר צערטלעכקייט, זייענדיק מיט איר אין גאַסטצימער, בשעת דער מאַן געפינט זיך אין דערבייאיקן קאַבינעט. אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך זענען אויסגעלאַסן און ווייסן שוין אַלץ. אָרלאָוו האַלט בא זיך אַ בריוו פון איין פערצניעריקער גימנאַזיסטין: זי האָט, גייענדיק פון גימנאַזיע, „אויפּגעכאַפּט אויף ניעווסקי אַן אָפיצירל", וועלכער זאָל זי האָבן אַוועקגעפיר-

צו זיך און האָט זי אָפּגעלאָזט ערשט שפּעט אין אָוונט, און זי האָט זיך געאײלט אָנצושרײַבן וועגן דעם דער חברטע, כדי צו טײלן זיך מיט דער באַגײסטערונג. מען האָט גערעדט, אַז קײן מאָראַלישע רײנקײט איז קײנמאָל נישט געווען און איז נישטאָ, משמעות, דאַרף זי קײנער נישט; די מענטשהײט איז זיך ביז אַהער אויסגעצײכנט באַגאַנגען אָן איר. די שעדלעכקײט פֿון דער אַזוי גערופֿענער אויסגעלאַסנקײט איז אָן ספֿק איבערגעטריבן. די פֿאַרקריפּלונג, וואָס ווערט פֿאָרגעזעען אין אײנ־זער שטראָף־קאָדעקס, האָט נישט געשטערט דיאָגענען צו זײַן אַ פֿילאָ־זאָף און אַ לערער; צעזאַר און ציצעראָן זענען געווען אויסגעלאַסענע און גלײכצײַטיק גרויסע מענטשן. דער זקן קאַטאָן האָט חתונה געהאַט מיט אַ ייִנגיטשקער, און האָט פֿונדעסטוועגן נישט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ שטרענ־גער בעל־תּענית און היטער פֿון מאָראַל.

אַרום דרײַ אָדער פֿיר אַ זײגער פֿלעגן די געסט זיך פֿונאַנדער־גײן, אָדער צונויפֿפאָרן אַוועקפֿאָרן הינטער דער שטאָט אָדער אויף דער אָפּיצערסקע צו אַ געוויסער וואַרוואַראַ פּיעטראָוונאַ אָסיפּאָווגען, און איך פֿלעג אַוועקגײן צו זיך אין לאָקײ־שטיבל און לאַנג נישט קענען אײַנ־שלאָפֿן פֿון קאָפּ־ווײטיק און הוסט.

IV.

אַן ערך דרײַ וואָכן נאָכדעם, ווי איך בין אָנגעקומען צו אָרלאָוון, כ׳געדענק נאָך, זונטיק אינדערפֿרי האָט עמעץ אָנגעקלונגען. ס׳איז גע־ווען פֿאַר עלף און אָרלאָוו איז נאָך געשלאָפֿן, איך בין געגאַנגען עפֿע־נען. איר קענט זיך פֿאָרשטעלן מײַן דערשטוינונג: הינטער דער טיר איז געשטאַנען אַ דאַמע מיט אַ וואַל.

— געאָרגי איוואַניטש איז שוין אויפֿגעשטאַנען? — האָט זי גע־פֿרעגט.

און אײנם קול האָב איך דערקענט זינאַידאַ פֿעדעראָוונען, צו וועל־כער כ׳פֿלעג טראָגן בריוו אויף זנאַמיענסקע. איך געדענק נישט, צי האָב איך באַוויזן און צי איך האָב גאָר געקענט איר ענטפֿערן, — איך בין גע־

וועַן צעמישט פון איר אומגעריכטן דערשיינען. נאָר זי האָט גאָרנישט באַדאַרפט מיין ענטפער. אין איין אויגנבליק האָט זי דורך מיר פאַרביי־געשוועבט און אָנפילנדיק דאָס פּאָדערצימער מיטן אַראָמאַט פון אירע פּאַרפומען, וועלכע איך געדענק נאָך עד היום אויסגעצייכנט, איז זי אַריינ־געגאַנגען אין די צימערן, און אירע טריט זענען פאַרשטילט געוואָרן. ווייניקסטנס אַ האַלבע שעה נאָכדעם — האָט מען גאָרנישט געהערט, אָבער ווידער האָט עמעץ אַ קלונג געטון. דאָס מאָל עפּעס אַן אויסגעפּוצט מיידל, קענטיק, אַ דינסט פון עפּעס אַ רייך הויז, און אונזער שווייצער: ביידע האָבן, סאָפּענדיק, אַריינגעטראָגן צוויי וואַליזעס מיט אַ באַגאַזש־קויש.

— דאָס איז פאַר זינאַידאַ פעדאָראָווגען, — האָט געזאָגט דאָס מיידל.

און איז אַוועקגעגאַנגען, נישט זאָגנדיק מער קיין וואָרט. דאָס אַלץ איז געווען סודותפול, און באַ פּאָליען, וועלכע האָט געקוקט מיט יראת־הכבוד אויף פריצישע שטיפערייען, האָט דאָס אַרויסגערופן, אַ כיטרע שמייכלע; זי האָט אויסגעזעען, ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: „אָט, וואָסע־רע מיר זענען:" — און די גאַנצע צייט איז זי אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. ענדלעך האָבן זיך געלאָזט הערן טריט: זינאַידאַ פעדאָראָווגאַ איז שנעל אַריינגעגאַנגען אין פּאָדערצימער און, דערזעענדיק מיך אין דער טיר פון מיין לאָקיי־שטיבל, האָט זי געזאָגט.

— סטעפּאַן, גיט אַריין געאָרגי איוואַניטשן אָנצוטון.

ווען איך בין אַריינגעקומען צו אָרלאָוון מיטן אָנטועכץ און די שטיוול, איז ער געזעסן אויפן בעט, די פיס אַראָפּגעהאָנגען אויפן בערן־פוטער. זיין גאַנצע פיגור האָט אויסגעדריקט צעמישטקייט. מיך פלעגט ער נישט באַמערקן און מיט מיין לאָקיישער מיינונג האָט ער זיך נישט אינטערעסירט; משמעות, ער איז געווען צעמישט און פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, פאַר זיין „אינעווייניקסטן אויג". ער האָט זיך אָנגעטון, געוואַשן און נאָכדעם זיך געפּאָרעט מיט די בערשטלעך און קעמלעך שווייגנדיק און נישט געאיילט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך געבן צייט אויף צו באַקלערן זיין לאַגע און זיך מישב זיין; און אפילו פון הינטן האָט מען געקענט באַמערקן אויף זיין פּלייצע, אַז ער איז צערודערט און אומצו־פריזן מיט זיך.

זיי האָבן געטרונקען קאַווע צוזאַמען, זינאַידאַ פעדאָראָווגאַ האָט אָנגעגאָסן פון קריגל פאַר זיך און אָרלאָוון, נאָכדעם האָט זי אַוועקגע־שטעלט די עלנבויגנס אויפן טיש און זיך צעלאַכט.

— מיר גלייבט זיך נאָך אַלץ נישט, — האָט זי געזאָגט — ווען מען רייזט לאַנג און מען קומט נאָכדעם צו פאָרן אין אַ האָטעל, גלייבט זיך נאָך אַלץ נישט, אַז מען באַדאַרף שוין נישט צו פאָרן. ס'איז אָנגע־נעם לייכט אָפּצואָטעמען.

מיט אַ מינע פון אַ מיידעלע, וועלכער ס'גלוסט זיך זייער צו שטיפן, האָט זי לייכט אָפּגעזיפצט און זיך ווידער צעלאַכט.

— איר וועט מוחל זיין, — האָט געזאָגט אָרלאָוו, אָנווייזנדיק אויף די צייטונגען. — לייענען בײַ דער קאַווע — דאָס איז שוין מיין פאַר־פאַלענע טבע. נאָר איך קען טון צוויי זאַכן צוזאַמען: סיי לייענען, סיי הערן.

— לייענט, לייענט... אייערע געוואוינהייטן און אייער פרייהייט וועלן פאַרבלייבן בײַ אייך. נאָר פאַרוואָס איז בײַ אייך אַזאַ זויערע פי־זיאָגנאָמיע? צי איר זענט שטענדיק אַזוי אינדערפרי אָדער נאָר היינט? איר זענט נישט צופרידן?

— פאַרקערט. נאָר איך, כ'מוז זיך מודה זיין, בין אַ ביסל איבער־ראַשט.

— פאַרוואָס? איר האָט געהאַט צייט זיך צוצוגרייטן צו מיין אינ־וואַזיע. איך האָב אייך יעדן טאָג געדראָט.

— יאָ, נאָר איך האָב נישט דערוואַרט, אַז איר וועט מקיים זיין אייער דראָונג גראָד היינט.

— איך האָב אַליין זיך אויך נישט געריכט, נאָר ס'איז גלייכער, ס'איז גלייכער, מיין פריינד, אַרויסרייסן דעם קראַנקן צאָן מיטאַמאָל און — אַ סוף.

— יאָ, געוויס.

— אַך, מיין ליבער! — האָט זי געזאָגט, פאַרזשמורענדיק די אויגן, — ס'איז גוט אַלץ, וואָס ענדיקט זיך גוט, נאָר וויפיל צרות איז גע־ווען, איידער ס'האָט זיך געענדיקט גוט. איר קוקט נישט דערויף, וואָס איך לאַך: איך בין צופרידן, גליקלעך, נאָר מיר גלוסט זיך מער צו וויינען, ווי לאַכן. נעכטן האָב איך אויסגעהאַלטן אַ גאַנצע שלאַכט, — האָט זי

פאַרגעזעצט אין פראַנצויזיש. — נאָר איין גאָט ווייסט, ווי שווער מיר איז געווען. נאָר איך לאַך, ווייל מיר גלייבט זיך נישט. מיר דאַכט זיך, אַז איך זיץ מיט אייך און טרינק קאַווע נישט וואַכעדיקערהייט, נאָר אין חלום.

נאָכדעם האָט זי ווייטער דערציילט אויף פראַנצויזיש, ווי אַזוי זי איז נעכטן זיך צעגאַנגען מיטן מאַן, און אירע אויגן האָבן זיך בעת מעשׂה דאָ אָנגעפילט מיט טרערן, דאָ געלאַכט און מיט אַנטציקונג געקוקט אויף אַרלאָוון. זי האָט דערציילט, אַז דער מאַן האָט זי שוין לאַנג חושד געווען, נאָר כּסדר אויסגעמיטן דערקלערונגען; ס׳פלעגן זייער אָפט פּאַרקומען מחלוקת, און געווייינטלעך, ווען ס׳איז דערגאַנגען צום העכסטן פּונקט, איז ער ראַפּטעם פאַרשוויגן געוואָרן און אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט, כּדי ער זאָל נישט פּלוצלינג צעקאָכטערהייט אַרויסזאָגן זיינע חשדים און אַז זי אַליין זאָל נישט אָנהייבן אַרויסרעדן. זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ ווידער האָט זיך געפילט שולדיק, נישטיק, נישט פעיק אויף קיין דרייסטן, ערנסטן טריט, און דערפון האָט זי מיט יעדן טאָג אַלץ מער פיינט געקריגן זיך און דעם מאַן און האָט זיך געפייניקט, ווי אין אַ גיהנום. נאָר נעכטן, ווען ער האָט בשעתן קריגן זיך אַ געשריי געטון מיט אַ וויינענדיק קול: „ווען זשע וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן, גאָט מיינער?‟ — און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט, איז זי אים נאָכגעלאָפן, ווי אַ קאַץ נאָך אַ מויז און, נישט לאָזנדיק אים פאַרמאַכן די טיר, האָט זי אויסגעשריגן, אַז זי האַסט אים פון גאַנצן האַרצן. דעמאָלט האָט ער זי אַריינגעלאָזט אין קאַבינעט, און זי האָט אים אַלץ אַרויסגעזאָגט און זיך מודה געווען, אַז זי האָט ליב אַן אַנדערן, און אַז דער דאָזיקער אַנדערער איז איר אמתדיקער, געזעצלעכער מאַן, און זי האַלט עס פאַר איר געוויסנס־חוב שוין היינט טאַקע אַריבערצופאָרן צו אים, נישט געקוקט אויף גאָרנישט, ווען מען זאָל אפילו שיסן אויף איר מיט האַרמאַטן.

— אין אייך קלאַפּט שטאַרק אַ ראָמאַנטישער אָדער, — האָט אָרלאָוו איר איבערגעשלאָגן די רייד, נישט אָפּרייסנדיק דעם קאָפּ פון ציי־טונג.

זי האָט זיך צעלאַכט און האָט ווייטער דערציילט, נישט צוריר־דיק זיך צו איר קאַווע. די באַקן האָבן זיך בײַ איר צעפלאַמט, דאָס

האָט זי אַ ביסל געבערענגט אין פאַרלעגנהייט, און זי האָט שעמעוודיק זיך אומגעקוקט אויף מיר און אויף פּאָליען. פון איר ווייטערדיקער דערציילונג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער מאַן האָט איר געענטפערט מיט פאַרוואורפן, דראָונגען און סוף כּל סוף מיט טרערן. און עס וואָלט ריכטיקער געווען צו זאָגן, אַז נישט זי, נאָר ער האָט אויסגעהאַלטן אַ שלאַכט.

— יאָ, מיין פריינט, כּל־זמן די נערוון מיינע זענען געווען אָנגעשטרענגט, איז אַלץ געגאַנגען אויסגעצייכנט, — האָט זי דערציילט, — נאָר אַזוי ווי ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט, בין איך באַ זיך אָפּגעפאַלן. איר, זשאָרזש, גלייבט נישט אין גאָט, און איך האָב אַ ביסל אמונה און האָב מורא פאַר שטראָף. גאָט פאַרלאַנגט פון אונז געדולד, גרויסמוט, זעלבסטאָפּפערונג, און אָט זאָג איך זיך אָפּ פון ליידן און וויל איינאָרדענען דאָס לעבן אויף אַן אַנדערן שטייגער. איז דאָס גוט? און טאָמער איז דאָס פון גאָטס שטאַנדפּונקט נישט גוט? אַרום צוויי אַ זייגער באַנאַכט איז אַריינגעקומען צו מיר דער מאַן און זאָגט: „איר זאָלט זיך נישט דערוועגן אַוועקצוגיין. איך וועל אייך אַרויספאָדערן מיט אַ סקאַנדאַל דורך פּאָליציי״. און נישט לאַנג וואַרטנדיק, כ׳קוק זיך אום, שטייט ער שוין ווידער אין דער טיר, ווי אַ שאָטן. „האָט רחמנות אויף מיר. אייער אַנטלויפן קען מיר ברענגען שאָדן אינם דינסט״. די דאָזיקע ווערטער האָבן אויף מיר געווירקט גראָב, איך בין ממש פאַרזשאַווערט געוואָרן פון זיי, כ׳האָב אַ קלער געטון, אַז דאָס הייבט זיך שוין אָן די שטראָף, און האָב אָנגעהויבן ציטערן פון שרעק און וויינען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס וועט אויף מיר איינפאַלן דער סופיט, אַז באַלד וועט מען מיך פירן אין פּאָליציי, אַז איר וועט מיך אויפהערן ליב צו האָבן, — הכּלל, איין גאָט ווייסט וואָס! כ׳וועל אַוועקגיין, טראַכט איך, אין אַ מאָנאַסטיר אָדער ווערן ערגעץ אַ קראַנקען־פלעגערין, כ׳וועל זיך אָפּזאָגן פון גליק; נאָר תּוך כּדי דבור דערמאַן איך זיך, אַז איר האָט מיך ליב און אַז איך האָב נישט קיין רעכט צו דיספּאָנירן מיט זיך אָן אייער וויסן, און ס׳הייבט זיך מיר אָן אַלץ אין קאָפּ צו פּלאָנטערן, און איך בין אין פאַרצווייפלונג, כ׳ווייס נישט, וואָס צו קלערן און וואָס צו טון. נאָר ס׳איז אויפגעגאַנגען די זון, און איך בין ווידער פריילעך געוואָרן. איך האָב זיך דערוואַרט דעם פרימאָרגן און געקומען צו לויפן צו אייך. אַך, ווי איך האָב זיך אויסגעפיי-

ביקט, מיין ליבער! נאָכאַנאַנד צוויי נעכט נישט געשלאָפן.

זי איז געווען אָפּגעמאַטערט און אויפגערעגט. איר האָט זיך געגלוסט אין איין און דערזעלבער צייט צו שלאָפן און אָן אַ סוף רעדן, און לאַכן, און וויינען, און פאָרן אין רעסטאָראַן פרישטיק עסן, כדי זיך צו דערפילן אויף דער פרייהייט.

— באַ דיר איז אַ געמיטלעכע דירה, נאָר כ'האָב מורא, אַז פאַר צוויי וועט זי זיין קליין, — האָט זי געזאָגט נאָך דער קאַווע, דורכגייענדיק שנעל אַלע צימערן. — וועלכעס צימער וועסטו מיר געבן? מיר געפעלט דאָסדאָזיקע, וואָרים עס איז לעבן דיין קאַבינעט.

אַרום צוויי אַ זייגער האָט זי זיך איבערגעטון אינם צימער לעבן קאַבינעט, וועלכעס זי האָט נאָכדעם אָנגעהויבן צו רופן אירס, און איז אַוועקגעפאָרן מיט אַרלאָוון פרישטיקן. מיטאָג האָבן זיי אויך געגעסן אין אַ רעסטאָראַן און אין דער לאַנגער צווישנצייט צווישן פרישטיק און מיטאָג זענען זיי אַרומגעפאָרן איבער די געשעפטן. ביז שפּעטן אָוונט האָב איך אַלץ געעפנט די סוביעקטן און טרעגערס פון די געשעפטן און אָפּגענומען באַ זיי פאַרשידענע איינקויפונגען. מען האָט געברענגט, צווישן איבעריקן, אַ גרויסאַרטיקן טרעמאָ, אַ טואַלעט, אַ בעט און אַ פּרעכטיקן טיי-סערוויז, וועלכער איז אונז איבגאַנצן נישט געווען נייטיק. מען האָט געברענגט אַ גאַנצע משפחה קופּערנע פענדלעך, וועלכע מיר האָבן אַוועקגעשטעלט אין איין שורה אויף אַ פּאָליצע אין אונזער פוסטער קאַלטער קיך. ווען מיר האָבן אויפגעפּאַקט דעם טיי-סערוויז, האָבן באַ פּאָליען זיך צעפלאַקערט די אויגן, און זי האָט אַ מאָל דריי אַ קוק געטון אויף מיר מיט שנאה און שרעק, וואָס, טאָמער נישט זי, נאָר איך וועל דער ערשטער אַוועקגנבענען איינס פון דידאָזיקע גראַציעזע שעלעכלעך. מען האָט געברענגט צו פירן אַ דאַמען-שרייב-טיש, זייער אַ טייערן, נאָר אומבאַקוועמען. אַפּנים, זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט געהאַט בדעה פעסט זיך איינצופונדעווען באַ אונז, אויף אַ באַלעבאַטישן אופן.

זי איז צוריקגעקומען מיט אָרלאָוון אַרום צען אַ זייגער. איבערפולט פון שטאָלצן באַוואוסטזיין, אַז זי האָט אויסגעפירט עפּעס דרייסטעס און אומגעוויינטלעכס, ליידנשאַפטלעך ליבנדיק אָרלאָוון און, ווי איר האָט זיך געדאַכט, ליידנשאַפטלעך געליבט דורך אים; מיד, נאָר פאָרפילנדיק אַ פעסטן, גליקלעכן שלאָף, — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ זיך געקוויקט

מיטן נייעם לעבן. פונם איבערפלוס פון גליק האָט זי זיך פעסט געדריקט די הענט, האָט פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז גרויסאַרטיק און זיך געשווירן, אַז זי וועט אייביק ליב האָבן, און דידאָזיקע שבועות און די נאַיווע, כמעט קינדישע זיכערקייט, אַז מען האָט זי אויך שטאַרק ליב און מען וועט זי אייביק ליב האָבן, האָבן זי ייִנגער געמאַכט אויף אַ יאָר פינף. זי האָט חנעוודיק געפּלוידערט און געלאַכט אויס זיך.

— ס'איז נישטאָ קיין גרעסער גליק, ווי פרייהייט! — האָט זי געזאָגט, צווינגענדיק זיך צו זאָגן עפּעס ערנסטעס און באַדייטנדיקס. — וואָרים שטעל דיר נאָר פאָר די טיפּשות, מיר גיבן נישט צו קיין שום ווערט דער אייגענער מיינונג, מעג זי זיין ווי קלוג, נאָר מיר ציטערן פאַר דער מיינונג פון פאַרשידענע נאַראָנים. איך האָב מורא געהאַט פאַר דער פרעמדער מיינונג ביז דער לעצטער מינוט, נאָר אַזוי ווי נאָר איך האָב געפאָלגט זיך אַליין און האָב באַשלאָסן צו לעבן לויט מיין ווילן, האָבן זיך מיר די אויגן געעפנט, איך בין בייגעקומען מיין נאַרישע שרעק און כ'בין איצט גליקלעך און ווינטש יעדן אַזאַ גליק.

נאָר באַלד האָט זיך באַ איר דער געדאַנקען־גאַנג איבערגעריסן, און זי האָט גערעדט וועגן אַ נייער דירה, וועגן טאַפּעטן, פערד, וועגן אַ רייזע אין דער שווייץ און קיין איטאַליען. אָרלאָוו ווידער איז געווען אָפּ־געמאַטערט פון אַרומפאָרן איבער די רעסטאָראַנען און געשעפטן און האָט ווייטער געפילט די זעלבע צעמישטקייט פאַר זיך אַליין, וועלכע איך האָב באַמערקט באַ אים אינדערפרי. ער האָט געשמייכלט, נאָר מער פון העפ־לעכקייט וועגן, ווי פון הנאה, און ווען זי האָט גערעדט וועגן עפּעס ערנסט, האָט ער איראָניש מסכים געווען: „יאָ, יאָ!“

— סטעפּאַן, געפינט וואָס גיכער אַ גוטן קוכער, — האָט זי זיך געווענדט צו מיר.

— מען דאַרף זיך נישט איילן מיט דער קיך, האָט אָרלאָוו גע־זאָגט, קאַלט אַ קוק־טוענדיק אויף מיר, — מען דאַרף זיך פריער איבער־ציען אין אַ נייער דירה.

ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן באַ זיך נישט קיין קיך, נישט קיין פערד, וואָרים ער האָט נישט ליב געהאַט, ווי ער האָט זיך אויסגע־דריקט, „איינצופירן באַ זיך אומרייִנקייט“, און מיך מיט פּאָליען האָט ער פאַרטראָגן אין זיין דירה נאָר על פּי נויטווענדיקייט... די אַזויגע־

רופֿענע פֿאַמיליען־געסט מיט אירע אומגעווייַנלעכע פֿריידן און קליינלעכקייטן האָט שאָקירט זייַן געשמאַק, ווי אַ באַנאַליטעט; זייַן מעוברת, אָדער האָבן קינדער און רעדן וועגן זיי — דאָס איז שלעכטער טאָן, קלייַנבירגערטום. און איך בין איצט געוואָרן שטאַרק בייגעריק, ווי אַזוי ס'וועלן זיך אייַנלעבן אין איין דירה דידאָזיקע צוויי באַשעפֿענישן, — זי אַ הויזלעכע, באַלעבאַטישע, מיט אירע קופּערנע פֿענדלעך און מיט פֿאַנטאַזיעס וועגן אַ גוטן קוכער און פֿערד, און ער, וועלכער פֿלעגט אָפּזאָגן זייַנע חברים, אַז אין אַ דירה פֿון אַן אָרנטלעכן רייַנלעכן מענטש דאַרף, אַקוראַט ווי אויף אַ קריגס־שיף, נישט זייַן קיין שום איבעריקס — נישט קיין פֿרויען, נישט קיין קינדער, נישט קיין שמאַטעס, נישט קיין קיך־געשיר...

V.

איצט וועל איך אייך דערציילן, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען דעם נאָענטסטן דאָנערשטיק. אָרלאָוו מיט זינאַידאַ פֿעדאָראָוונען האָבן דעם טאָג געמיטאָגט באַ קאָנטאַנען אָדער דאָנאַנען. אַהיימגעקומען איז נאָר אָרלאָוו אַליין, און זינאַידאַ פֿעדאָראָוונאַ איז, ווי כ'בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, אַוועקגעפֿאָרן אויף פּעטערבורגער קוואַרטאַל צו אירס אַן אַלטער גוווערנאַנטקע, כּדי דאָרט איבערצוואַרטן די צייַט, וואָס באַ אונז וועלן זייַן די געסט. אָרלאָוון האָט זיך נישט געגלוסט צו ווייַזן זי זייַנע חברים. דאָס האָב איך תּופֿס געווען נאָך אינדערפֿרי באַ דער קאַווע, ווען ער האָט זי אָנגעהויבן צו פֿאַרזיכערן, אַז פֿון איר רו וועגן איז נייטיק אָפּצושאַפֿן די דאָנערשטיקן.

די געסט זענען, ווי געווייַנלעך, אָנגעקומען אין איין צייַט.

— די מאַדאַם איז אויך אינדערהיים? — האָט מיך שטיל געפֿרעגט קוקושקין.

— נישטאָ, — האָב איך געענטפֿערט.

ער איז אַרייַנגעגאַנגען מיט כיטרע, בוימלדיקע אויגן, סודותפול שמייכלענדיק און רייבנדיק פון פראָסט די הענט.

— כ'האָב דעם כבוד צו גראַטולירן, — האָט ער געזאָגט צו אַרלאָוון, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער פון חנופהדיקן, לעקערישן געלעכטער. — איך ווינטש אייך צו פּרוכפּערן זיך און מערן זיך, ווי די צעדערביימער אין לבנון.

די געסט זענען אַרייַנגעגאַנגען אין שלאָפצימער און האָבן זיך דאָרט געחכמהט אויפן חשבון פון די דאַמען־פּאַנטאָפל, פונם דיוואַן צווישן די צוויי בעטן און פון דער גרויער בלוזע, וואָס איז געהאָנגען אויפן אָנלען פון אַ בעט. זיי האָט אַמיזירט דאָס, וואָס דער עקשן, וועלכער האָט מבטל געווען אַלעס געוויינטלעכע אין דער ליבע, איז ראַפּטעם אַרייַנגעפאַלן אַזוי פּשוט און געוויינטלעך אין אַ פרויענבעט.

— פון וואָס דו האָסט אָפּגעלאַכט, דערצו וועסטו דינען, — האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט קוקושקין, וועלכער האָט, אגב, געהאַט אַן אומסימפּאַטישע פּרעטענזיע צו בראַווירן מיט קירכלעך־סלאַוויאַנישע טעקסטן. — שטילער ! — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט, אויפהייבנדיק דעם פינגער צו די ליפּן, בשעת זיי זענען איבערגעגאַנגען אין צימער אַריין, וואָס איז געווען אין שכנות מיטן קאַבינעט. — ש־ש־ש ! דאָ טרוימט מאַרגאַריטאַ וועגן איר פּאַוסטן.

און ער איז זיך פאַרגאַנגען פון געלעכטער, אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט עפּעס געוואַלטיק קאָמיש. איך האָב זיך אייַנגעקוקט אין גרוזינען, דערוואַרטנדיק, אַז זיין מוזיקאַלישע נשמה וועט נישט אויסהאַלטן דאָסדאָזיקע געלעכטער, נאָר איך האָב געהאַט אַ טעות. זיין גוטמוטיק, מאָגער פּנים האָט געשיינט פון הנאה. ווען מען האָט זיך געזעצט שפּילן אין קאָרטן, האָט ער, פאַרהאַקנדיק זיך און קייכנדיק פון געלעכטער, באַמערקט, אַז זשאָרזשינקאַ באַדאַרף נאָך, צוליב דער גאַנצקייט פון פאַמיליענגליק, זיך אייַנשאַפן אַ ציביק פון קערשנהאָלץ און אַ גיטאַרע. פּיעקאַרסקי האָט סאָליד צוגעלאַכט, נאָר לויט זיין קאָנצענטרירטער מינע האָט מען געקענט זען, אַז אָרלאָווס נייע ליבע־געשיכטע איז אים נישט אָנגענעם. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך ס'איז פאָרגעקומען.

— אָבער וואָס זאָגט דערויף דער מאַן ? — האָט ער גע

פרעגט מיט שטויבונג, ווען מען האָט ש׳ין געהאַט אויסגעשפּילט דריי קאָנען.

— איך ווייס נישט, — האָט אָרלאָוו געענטפערט.

פּיעקאַרסקי האָט צעקעמט מיט די פינגער זיין גרויסע באָרד און זיך פאַרטראַכט, און נאָכדעם האָט ער שוין געשוויגן ביזן סאַמע נאַכט־עסן.

ווען מען האָט זיך אַוועקגעזעצט צום נאַכטעסן, האָט ער געזאָגט געלאַסן, אויסציִענדיק יעדעס וואָרט:

— בכלל, האָב נישט פאַריבל, פאַרשטיי איך אייך ביידע נישט. איר האָט געקענט זיך פאַרליבן איינער אין אַנדערן און עובר זיין אויפן זיבעטן געבאָט, וויפיל אייער האַרץ גלוסט, — איך פאַרשטיי דאָס. יאָ, דאָס איז מיר פאַרשטענדלעך. נאָר צוואָס פאַרטרויען אייערע סודות דעם מאַן? איז דאָס דען נייטיק?

— אָבער ס׳איז דען נישט אַלץ איינס?

— הם... — האָט זיך פּיעקאַרסקי פאַרקלערט. — הער־זשע, וואָס איך וועל דיר זאָגן, ליבער פריינט מיינער, — האָט ער פאָרגעזעצט מיט אַ קענטיקער אָנשטרענגונג פון געדאַנק, — אויב איך וועל אַמאָל חתונה האָבן דאָס צווייטע מאָל און דיר וועט איינפאַלן מיך מזכה צו זיין מיט אַ פּאָר הערנער, זאָלסטו עס טון אַזוי, אַז איך זאָל נישט באַמערקן. ס׳איז אַ סך ערלעכער אָפּצונאַרן אַ מענטש, ווי קאַליע צו מאַכן אים דעם סדר פון לעבן און די רעפּוטאַציע. איך פאַרשטיי. איר ביידע מיינט, אַז לעבנדיק אָפן, האַנדלט איר אומגעווייִנלעך ערלעך און ליבעראַל, נאָר מיטן דאָזיקן... ווי הייסט עס?... מיטן דאָזיקן ראָמאַנטיזם קען איך נישט מסכים זיין.

אָרלאָוו האָט גאָרנישט געענטפערט, ער איז נישט געווען אין־הוּמאָר און עס האָט זיך אים נישט געגלוסט צו רעדן. פּיעקאַרסקי האָט נישט אויפגעהערט צו חידושן זיך. ער האָט פאַרקלערטערהייט געפּויקט אַ ביסל מיט די פינגער אין טיש און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי אייך פונדעסטוועגן ביידע נישט. דו ביסט נישט קיין סטודענט און זי איז נישט קיין נייטאָרין. איר זענט ביידע מענטשן פאַרמעגלעכע. איך מיין, דו וואָלסט געקענט איינאָרדנען פאַר איר אַ באַזונדערע דירה.

— ניין, איך וואָלט נישט געקענט. לייען, אדרבה, טורגע־ניעוון.

— נאָכוואָס זאָל איך אים לייענען? איך האָב שוין געליי־ענט.

— טורגעניעוו לערנט אין זיינע ווערק, אַז יעדעס דערהויבענע, ערלעך דענקענדיקע מיידל זאָל אַוועקגיין מיטן געליבטן מאַנסביל אין עק וועלט און זאָל דינען זיין אידעע, — האָט אָרלאָוו געזאָגט פאַר־זשמורענדיק איראָניש די אויגן. — עק וועלט — דאָס איז licentia poetica; די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע עקן געפינט זיך אין דער וואוינונג פון דעם געליבטן מאַנסביל. נישט לעבן מיט אַ פרוי, וואָס האָט דיך ליב אין איין דירה — הייסט דעריבער אָפּזאָגן איר אין איר הויכער מיסיע און נישט טיילן אירע אידעאַלן. יאָ, מיין ליבער, טור־געניעוו האָט געשריבן, און איך מוז אַצינד פאַר אים אויפעסן די קאַשע.

ווי ס'קומט דאָ אהער טורגעניעוו, פאַרשטיי איך נישט, — האָט שטיל געזאָגט גרוזין און אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס. — איר גע־דענקט, זשאָרזשינקאַ, ווי אין ד ר יי ב אַ ג ע ג ע נ י ש ן גייט ער שפּעט אין אָוונט ערגעץ אין איטאַליען און הערט פּלוצלינג: Vieni pen-sando a me segretamente! — האָט גרוזין אויפגעזונגען. — דאָס איז שיין!

— אָבער זי איז דאָך נישט מיט געוואָלט צו דיר אַריבערגעפאָרן. דו האָסט עס דאָך אַליין פאַרלאַנגט, — האָט באַמערקט פּיעקאַר־סקי.

— נו, נאָדיר גאָר! איך האָב נישט נאָר נישט געוואָלט, נאָר כ'האָב אפילו נישט געקענט קלערן, אַז דאָס וועט אַמאָל געשעען. ווען זי פלעגט זאָגן, אַז זי וועט אַריבערפאָרן צו מיר, האָב איך עס אָנגענו־מען פאַר אַ ליבן שפּאַס.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— איך האָב דאָס נישט געקענט וועלן, — האָט אָרלאָוו פאָרגע־זעצט מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי מען וואָלט פלומרשט אים געבעיט זיך צו פאַרענטפערן. — איך בין נישט טורגעניעווס קיין העלד און אויב איך וועל אַמאָל באַדאַרפן צו באַפרייען בולגאַריע, וועל איך זיך נישט נייטיקן

אין קיין דאַמען-געזעלשאַפט. אויף ליבע קוק איך קודם-כל, ווי אויף אַ באַדערפעניש פון מיין אָרגאַניזם, אַ נידעריקע און אַ פיינטלעכע צו מיין גייסט; זי דאַרף מען באַפרידיקן מיט פאַרשטאַנד, אָדער גאָר אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון איר, אַנדערש וועט זי אַריינטראָגן אין דיין לעבן פונקט אַזוינע אומריינע עלעמענטן, ווי זי איז אַליין. בכדי זי זאָל זיין אַ תענוג און נישט קיין פיין, פלייס איך זיך צו מאַכן זי שיין און אַרומצורינגלען זי מיט אַ סך אילוזיעס. איך וועל נישט פאָרן צו קיין פרוי, אויב איך וועל פאָרויס נישט זיין זיכער, אַז זי וועט זיין שיין, צוציענדיק; און איך וועל אויך נישט פאָרן צו איר, אויב כ'בין אַליין נישט באַזונדערס אויפגעלייגט. און בלויז בײַ אַזעלכע באַדינגונגען געלונגט אונז אָפּצונאַרן איינער דעם אַנדערן און אונז דאַכט זיך, אַז מיר האָבן ליב און מיר זענען גליקלעך. נאָר קען איך דען וועלן קופערנע פענדלעך און אַ נישט פאַרקעמטן קאָפּ, אָדער מען זאָל מיך זען, ווען איך בין נישט אָפּגעוואַשן און בין נישט אין הומאָר? זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ מיט איר תמימותדיקייט וויל מיך צווינגען ליב צו קריגן דאָס, פון וואָס איך האָב זיך אויסגעהיטן מיין גאַנץ לעבן. זי וויל, אַז בײַ מיר אין וואוינונג זאָל מען שפּירן אַ קיך מיט פאָמיעס; זי דאַרף מיט געפּילדער זיך איבערציען אין אַ נייער דירה, אַרומפאָרן אויף אייגענע פערד, זי באַדאַרף ציילן מיין וועש און זיך זאָרגן וועגן מיין געזונט, מוז יעדע מינוט זיך אַריינמישן אין מיין פּערזענלעכן לעבן און מיר נאָכקוקן יעדן טריט, און גלייכצייטיק אויפריכטיק פאַרזיכערן, אַז מיינע געוואוינהייטן און פרייהייט וועלן בלייבן בײַ מיר. זי איז איבערצייגט, אַז מיר וועלן, ווי אַ יינג פּאָרפאָלק, אין דער קורצסטער צייט דורכמאַכן אַ רייזע, דאָס הייסט, זי וויל אומשיידבאַר זיך געפינען לעבן מיר סיי אין קופּע, סיי אין די האָטעלן, אין דער צייט, וואָס אין וועג האָב איך גאָר ליב צו לייענען און קען נישט ליידן קיין שום געשפּרעכן.

— גיב איר דאָס צו פאַרשטיין, — האָט געזאָגט פּיעקאַרסקי.

— ווי אַזוי? דו קלערסט, אַז זי וועט מיך פאַרשטיין? זאָל דיר נישט איינפאַלן, מיר האָבן אינגאַנצן פאַרשידענע מיינונגען. לויט איר מיינונג איז — אַוועקגיין פון טאַטעשי און מאַמעשי צו אַ געליבטן מאַנספאַרשוין, דער שפּיץ פון ציווילן מוט, און לויט מיין מיינונג איז עס — אַ קינדישקייט. ליב קריגן, צונויפגיין זיך מיט אַ מאַנספאַרשוין — דאָס

באַדייט אָנהייבן אַ ניי לעבן, און לויט מיין מיינונג באַדייט עס גאָרנישט. ליבע און אַ מאַנסמאַנשוין שטעלן מיט זיך פאַר דעם הויפט־מהות פון איר לעבן און אין דער הינזיכט אַרבעט באַ איר, אפשר, די פילאָזאָפיע פון אַן אומבאַוואוסטזיניקן; פרווו, אדרבא, זי איבערצייגן, אַז ליבע איז נאָר אַ פשוטע באַדערפעניש, ווי עסן און קליידונג, אַז די וועלט גייט לחלוטין נישט אונטער דערפון, וואָס מאַנען און ווייבער זענען שלעכט, אַז מען קאָן זיין אַן אויסגעלאַסענער און אַ פאַרפירער און גלייכצייטיק אַ געניאַלער און איידעלער מענטש, און פון דער צווייטער זייט — קען מען זיך אָפּזאָגן פון ליבע־תענוגים און אין דערזעלבער צייט זיין אַ נאַרישע, בייזע חיה. אַ מאָדערנער קולטורעלער מענטש, וואָס שטייט אפילו אויף אַ נידעריקער מדרגה, אַ שטייגער, אַ פראַנצויזישער אַרבעטער, גיט אויס אין טאָג אויף מיטאָג 10 סאַנטים, אויף ווייַן צום מיטאָג 5 סאַנטים און אויף אַ פרוי פון 5 ביז 10 סאַנטים, אָבער זיין שכל און נערוון גיט ער פולשטענדיק אוועק דער אַרבעט. אָבער זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ גיט אוועק דער ליבע נישט קיין סאַנטימען, נאָר איר גאַנצע נשמה. איך וועל, מהיכי תיתי, איר געבן צו פאַרשטיין, אָבער זי וועט אַלס תשובה דערויף אויפריכטיק אויפהייבן אַ געוואַלט, אַז איך האָב זי אומגעבראַכט, אַז עס איז איר אין לעבן מער גאָרנישט פאַרבליבן.

— דו זאָג איר גאָרנישט, — האָט געזאָגט פּיעקאַרסקי, — נאָר פשוט דינג פאַר איר אַ באַזונדערע דירה, און אויס עסק.

— דאָס איז גרינג צו זאָגן...

מען האָט אַביסל געשוויגן.

— נאָר זי איז מלא חן, — האָט געזאָגט קוקושקין. — זי איז פּרעכטיק. אַזעלכע פרויען שטעלן זיך פאָר, אַז זיי וועלן אייביק ליב האָבן, און גיבן זיך אָפּ מיט פּאַטאָס.

— אָבער מען דאַרף האָבן דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס, — האָט געזאָגט אָרלאָוו: — מען דאַרף באַרעכענען. אַלע פרוון, וואָס זענען אונז באַוואוסט פון דעם אַלטעגלעכן לעבן און זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין די לוחות פון די אומצייליקע ראָמאַנען און דראַמען, באַשטעטיקן איינשטימיק, אַז די כלערליי אַדולטערס און צוזאַמענלעבנס באַ אָרנטלעכע מענטשן, אַלצאיינס ווי אַזוי די ליבע איז געווען אין אָנהויב, געדויערן נישט מער, ווי צוויי, העכסטנס — דריי יאָר, דאָס באַ

דארף זי צו וויסן. און דעריבער זענען די אַלע איבערציִעניִשן, פּענד־לעך און האָפנונגען אויף אַן אייביקער ליבע אָנן צופרידנקייט — נישט מער, ווי אַ פאַרלאַנג זיך צו נאַר צו מאַכן און מיך. זי איז אי באַחנט, אי פּרעכטיק, — וועמ שפּאַרט זיך דען? נאָר זי האָט איבערגעדרייט דעם וואָגן פון מיין לעבן: דאָס, וואָס איך האָב ביז איצט געהאַלטן פאַר נאַריש און זינלאָז, נייט זי מיך צו דערהייבן עס צו דער מדרגה פון אַן ערנסטער פראַגע, איך דין צו אַ געץ, וועלכן איך האָב קיינמאָל נישט באַטראַכט פאַר קיין גאָט; זי איז אי באַחנט, אי פּרעכטיק, נאָר בשעת איך פאַר אַצינד אהיים פונם אַמט, איז מיר איבער עפּעס נישט גוט אויף דער נשמה. אַזוי ווי איך וואָלט כלומרשט זיך געריכט צו טרעפן אינדערהיים עפּעס אַן אומבאַקוועמלעכקייט, דהיינו, מוליאַרעס, וואָס האָבן צענומען אַלע אויוונס און האָבן אָנגעלייגט בערג ציגל. מיט איין וואָרט, פאַר דער ליבע גיב איך אַוועק שוין נישט קיין סאַנטימען, נאָר אַ טייל פון מיין רו און מיינע נערוון. און דאָס איז פאַסקודנע.

— און זי הערט נישט איצט דעמדאָזיקן גזלן! — האָט אָפּגע־זיפצט קוקושקין. — גנעדיקער הער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ טעאַט־ראַלער מינע, — איך וועל אייך באַפרייען פון דער שווערער פליכט, ליב צו האָבן דאָסדאָזיקע פּרעכטיקע באַשעפעניש, — איך וועל באַ אייך אָפּשלאָגן זינאַידאַ פעדאָראָווגען!

— איר מעגט... — האָט ביטולדיק געזאָגט אָרלאָוו.

קוקושקין האָט באַ אַ האַלבער מינוט געלאַכט מיט זיין דין קולכל און געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, נאָכדעם האָט ער אַ זאָג גע־טאָן:

— געדענקט, איך שפּאַס נישט! איר זאָלט נאָר דערנאָך נישט הערלן שפּילן קיין אָטעלאָ!

אַלע האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן קוקושקינס אומדערמידלעכקייט אין ליבע־אָנגעלעגנהייטן, ווי פאַטאַל ער איז פאַר פרויען און געפערלעך פאַר מאַנען און ווי אויף יענער וועלט וועלן נישט־גוטע אים בראָטן אויף קוילן פאַר זיין אויסגעלאַסן לעבן. ער האָט געשוויגן און געזשמורעט די אויגן און, בשעת מען האָט אָנגערופן באַקאַנטע דאַמען, האָט ער גע־דראָט מיטן קליינעם פינגער — מען טאָר נישט, הייסט עס, אויסגעבן קיין פרעמדע סודות. אָרלאָוו האָט פּלוצלינג אַ קוק געטון אויפן זייגער.

די געסט האָבן פאַרשטאַנען און זיך פאַרנומען אָוועקצוגיין. איך געדענק, גרוזין, וועלכער איז געווען שיכור פונם וויין, האָט זיך דאָס מאָל אָנגעטון פיינלעך לאַנג. ער האָט אָנגעטון זיין פאַלטן, וואָס איז ענלעך געווען צו די קאַפּאָטעס, וואָס מען מאַכט פאַר קינדער אין נישט פאַרמעגלעכע הייזער, האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און אָנגעהויבן עפּעס לאַנג צו דערציילן; נאָכדעם, זעענדיק, אַז מען הערט אים נישט אויס, האָט ער אַריבערגעוואָרפן איבער דעם אַקסל זיין פּלעד, פון וועלכן מען האָט געשפּירט אַ ריח פון קינדער־צימער, און מיט אַ שולדיק תחנונים־דיק קול האָט ער מיך געבעטן אָפּצוזוכן זיין היטל.

— זשאָרזשיקל, מלאך מיינער! — האָט ער צאַרט געזאָגט, — האַרציקער, פאָלגט מיך, לאָמיר אַצינד אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט.

— פאָרט אַליין, איך קען נישט. איך בין איצט אין דער לאַגע פון אַ באַווייבטן.

— זי איז אַ וואוילע, זי וועט נישט בייז זיין. גוטער שעף מיינער, לאָמיר פאָרן! ס'איז אַ גרויסאַרטיק וועטער, אַ שניי־שטורעם, אַ פרעסטל... ערנוואָרט, איר דאַרפט זיך אויפרודערן אַ ביסל, כּדי פּטור צו ווערן פונם שלעכטן הומאָר; דער טייוול ווייסט אייך...

אָרלאָוו האָט זיך אויסגעצויגן, אַ געגעץ געטון און אַ קוק געטון אויף פּיעקאַרסקין.

— דו וועסט פאָרן? — האָט ער געפרעגט אין ישוב־הדעת.

— איך ווייס נישט. מהיכי תיתי.

— זאָל איך זיך אָנשיכורן, האַ? גוט, כ'וועל פאָרן, — האָט אָרלאָוו באַשלאָסן נאָך אַ קורצן קווענקלען זיך. — וואַרט־צו, כ'וועל אַריינגיין נאָך געלט.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט, און גרוזין איז אים נאָכגעקראָכן, שלעפּנדיק נאָך זיך דעם פּלעד. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך ביידע אומגעקערט אין פאָרצימער. דער שיכורלעכער און זייער צופרידענער גרוזין האָט געקנייטשט אין דער האַנט אַ פאַפּירענעם צענער־יובל.

— מאָרגן וועלן מיר זיך צונויפרעכענען, — האָט ער געזאָגט. — און זי איז אַ גוטע, זי וועט זיך נישט בייזערן... זי האָט בײַ מיר ליזעלען געטויפט, איך האָב זי ליב, די אָרימע. אַך, ליבער מענטש! —

האָט זיך פֿלוצלינג פֿריידיק צעלאַכט און צוגעפֿאַלן מיטן שטערן צו פּיעקאַרסקיס רוקן, — אַך, פּיעקאַרסקי, אוצר מיינער! אַדוואָקאַטיסימוס. טרוקן ווי אַ סוכאַר, אָבער פּרויען האָט ער, נישקשה, ליב. . .

— און דווקא דיקע, — האָט מוסיף געווען אָרלאָוו, אָנטועגדיק דאָס פֿוטער. — פֿונדעסטוועגן, לאָמיר פֿאָרן, אַנישט קען מען זי אָקאָרשט טרעפֿן אויף דער שוועל.

— Vieni pesando a me segretamente! — האָט אויפֿגעזונגען גרוזין.

ענדלעך זענען זיי אַוועקגעפֿאָרן. אָרלאָוו האָט נישט גענעכטיקט אינדערהיים און זיך אומגעקערט אויפֿן צווייטן טאָג צום מיטאָג.

VI.

זינאַידאַ פֿעדאָראָוונע איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַ גאָלדן זייגערל, וואָס איר האָט אַמאָל געהאַט געשאָנקען דער פֿאָטער. דערדאָזיקער פֿאַקט האָט זי פֿאַרווּנדערט און איבערגעשראָקן. אַ האַלבן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען איבער אַלע צימערן, פֿאַרלוירן באַקוקט די טישן און פֿענצטער, נאָר דער זייגער איז אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

קורץ נאָכדעם, אַן ערך דריי טאָג שפּעטער, האָט זינאַידאַ פֿעדאָראָוונאַ, צוריקקומענדיק פֿון ערגעץ, פֿאַרגעסן אין פֿאָדערצימער איר בייטעלע. צום גליק פֿאַר מיר האָב איך דאָס מאָל איר נישט געהאָלפֿן אויסטון, נאָר פֿאָליאַ. ווען זי האָט זיך אומגעקוקט, אַז עס פֿעלט איר דאָס בייטעלע, איז עס שוין אין פֿאָרצימער נישט געווען.

— מאָדנע! — האָט זינאַידאַ פֿעדאָראָוונאַ געשטוינט — איך געדענק אויסגעצייכנט, כ'האָב אַרויסגענומען דאָס בייטעלע פֿון קעשענע, כּדי צו באַצאָלן דעם דראָזשקאַזש. . . און נאָכדעם עס אַוועקגעלייגט דאָ לעבן שפּיגל. אמתע וואונדער!

איך האָב נישט געגנבעט, נאָר מיך האָט באַהערשט אַזאַ געפֿיל, ווי איך וואָלט כּלומרשט צוגעגנבעט און מען האָט מיך געכאַפּט. מיר זע-

נען אוש טרערן געקומען אין די אויגן אריין. ווען מען האָט זיך געזעצט צום מיטאָג, האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ געזאָגט אָרלאָוון אויף פראַנצויזיש.

— צו אונז האָבן זיך אַריינגעכאַפּט שדים. איך האָב היינט פאַרלוירן אין פאָרצימער דאָס בייטעלע, און איצט, כ׳גיב אַ קוק, ליגט עס בײַ מיר אויפן טיש. נאָר די שדים האָבן נישט אומבאַלוינט אויסגעפירט דעמדאָזיקן פּאַקוס. זיי האָבן זיך גענומען פאַר דער מלאכה אַ גאָלדענע מטבע מיט צוואַנציק רובל.

— דאָ ווערט בײַ אייך דאָס זייגערל פאַרפאַלן, דאָ געלט... — האָט אָרלאָוו געזאָגט. — פאַרוואָס געשעט בײַ מיר קיינמאָל נישט אַזעלכעס?

אין אַ מינוט אַרום האָט שוין זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ נישט געדענקט אָן פּאַקוס, וועלכן די שדים האָבן דורכגעפירט, און האָט מיט אַ געלעכטער דערציילט, ווי פאַריקע וואָך האָט זי זיך באַשטעלט בריוו-פּאַפּיר, נאָר פאַרגעסן מיטצוטיילן איר נייעם אַדרעס, און דער מאַגאַזין האָט אָפּגעשיקט דאָס פּאַפּיר אויף דער אַלטער דירה צום מאַן, וועלכער האָט באַדאַרפט באַצאָלן אַ חשבון פון צוועלף רובל. און פּלוצלינג האָט זי אָפּגעשטעלט איר בליק אויף פּאָליען און אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף איר. דערביי איז זי רויט געוואָרן און האָט זיך פאַרלוירן אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

ווען איך האָב אַריינגעבראַנגט אין קאַבינעט קאַווע, איז אָרלאָוו געשטאַנען לעבן קאַמין מיטן רוקן צום פייער, און זי איז געזעסן אַקעגן איבער אים אין אַ פאָטעל.

— איך בין לחלוטין נישט אין קיין שלעכטן הומאָר, — האָט זי געזאָגט אויף פראַנצויזיש. — נאָר איך האָב אַצינד אָנגעהויבן זיך איבערלייגן און ס׳איז מיר אַלץ פאַרשטענדלעך. איך קען אייך אָנרופן דעם טאָג און אפילו די שעה, ווען זי האָט בײַ מיר צוגעגנבעט דאָס זייגערל. און דאָס בייטעלע? דאָ קענען קיין שום ספיקות נישט זיין. אָ! — האָט זי זיך צעלאַכט, צונעמענדיק בײַ מיר די קאַווע. — איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס איך פאַרליר אַזוי אָפט מיינע טיכלעך און די הענטשקעס. ווי דו ווילסט, מאָרגן לאָז איך אָפּ די דאָזיקע סראָקע אויף דער פרייהייט און

וועל שיקן סטעפּאַנען נאָך מיין סאָפּיען. יענע איז נישט קיין גנבטע און האָט נישט אַזאַ. . . אָפּשטויסנדיק פּרצוף.

— איר זענט נישט אין הומאָר. מאָרגן וועט איר זיין אין אַן אַנדערער שטימונג און וועט פאַרשטיין, אַז מען קען נישט אַרויסטרייבן אַ מענטש, נאָר דערפאַר, וואָס איר זענט אים חושד אין עפּעס.

— איך בין נישט חושד, נאָר כ׳בין זיכער, — האָט געזאָגט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ. — כּל זמן איך האָב חושד געווען דעמדאָזיקן פּראָלעטאַריער מיטן אומגליקלעכן פּנים, אונזער לאָקיי, האָב איך גאָרנישט גערעדט. ס׳איז אַן עוולה פון אייך, זשאָרזש, וואָס איר גלייבט מיר נישט.

— אויב מיר ביידע קלערן פאַרשידן וועגן אַ וואָסער ס׳איז זאַך, הייסט דאָס נישט, אַז איך גלייב אייך נישט. זאָל זיין, אַז איר זענט גערעכט, — האָט געזאָגט אָרלאָוו, אויסדרייענדיק זיך צום פייער און אַריינוואַרפנדיק אַהין אַ פּאַפּיראָס; — נאָר אויפרעגן זיך דאַרף מען נישט, פונדעסטוועגן. בכלל, מוז איך מודה זיין, אַז כ׳האָב נישט דערוואַרט, אַז מיין קליינינקע ווירטשאַפט זאָל אייך פאַרשאַפן אַזוי פיל ערנסטע זאָרג און אויפרעגונג. ס׳איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ גאָלדענע מטבע, מילא, איז אַ שיינע כּפּרה, נעמט באַ מיר כאָטש אַנדערע הונדערט, נאָר בייטן די אָרדנונג, נעמען פון דער גאַס אַ נייע דינסט, וואַרטן ביז זי וועט זיך צוגעוווינען, — דאָס אַלץ איז לאַנגווייליק און ליגט נישט אין מיין כאַראַקטער. אונזער איצטיקע דינסט איז, וואָס אמת, דיק און האָט, אפשר, אַ שוואַכקייט צו טיכלעך און הענטשקעס, אָבער דערפאַר איז זי פולקאָם אָנשטענדיק, דיסציפּלינירט און קוויטשעט נישט, ווען עס קנייפּט זי קוקושקין.

— מיט איין וואָרט, איר קענט זיך מיט איר נישט שיידן. . . אָט אַזוי זאָגט.

— איר זענט אייפערזיכטיק?

— יאָ, איך בין אייפערזיכטיק, — האָט אַנטשלאָסן אַרויסגעזאָגט זינאַידאַ פעדאָראָווגאַ.

— איך דאַנק אייך.

— יאַ, איך בין אייפערזיכטיק! — האָט זי איבערגעחזרט, און טרערן האָבן אַ בלישטש געטון אין אירע אויגן, — ניין, דאָס איז נישט קיין

אייפערזוכט, נאָר עפּעס ערגערס... ס'איז מיר שווער אָנצורופן. — זי האָט זיך אָנגענומען בײַ די שלייפן און פאָרגעזעצט מיט עקזאַלטאַציע: — איר מענער, זענט טיילמאָל אַזוי העסלעך! עס איז אַ גרויל!

— איך זע דאָ נישט קיין שום גרוילעכס.

— איך האָב נישט געזעען, כ'ווייס נישט, נאָר מען דערציילט, אַז איר, מענער, הייבט נאָך אין דער קינדהייט אָן מיט דינסטן און פילט שוין נאָכדעם פון געוואוינהייט נישט קיין שום עקל, איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, נאָר איך האָב זאָגאַר געלייענט... זשאָרזש, דו ביסט, נאַטירלעך, גערעכט, — האָט זי געזאָגט, צוגייענדיק צו אָרלאָוון און בייטנדיק איר טאָן אויף אַ ליבלעכן און בקשהדיקן, — איך בין אינדעראמתן הײַנט נישט אין הומאָר. אָבער דו פאַרשטייַ מיך, איך קען נישט אַנדערש. זי איז מיר דערווידער און כ'האָב מורא פאַר איר. ס'איז מיר שווער זי צו זעען.

— צי קען מען טאַקע נישט זיין העכער פון דידאָזיקע קליינלעכקייטן? — האָט געזאָגט אָרלאָוו, קוועטשנדיק אין שטוינונג מיט די פּלייצעס און אַוועקגייענדיק פונם קאַמין. — ס'איז דאָך נישט פאַרהאַן קיין שום פשוטערס: באַמערקט זי נישט, וועט זי אייך נישט זיין דערווידער און איר וועט פאַרשפּאָרן פון אַ נאַרישקייט צו מאַכן אַ גאַנצע דראַמע.

איך בין אַרויסגעגאַנגען פונם קאַבינעט און כ'ווייס נישט, סאַראַ תשובה אָרלאָוו האָט באַקומען. אָבער דער עיקר איז, אַז פּאָליאַ איז איז פאַרבליבן בײַ אונז. נאָך דעמדאָזיקן אינצידענט האָט שוין זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ אויסגעמיטן אינגאַנצן זיך צו ווענדן צו פּאָליען און האָט קענטיק זיך באַמיט צו באַגיין זיך אָן איר באַדינונג: ווען פּאָליע פלעגט איר דערלאַנגען עפּעס אָדער אפילו נאָר פאַרבייגיין לעבן איר, קלימפּערנדיק מיטן בראָנזלעט און סקריפּענדיק מיט אירע קליידער, פלעגט זי אויפציטערן.

איך מיין, אַז ווען גרוזין אָדער פּיעקאַרסקי וואָלט געבעטן אָרלאָוון אָפּצושאַפן פּאָליען, וואָלט ער דאָס געטון אָן דער מינדסטער קווענקלעניש, נישט באַלעסטיקנדיק זיך מיט אַ וועלכע ס'איז אויפקלערונגען; ער איז געווען נאָכגיביק, ווי אַלע גלייכגילטיקע מענטשן. נאָר אין זיינע

באַציִונגען צו זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ פלעגט ער איבער עפּעס אפילו אין קלייניקייטן אַרויסווייזן אַן עקשנות, וואָס איז טיילמאָל דערגאַנגען צו דעספּאָטיזם. איך פלעג שוין וויסן; אויב ס׳איז עפּעס געפעלן געוואָרן זינאַידאַ פעדאָראָוונען, וועט עס שוין זיכער נישט געפעלן אים. ווען זי פלעגט, צוריקקומענדיק פון אַ געשעפט, זיך איילן צו ווייזן אים עפּעס אַ ניי־געקויפטע זאַך, פלעגט ער קוים וואַרפן אַ בליק דערויף און קאַלט זאָגן, אַז וואָס מער איבעריקע זאַכן ס׳איז דאָ אין וואוינונג, אַלץ ווייניקער אָרט בלייבט פאַר לופט. ס׳פלעגט זיך טרעפן, אַז ער האָט שוין געהאַט אָנגעטון דעם פראַק, כדי ערגעץ־וואו צו גיין און, שוין האָבנדיק זיך אפילו געזעגנט מיט זינאַידאַ פעדאָראָוונען, איז ער פּלוצלינג פון עקשנות פאַרבליבן אינדערהיים. מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז ער איז פאַרבליבן אינדערהיים בלויז צוליב דעם, כדי צו פילן זיך אומגליקלעך.

— פאַרוואָס־זשע זענט איר געבליבן ? — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ געפרעגט מיט געמאַכטן פאַרדראָס און גלייכצייטיק געשיינט פון הנאה. — פאַרוואָס ? איר זענט געוואוינט אין די אָוונטן נישט צו זיצן אינדערהיים און איך וויל נישט, אַז איר זאָלט צוליב מיר ענדערן אייערע געוווינהייטן. פאָרט אַוועק, כ׳בעט אייך, אויב איר ווילט נישט, אַז איך זאָל זיך פילן שולדיק.

— אייך באַשולדיקט דען עמעצער ? — האָט געזאָגט אָרלאָוו.

מיט אַ מינע פון אַ קרבן האָט ער זיך צעלייגט באַ זיך אין קאַבינעט אין אַ פאָטעל, פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן און זיך גענומען צו אַ בוך. נאָר אינגיכן האָט דאָס בוך זיך אים אַרויסגעגליטשט פון די הענט. ער האָט שווער זיך געדרייט אינם פאָטעל און ווידער פאַרשטעלט די אויגן, אַזוי ווי פון דער זון. אַצינד האָט אים שוין פאַרדראָסן, וואָס ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען.

— מען קען אַרייַנגיין ? — האָט געזאָגט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, נישט אַנטשלאָסן אַרייַנגייענדיק אין קאַבינעט. — איר לייענט ? און איך האָב זיך פאַרבענקט און בין אַרייַנגעקומען אויף איין מינוט... אַ קוק טון.

איך געדענק, אין איינעם פון אַזעלכע אָוונטן איז זי אַרייַנגעגאַנגען אויך אַזוי אומאַנטשלאָסן און נישט צו דער צייט און האָט זיך אַראָפּגע

לאָזט אויפן דיוואַן באַ אָרלאָווס פיס, און לויט אירע שעמעוודיקע, ווייכע באַוועגונגען האָט מען געקענט זעען, אַז זי האָט נישט פאַרשטאַנען זיין שטימונג און האָט מורא געהאַט.

— און איר לייענט אַלץ... — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ זיך צופוצנדיקן טאָן, ווילנדיק, קענטיק, אים זאָגן אַ קאָמפלימענט. — איר ווייסט, זשאָרזש, אין וואָס באַך ס'באַשטייט דער סוד פון אייער דערפאָלג? איר זענט זייער געבילדעט און קלוג. וואָס פאַר אַ בוך לייענט איר איצט?

אָרלאָוו האָט געענטפערט. ס'זענען אַריבער אין שווייגן עטלעכע מינוט, וועלכע האָבן זיך מיר אויסגעוויזן זייער לאַנג. איך בין געשטאַנען אין גאַסטצימער, פונוואַנען איך האָב זיי ביידע אָבסערווירט, און האָב מורא געהאַט אַ הוסט צו טון.

— איך האָב אייך געוואָלט עפעס זאָגן... — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ שטיל אַרויסגערעדט און זיך צעלאַכט. — זאָגן? איר וועט, באַטירלעך, אָנהייבן לאַכן און עס אָנרופן זעלבסטנאַרעריי. זעט איר, מיר ווילט זיך געוואַלטיק מיינען, אַז איר זענט היינט פאַרבליבן אינדערהיים צוליב מיר... כדי צו פאַרברענגען צוזאַמען דעם דאָזיקן אָוונט. יאָ? מען מעג אַזוי מיינען?

— מיינט, — האָט אָרלאָוו געזאָגט, פאַרשטעלנדיק די אויגן. — אַן אמתדיק גליקלעכער מענטש איז יענער, וואָס קלערט נישט נאָר וועגן דעם חאָס איז פאַרהאַן, נאָר אפילו וועגן דעם, וואָס ס'איז נישט בנמצא.

— איר האָט געזאָגט עפעס לאַנגס, כ'האָב נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. דאָס הייסט, איר ווילט זאָגן, אַז גליקלעכע מענטשן לעבן מיט דער פאַנטאַזיע? יאָ, דאָס איז אמת, איך האָב ליב אין די אָוונטן צו זיצן אין אייער קאַבינעט און אַוועקטראָגן זיך מיט די רעיונות ווייט, ווייט... ס'איז אָנגענעם אַ ביסל צו פאַנטאַזירן. לאָמיר, זשאָרזש, פאַנטאַזירן אויפן קול.

— איך בין אין אינסטיטוט נישט געווען. כ'בין נישט דורכגעגאַנגען דידאָזיקע וויסנשאַפט.

— איר זענט נישט אין הומאָר? — האָט געפרעגט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, אָננעמענדיק אָרלאָוון באַ דער האַנט. — זאָגט — פאַרוואָס?

וועו איר זענט אַזעלכער, האָב איך מורא. ס'איז נישט צו פאַרשטיין, צי דער קאָפּ טוט אייך ווי, אָדער איר זענט בייז אויף מיר...

ס'איז אַריבער אין שוויגן נאָך עטלעכע לאַנגע מינוטן.

— פאַרוואָס זענט איר אַנדערש געוואָרן? — האָט זי שטיל געזאָגט. — פאַרוואָס זענט איר שוין נישט אַזוי צאַרט און פריילעך, ווי אויף דער זאַמיענסקע? איך האָב אָפּגעלעבט באַ אייך שוין כמעט אַ חודש, נאָר מיר דאַכט זיך, מיר האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן צו לעבן און נאָך וועגן גאָרנישט, ווי געהעריק, זיך דורכגערעדט. איר ענטפערט מיר יעדעס מאָל מיט ליצנות אָדער קאַלט און לאַנג, ווי אַ לערער. און אין אייער ליצנות איז אויך פאַרהאַן עפּעס קאַלטס... פאַרוואָס האָט איר אויפגעהערט צו רעדן מיט מיר ערנסט?

— איך רעד שטענדיק ערנסט.

— נו, אדרבא, לאָמיר רעדן. ווי גאָט איז אייך ליב, זשאָרזש... ווע‏לן מיר?

— לאָמיר. נאָר וועגן וואָס?

— מיר וועלן רעדן וועגן אונזער לעבן, וועגן דער צוקונפט...— האָט טרוימעריש געזאָגט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ. — איך בוי אַלצאיינעם פּלענער פון לעבן, כ'בוי אַלצאיינעם — און מיר איז אַזוי גוט! זשאָרזש, איך וועל אָנהייבן פון דער פראַגע: ווען וועט איר פאַרלאָזן אייער אַמט...

— צוליב וואָס עפּעס? — האָט געפרעגט אָרלאָוו, אַוועקנעמענדיק די האַנט פון שטערן.

— מיט אייערע בליקן קען מען נישט דינען, איר זענט דאָרט נישט אויפן אָרט.

— מיינע בליקן? — האָט געפרעגט אָרלאָוו. — מיינע בליקן? לויט די איבערצייגונגען און דער נאַטור בין איך אַ געוויינטלעכער באַאַמטער, שטשעדרינס אַ העלד. איר נעמט מיך אָן פאַר אַן אַנדערן, דערלויב איך מיר אייך צו פאַרזיכערן.

— ווידער ליצנות, זשאָרזש!

— אַבסאָלוט. דער אַמט באַפרידיקט מיך, אפשר, נישט, נאָר על כל פנים איז ער פאַר מיר בעסער ווי עפּעס אַנדערש. דאָ בין איך צו-

געוואוינט, דאָ זענען די מענטשן אַזעלכע, ווי איך דאָ, בין איך לכל הדעות נישט איבעריק און פיל זיך דערטרעגלעך.

— איר האָט פיינט דעם אמת און ער איז אייך נמאס.

— יאָ? אויב איך וועל זיך אָנגעבן אין דימיסיע, וועל אָנהייבן פּאַנטאַזירן אויפן קול און זיך אַוועקטראָגן אין אַן אַנדערע וועלט, מיינט איר, אַז די דאָזיקע וועלט וועט מיר זיין ווייניקער אַנטיפּאַטיש, ווי דער אמת?

— כדי ווידערצושפּרעכן מיר, זענט איר גרייט אפילו אָנצורעדן רכילות אויף זיך אַליין, — האָט זיך באַליידיקט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ און איז אויפגעשטאַנען. — איך באַדויער, וואָס כ'האָב אָנגעהויבן דעמדאָזיקן געשפּרעך.

— וואָס־זשע בייזערט איר זיך? איך בייזער זיך דאָך נישט, וואָס איר דינט נישט. איטלעכער לעבט, ווי ער וויל.

— אָבער איר לעבט דען ווי איר ווילט? איר זענט דען פריי? שרייבן דאָס גאַנצע לעבן פּאַפּירן, וואָס זענען קעגן אייערע איבערציי־גונגען, — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ פאָרגעזעצט, מיט פאַרצווייפלונג אַ פּאַטש טוענדיק מיט די הענט, — זיין אונטערטעניק, גראַטולירן די שעפן מיט ניי־יאָר, נאָכדעם קאָרטן, קאָרטן און קאָרטן, און, דער עיקר, דינען צו אַזעלכע אָרדנונגען, וועלכע קענען אייך נישט זיין סימפּאַ־טיש, — ניין, זשאָרזש, ניין! שפּאַסט נישט אַזוי גראָב. דאָס איז שרעק־לעך. איר זענט אַן אידעען־מענטש און דאַרפט דינען נאָר דער אי־דעע.

— כ'לעבן, איר נעמט מיך אָן פאַר עפּעס אַן אַנדערן, — האָט אַ זיפץ געטון אָרלאָוו.

— זאָגט פּשוט, אַז איר ווילט נישט מיט מיר רעדן. איך בין אייך נמאס, דאָס איז עס איבגאַנצן, — האָט דורך טרערן אַרויסגערעדט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ.

— אָט וואָס כ'וועל אייך זאָגן, מיין ליבע — האָט אָרלאָוו גע־זאָגט מיט אַ באַלערנדיקן טאָן און זיך אויפגעזעצט אינם פּאָטעל. — איר האָט אַליין באַוויליקט צו באַמערקן, איך בין אַ מענטש אַ קלוגער און אַ געבילדעטער, און אַ געלערנטן צו לערנען — הייסט נאָר קאַליע מאַכן. אַלע אידעען, די קליינע און די גרויסע, וועלכע איר האָט אין זינען,

בשעת איר רופט מיך אָן אידעען־מענטש, זענען מיר גוט באַקאַנט. בכן, אויב מיר איז מער ניחא דער אמת מיט די קאָרטן פון דידאָזיקע אידעען, האָב איך, מסתמא, דערויף אַ גרונד. דאָס איז איינס. צווייטנס, אויף ווי־פיל מיר איז באַוואוסט, האָט איר קיינמאָל נישט געדינט און אייערע מיי־נונגען וועגן מלוכה־דינסט קענט איר שעפּן נאָר פון אַנעקדאָטן און שלעכ־טע ראָמאַנען. דעריבער וואָלט נישט געשאַדט, אַז מיר זאָלן אָפּמאַכן צווישן זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל: נישט צו רעדן וועגן דעם, וואָס אונז איז שוין לאַנג באַקאַנט, אָדער וועגן דעם, וואָס געהער נישט צו אונזער קאָמפּעטענץ.

— נאָכוואָס רעדט איר מיט מיר אַזוי? — האָט אַרויסגערעדט טזי־נאַידאַ פּעדאָראָוונאַ, צוריקטרעטנדיק אַזוי ווי אין פחד — נאָכוואָס? זשאָרזש, באַדענקט זיך, למען השם!

איר קול האָט אַ ציטער געטון און זיך איבערגעריסן; זי האָט, אַפּנים, געוואָלט איינהאַלטן די טרערן, נאָר פּלוצלינג האָט זי אַרויסגע־יאָמערט.

— זשאָרזש, טייערער מיינער, איך גיי אונטער! — האָט זי גע־זאָגט אויף פראַנצויזיש, שנעל אַראָפּלאָזנדיק זיך פאַר אָרלאָוון און אַרויפ־לייגנדיק דעם קאָפּ אים אויף די קניען. — איך האָב זיך אויסגעפּייניקט, פאַרמאַטערט און כ'קען נישט מער, כ'קען נישט... אין דער קינדהייט די פאַרהאַסטע, אויסגעלאַסענע שטיפמוטער, נאָכדעם דער מאַן, און אַצינד איר... איר... אויף מיין הייסער ליבע ענטפערט איר מיט אי־ראָניע און קאַלטקייט... און דידאָזיקע שרעקלעכע, חוצפּהדיקע דינסט! — האָט זי פאָרגעזעצט, יאָמערנדיק! — יאָ, יאָ, איך זע: איך בין אייך נישט קיין ווייב, נישט קיין פריינד, נאָר אַ פרוי, וועלכע איר שעצט נישט דערפאַר, וואָס זי איז געוואָרן אייער געליבטע... איך וועל זיך דערהרגענען.

איך האָב נישט דערוואַרט, אַז דידאָזיקע ווערטער און דאָסדאָזיקע געוויין וועלן מאַכן אויף אָרלאָוון אַזאַ שטאַרקן איינדרוק. ער איז רויט געוואָרן, האָט אומרויִק זיך אָנגעהויבן רוקן אינם פאָטעל און אויף זיין פּנים האָט אויפן אָרט פון איראָניע זיך באַוויזן אַ טעמפּע יינגלערישע שרעק.

— טייערע מיינע, איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, איך שווער

אייך, — האָט ער פאַרלוירן אַרויסגעמורמלט, אָנרירנדיק זי בײַ די האָר און די אַקסלען. — זײַט מיר מוחל, איך בעט אײַך, איך בין געווען אומגערעכט און... כ׳האָס זיך.

— איך באַליידיק אײַך מיט מײַנע טענות און קלאָגענישן... איר זענט אַן ערלעכער, גרויסמוטיקער... זעלטענער מענטש, איך אָנערקען דאָס יעדע מינוט, נאָר איך האָב די אַלע טעג זיך געפּײַניקט פון בענק־שאַפט...

זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט האַסטיק אַרומגענומען אָרלאָוון און אים אַ קוש געטון אין דער באַק.

— נאָר וויינט נישט, — איך בעט אײַך, — האָט ער אַרויסגע־זאָגט.

— ניין, ניין... איך האָב זיך שוין אויסגעוויינט און ס׳איז מיר לײַכטער.

— וואָס שײַך, דער דינסט, וועט זי שוין מאָרגן דאָ נישט זײַן, — האָט ער געזאָגט, אַלץ נאָך אומרויִק רוקנדיק זיך אינם פאָטעל.

— ניין, זי מוז בלײַבן, זשאָרזש! איר הערט? איך האָב שוין נישט קיין מורא פאַר איר... מען דאַרף זײַן העכער פון די קליינלעכקייטן און נישט אין זינען האָבן קיין נאַרישקייטן, איר זענט גערעכט. איר זענט — אַ זעלטענער... אומגעוויינטלעכער מענטש!

אינגיכן האָט זי אויפגעהערט צו וויינען. זי איז געזעסן בײַ אָרלאָוון אויף די קניִען און מיט נישט אויסגעטרוקנטע טרערלעך אויף די וויעס האָט זי מיט אַ האַלב קול אים דערציילט עפּעס רירנדיקס, וואָס האָט אויסגעזען ווי זכרונות פון איר קינדהייט און מיידל־יאָרן; זי האָט אים געגלעט מיט דער האַנט איבערן פּנים, געקושט און אויפמערקזאַם באַקוקט זײַנע הענט מיט די רינגלעך און די ברעלאָקלעך אויפן קייטעלע. זי איז געווען עקזאַלטירט סײַ פון איר דערציילונג, סײַ פון דער נאָנטקייט פון דעם געליבטן מענטש; און דערפון, מסתמא, וואָס די אָקאָרשטיקע טרערן האָבן רייִנער געמאַכט און אויפגעפרישט איר נשמה, האָט איר קול גע־קלינגען אומגעוויינטלעך ריין און אויפריכטיק. און אָרלאָוו האָט זיך גע־שפּילט מיט אירע קאַשטאַנען־האָר און געקושט אירע הענט, קלאַנגלאָ־באַרירנדיק זיי מיט די ליפּן.

דערנאָך האָבן זיי געטרונקען אין קאַבינעט טיי און זינאַידאַ פע־

דאַראָוונאַ האָט געליִיענט אויפֿן קול עפּעס בריוו. אַרום איינס אַ זייגער זענען זיי געגאַנגען שלאָפֿן.

אין דערדאָזיקער נאַכט האָט בײַ מיר שטאַרק ווי געטאָן די זייט און איך האָב ביז אינדערפֿרי נישט געקענט זיך אָנוואַרעמען און איינשלאָפֿן. איך האָב געהערט, ווי אָרלאָוו איז פֿון שלאָפֿצימער אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט. אָפּזיצנדיק דאָרט בײַ אַ שעה, האָט ער אַ קלונג געטאָן. פֿון ווייטיק און מידקייט האָב איך פֿאַרגעסן אין אַלע כּללים און אָנשטענדיקייטן אין דער וועלט און בין אַוועק אין קאַבינעט אַרײַן אין בלויזער אונטערשטער וועש און באָרוועס. אָרלאָוו איז אין שלאָפֿראָק און אינעם היטעלע געשטאַנען אין דער טיר און געוואַרט אויף מיר.

— ווען מען רופֿט דיך, דאַרפֿסטו אַרײַנקומען אָנגעטאָן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן שטרענג. — גיב אַרײַן אַנדערע ליכט.

איך האָב זיך געוואָלט אַנטשולדיקן, נאָר פּלוצלינג האָב איך זיך שטאַרק צעהוסט און, כּדי נישט אומצופֿאַלן, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט אָן דער טיר-ראַם.

— איר זענט קראַנק? — האָט אָרלאָוו געפֿרעגט.

דאַכט זיך, אין דער גאַנצער צייט פֿון אונדזער באַקאַנטשאַפֿט האָט ער מיר צום ערשטן מאָל געזאָגט איר, איין גאָט ווייסט אים פֿאַרוואָס. וואָרשיינלעך, אין דער אונטערשטער וועש און מיט אַ פֿאַרקרומט געזיכט פֿון הוסט, האָב איך שלעכט געשפּילט מיין ראָלע און בין קנאַפּ ענלעך געווען צו אַ לאָקיי.

— אַז איר זענט קראַנק, נאָכוואָס-זשע דינט איר? — האָט ער געזאָגט.

— כּדי נישט צו שטאַרבן פֿון הונגער, — האָב איך געענטפֿערט.

— ווי דאָס אַלץ איז, אין תּוך גענומען, להכעיסדיק! — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, צוגייענדיק צו זיין טיש.

אין דער צייט, וואָס איך האָב אויף זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן דעם פֿראַק, אַרײַנגעשטעלט און אָנגעצונדן די ליכט, איז ער געזעסן לעבן טיש און, אויסציִענדיק די פֿיס אויף אַ פֿאָטעל, האָט ער פֿונאַנדערגעשניטן אַ בוך.

איבערגעלאָזט האָב איך אים פּאַרטיפט אין לייענען און דאָס בוך האָט זיך שוין נישט אַרויסגעגליטשט בײַ אים פון דער האַנט, אַזוי ווי אין אָוונט.

VII.

אַצינד, בשעת איך שרײַב דידאָזיקע שורות, האַלט מיך אָפּ די מורא, וואָס איז בײַ מיר אײַנגעפלאַנצט געוואָרן נאָך פון קינדהייט אָן — אויסצווייזן זיך סענטימענטאַל און קאָמיש; ווען מיר גלוסט זיך צו לאַש־טשען און זאָגן צערטלעכקייטן, קען איך נישט זײַן אויפריכטיק. מחמת דערדאָזיקער מורא טאַקע ווי אויך פון אומגעווינהייט קען איך בשום אופן נישט מיט פולער קלאָרקייט אויסדריקן, וואָס אַזוינס ס'איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין מײַן נשמה.

איך בין נישט געווען פאַרליבט אין זינאַידאַ פעדאָראָוונען, נאָר אין דעם געווייניטלעכן מענטשלעכן געפיל, וואָס איך האָב געהאַט צו איר, איז געווען אַ סך מער יינגער, פרישער און פריידיקער, ווי אין אַרלאָווס ליבע.

בשעת איך פלעג אין די פרימאָרגנס אַרבעטן מיטן שיך־בערשטל אָדער מיטן בעזימל, האָב איך מיט אַ ציטערנדיק האַרץ געוואַרט, אַז איך זאָל, ענדלעך, דערהערן איר שטימע און טריט. שטיין און קוקן אויף איר, ווען זי האָט געטרונקען קאַווע און נאָכדעם געפרישטיקט, דערלאַנ־גען איר אין פאָרצימער דאָס פוטערל און אָנטאָן אויף אירע קליינע פיס־לעך די קאַלאָשן, בײַ וואָס זי פלעגט זיך אָנשפאַרן אָן מײַן פּלייצע, נאָכ־דעם וואַרטן, ווען פון אונטן וועט צו מיר אָנקלינגען דער שווייצער, בײַ־געגבען זי אין דער טיר, אַ ראָזיקע, אַ קאַלטע, אַ באַפּודערטע פון שניי, הערן די אָפּגעריסענע אויסגעשרייען וועגן פראָסט אָדער וועגן דראָזשקאָזש, — ווען איר וואָלט וויסן, ווי וויכטיק דאָס אַלץ איז געווען פאַר מיר! מיר האָט זיך געוואָלט ליב קריגן, האָבן אַן אייגענע פאַמיליע, ס'האָט זיך מיר געוואָלט, אַז מײַן קינפטיק ווײַב זאָל האָבן פּונקט אַזאַ פּנים, אַזאַ קול,

איך פֿלעג טרוימען סיי באַם מיטאָג, סיי אויף דער גאַס, ווען מען פֿלעגט מיך שיקן ערגעץ, סיי באַנאַכט, ווען איך בין נישט געשלאָפֿן. אָרלאָוו האָט מיט אַ ווידערגעפֿיל אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך ווײַבערישע שמאַטעס, קינדער, אַ קיך, קופּערנע פֿענדלעך. און איך האָב דאָס אַלץ אויפֿגעקליבן און זאָרגפֿול געפֿלעגט אין מײַנע דמיונות, האָב עס ליב געהאַט, געבעטן עס באַם גורל, און מײַן פֿאַנטאַזיע האָט מיר געמאָלט אַ ווײַב, אַ קינדער־צימער, שטעגלעך אין גאָרטן, אַ הײַזל...

איך האָב געוואוּסט, אַז ווען איך וואָלט זיך פֿאַרליבט אין איר, וואָלט איך נישט געוואַגט צו האָפֿן אויף אַזוינס, ווי קעגנזײַטיקייט, נאָר דאָסדאָזיקע באַוואוּסטזײַן האָט מיך נישט געאַרט. אין מײַן באַשיידענעם, שטילן געפֿיל, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ געוויינלעכער צוגעבונדנקייט, איז נישט געווען קיין אײַפֿערזוכט צו אָרלאָוון, אפֿילו נישט קיין קנאה, וואָרים איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר אַזאַ קאַליקע, ווי איך, איז פֿערזענלעך גליק מעגלעך נאָר אין פֿאַנטאַזיע.

ווען זינאַידאַ פֿעדאָראָוונאַ פֿלעגט באַנאַכט אָפּוואַרטן איר זשאָרזשן — קוקן בשעת מעשה אומבאַוועגלעך אין אַ בוך אַרײַן און נישט איבערמישן קיין בלעטל, אָדער ווען זי פֿלעגט אויפֿציטערן און בלאַס ווערן דערפֿון, וואָס פּאָליאַ איז דורכגעגאַנגען דורכן צימער, — האָב איך געליטן צוזאַמען מיט איר און מיר איז געקומען אין קאָפּ אַרײַן — אויפֿשטעכן וואָס שנעלער דעמדאָזיקן שווערן בלאָטער, וואָס שנעלער מאַכן אַזוי, אַז זי זאָל זיך דערוויסן אַלץ, וואָס דאָ איז גערעדט געוואָרן אין די דאָנערשטיקן באַם נאַכטעסן, אָבער — ווי אַזוי טוט מען דאָס? אַלץ אָפּטער און אָפּטער איז מיר אויסגעקומען צו זען טרערן. די ערשטע וואָכן האָט זי נאָך געלאַכט און געזונגען איר לידעלע, — אפֿילו ווען אָרלאָוו איז נישט געווען אינדערהיים. אָבער שוין אויפֿן צווייטן חודש האָט באַ אונז אין וואוינונג געהערשט אַ דערשלאָגנדיקע שטילקייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן נאָר אין די דאָנערשטיקן.

זי פֿלעגט חנפֿענען אָרלאָוון און, כּדי צו דערשלאָגן זיך פֿון אים אַ נישט אויפֿריכטיקן שמייכל אָדער אַ קוש, פֿלעגט זי שטיין פֿאַר אים אויף די קניען, זיך לאַשטשען ווי אַ הינטל. ווען זי פֿלעגט פֿאַרבײַגיין דעם שפּיגל, אפֿילו בשעת איר איז זייער שווער געווען אויף דער נשמה, האָט זי נישט געקענט זיך אײַנהאַלטן — נישט אַ קוק צו טון אויף זיך

און נישט צו פֿאַרריכטן די פֿריזור. מיר האָט אויסגעזען מאָדנע, וואָס זי האָט נאָך אַלץ נישט אויפֿגעהערט צו אינטערעסירן זיך מיט טואַלעטן און קומען אין התפּעלות פֿון אירע איינקויפֿונגען, דאָס האָט עפּעס נישט האַרמאָנירט מיט איר אויפֿריכטיקן טרויער. זי פֿלעגט באַקוקן די מאָדע און זיך נייען טייערע קליידער. פֿאַר וועמען און צו וואָס? מיר געדענקט זיך באַזונדער איין ניי קלייד, וואָס האָט געקאָסט פֿיר הונדערט רובל. פֿאַר אַן איבעריק, נישט נייטיק קלייד אַוועקגעבן פֿיר הונדערט רובל, בשעת אונזערע טאָג-אַרבעטערינס באַקומען פֿאַר זייער קאַטאָרזשנער אַרבעט צו צוואָנציק קאָפּיקעס אַ טאָג מיט אייגענע קעסט, און ווען ווענעציאַנער און בריסעלער העפֿטערינס צאָלט מען נאָר צו אַ האַלבן פֿראַנק אַ טאָג, אויסרעכנענדיק דערויף, אַז דאָס איבעריקע וועלן זיי צו-פֿאַרדינען מיט זנות; און ס'האָט מיר אויסגעזען מאָדנע, וואָס זינאַידאַ פֿעדאָראָווּנאַ באַקענט דאָס נישט, און מיך האָט פֿאַרדראָסן אויף איר. אָבער קוים פֿלעגט זי נאָר אַוועקגיין פֿון שטוב, האָב איך איר שוין אַלץ מוחל געווען, אַלץ פֿאַרענטפֿערט און געוואַרט, אַז דער שווייצער זאָל מיר אָנקלינגען פֿון אונטן, אַז זי איז געקומען.

זי האָט זיך באַצויגן צו מיר, ווי צו אַ לאָקיי, ווי צו אַ נידעריקער באַשעפֿעניש. מען קען גלעטן אַ הונט און אין דערזעלבער צייט נישט באַמערקן אים; מיר האָט מען געגעבן באַפֿעלן, פֿאַרגעבן פֿראַגן, נאָר מען האָט נישט באַמערקט מיין אָנוועזנהייט. די באַלעבאַטים האָבן געהאַלטן פֿאַר נישט פּאַסיק צו רעדן מיט מיר מער, ווי ס'איז אָנגענומען; ווען איך וואָלט בשעתן באַדינען באַם מיטאָג זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך אָדער כ'וואָלט אַ לאַך געטון, וואָלט מען מיך זיכער אָנגענומען פֿאַר אַ משוגענעם און מען וואָלט מיך אָפּגעשאַפֿט. אָבער זינאַידאַ פֿעדאָראָווּנאַ האָט דאָך געהאַט צו מיר אַ בעסערע באַציונג. ווען זי פֿלעגט מיך שיקן ערגעץ אָדער דערקלערן, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַ נייעם לאָמפּ אָדער עפּעס אַנדערש פֿון אַזאַ מין, איז איר פּנים געווען אומגעווייִנטלעך ליטער, גוט און מילד, און די אויגן האָבן מיר געקוקט גלייך אין פּנים. דערביי האָט זיך מיר יעדעס מאָל געדאַכט, אַז זי דערמאָנט מיט דאַנקבאַרקייט, ווי איך פֿלעג איר טראָגן בריוו אויף זנאַמיענסקע. ווען זי פֿלעגט קלינגען, פֿלעגט פּאָליאַ, וועלכע האָט מיך געהאַלטן פֿאַר איר פֿאַוואָריט, מיר זאָגן מיט אַ גיפֿטיקן שמייכל:

— גיי. ד ײ נ ע רופט דיך.

זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט זיך באַצויגן צו מיר, אַזוי ווי צו אַ נידעריקער באַשעפעניש, און האָט נישט חושד געווען, אַז אויב עמעץ אין שטוב איז באמת געווען דערנידעריקט, איז עס געווען דווקא זי אַליין. זי האָט נישט געוואוסט, אַז איך, דער לאַקיי, האָב געליטן פאַר איר און האָב אַמאָל צוואָנציק אין טאָג זיך געשטעלט די שאלה, ו ו אָ ס דערוואַרט זי אין דער צוקונפט און מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן. די באַציונגען זענען באַשיינפערלעך מיט יעדן טאָג געוואָרן ערגער. נאָך יענעם אָוונט, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן דעם אמת, האָט אָרלאָוו, וועלכער האָט נישט ליב געהאַט קיין טרערן, אָנגעהויבן קענטיק מורא צו האָבן פאַר געשפּרעכן און זיי אויסמיידן. ווען זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט אָנגעהויבן דיספּוטירן, צי בעטן, אָדער זי האָט זיך פאַרנומען וויינען, פלעגט ער אונטער אַ פּאַסיקן תירוץ אַוועקגיין צו זיך אין קאַבינעט אָדער אינגאַנצן פון שטוב. ער האָט אַלץ זעלטענער און זעלטענער געבעכטיקט אינדערהיים און נאָך זעלטענער געמיטאָגט; אין די דאָנערשטיקן פלעגט ער שוין אַליין בעטן זײַנע חברים, אַז זיי זאָלן אים ערגעץ אַוועקפירן. זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט, ווי פריער געטרוימט וועגן אַן אייגענער קיך, וועגן אַ נייער דירה און אַ נסיעה קיין אויסלאַנד, נאָר די טרוימען זענען פאַרבליבן טרוימען. מיטאָג פלעגט מען ברענגען פון אַ רעסטאָראַן, די דירה-פראַגע האָט אָרלאָוו געבעטן נישט צו באַרירן, ביז וואַנען זיי וועלן זיך נישט אומקערן פון אויסלאַנד. און וועגן דער רייזע פלעגט ער זאָגן, אַז מען קען נישט פאָרן פריער, ווי ס'וועלן אים אָנוואַקסן לאַנגע האָר, וואָרים אַרומשלעפן זיך איבער די האָטעלן און דינען דער אידעע קען מען נישט אָן לאַנגע האָר.

אַלס צולאָג צו דעם אַלעם האָט נאָך אין אָרלאָווס אָפּוועזנהייט אין די אָוונטן אָנגעהויבן צו באַזוכן אונדז קוקושקין. אין זיין אויפפירונג איז נישט געווען קיין שום אויפפאַלנדיקס, נאָר איך האָב בשום אופן נישט געקענט פאַרגעסן יענעם שמועס. ווען ער האָט זיך אונטערגענומען אָפּצושלאָגן בײַ אָרלאָוון זינאַידאַ פעדאָראָוונען. מען פלעגט אים מכבד זיין מיט טיי און רויטוויין, און ער האָט געלאַכט מיט זיין דראָבנע געלעכטערל און וועלנדיק זאָגן עפּעס אָנגענעמס, פלעגט ער פאַרזיכערן, אַז אַ ציווילע חתונה איז אין יעדער הינזיכט העכער פון אַ רעליגיעזער

און אַז אין תוך געגומען וואָלטן אַלע אָרנטלעכע מענטשן געדאַרפט קומען אַצינד צו זינאַידאַ פעדאָראָוונען און זיך איר בוקן צו די פיס.

VIII.

די טעג האָבן זיך געשלעפּט לאַנגווייליק, אין אומקלאָרע דערוואַר־טונגען פון עפּעס נישט גוטס. ערב ניי־יאָר האָט אָרלאָוו אינדערפרי בײַ דער קאַווע אומגעריכט געמאָלדן, אַז די באַטשאַלסטוואָ שיקט אים אַרויס מיט ספּעציעלע פולמאַכטן צו אַ סענאַטאָר, וועלכער רעווידירט אַ געוויסע גובערניע.

— ס'ווילט זיך מיר נישט פאָרן, נאָר כ'קען נישט צוטראַכטן קיין אויסרייד! — האָט ער געזאָגט מיט פאַרדראָס. — מען דאַרף פאָרן, נישטאָ קיין ברירה.

פון אַזאַ נײַעס זענען בײַ זינאַידאַ פעדאָראָוונען מאָמענטאַל רויט געוואָרן די אויגן.

— אויף לאַנג? — האָט זי געפרעגט.

— אויף אַ פינף טאָג.

— איך בין, אייגנטלעך, צופרידן, וואָס דו פאָרסט, — האָט זי געזאָגט, אַ קלער געבנדיק — וועסט זיך אַ ביסל צעשטרייען. וועסט זיך פאַרליבן אין עמעצן אויפן וועג און מיר דערנאָך דערציילן.

זי האָט בײַ יעדער גינסטיקער געלעגנהייט זיך געפּלייסט געבן צו פאַרשטיין אָרלאָוון, אַז זי קוועלט אים לחלוטין נישט און אַז ער קען דיספּאָנירן מיט זיך, ווי ער וויל, נאָר די דאָזיקע נישט פיפיקע, מיט ווײַ־סע פעדעם גענייטע פּאָליטיק האָט קיינעם נישט אָפּגענאַרט און האָט נאָר אַן איבעריק מאָל דערמאַנט אָרלאָוון, אַז ער איז נישט פריי.

— איך וועל אַרויספאָרן היינט אין אָוונט, — האָט ער געזאָגט און גענומען לייענען די צייטונגען.

זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט געהאַט בדעה צו באַגלייטן אים צום

ראַקזאַל, נאָר ער האָט זי אָפּגערעדט, זאָגנדיק, אַז ער פאָרט נישט אַוועק קיין אַמעריקע און נישט אויף קיין פינף יאָר, נאָר סך-הכּל אויף פינף טעג, אפשר נאָך ווייניקער.

אַכט אין אָוונט איז פאָרגעקומען דאָס געזעגענען זיך. ער האָט זי אַרומגענומען מיט איין האַנט און אַ קוש געטון אין שטערן און אין די ליפּן.

— זיי אַ קלוגינקע, זאָלסט זיך נישט לאַנגווײלן אָן מיר, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ ליבלעכן, האַרציקן טאָן, וועלכער האָט מיך אפילו גערירט. — זאָל דיך דער אויבערשטער באַשיצן.

זי האָט דורשטיק זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים, כּדי וואָס פעס־טער איינצוקריצן אין זכּרון די טייערע שטריכן, נאָכדעם האָט זי גראַ־ציעז אַרומגעוויקלט זיין האַלז מיט די הענט און אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אים אויף דער ברוסט.

— זיי מיר מוחל אונזערע מיספאַרשטענדענישן, — האָט זי געזאָגט אויף פראַנצויזיש. — אַ מאַן מיט אַ ווייב מוזן זיך קריגן, אויב זיי האָבן ליב איינער דעם אַנדערן, און איך האָב דיך ליב ביז משוגעת, פאַרגעס נישט... טעלעגראַפיר וואָס אָפטער און אויספירלעכער.

אָרלאָוו האָט איר נאָכאַמאָל אַ קוש געטון און, נישט אַרויסזאָגנדיק קיין וואָרט, איז ער אַרויסגעגאַנגען אין פאָרלעגנהייט. ווען הינטער דער טיר האָט זיך שוין געהאַט פאַרקלאַפּט דער שלאָס, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט אינדערמיט שטיגן אין ישוב-הדעת און אַ קוק געטון אַרויף איבּ־דערהייך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען אין דעם מאָמענט וואָלט פון־דערהייך זיך דערהערט כאָטש איין קלאַנג, וואָלט ער זיך אומגעקערט, נאָר ס'איז געווען שטיל. ער האָט זיך פאַרריכט דעם שינעל און האָט אומאַנטשלאָסן אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון די שטיגן.

באַם טויער האָבן שוין לאַנג געוואַרט די שליטנס. אָרלאָוו האָט זיך אַריינגעזעצט אין איינעם, איך מיט צוויי וואַליזקעס אין צווייטן. ס'איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט און באַ די גאַסן-ראָגעס האָבן זיך געררוי־כערט פלאַקערס. פונם גיכן פאָרן האָט אַ קאַלטער ווינט מיר געקנייפּט דאָס פּנים און די הענט, מיר האָט זיך איבערגעהאַקט דער אָטעם, און איך בין געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָב געטראַכט: סאַראַ הער־לעכע פרוי זי איז! ווי זי האָט ליב! אפילו די אומנייטיקסטע זאַכן ווערן

הייטס צונויפגענומען איבער די הייף און מען פֿאַרקויפֿט זיי אויף אַ חאווילטעטיקן צוועק. צעבראָכן גלאָז אפילו ווערט גערעכנט פֿאַר אַ גוטע סחורה. נאָר אַזאַ אבן־טוב, אַזאַ זעלטנהייט, ווי ליבע פֿון אַ פּראַכטפֿולער, יינגער, קלוגער און אָנשטענדיקער פֿרוי, גייט פֿאַרלוירן בחינם. אַ געוויסער פֿאַרצייטישער סאָציאָלאָג האָט געקוקט אויף יעדער מיאוסער ליידנשאַפֿט, ווי אויף אַ כּוח, וועלכן מען קען בײַ געהעריקער קענטניש ריכטן צום גוטן; און בײַ אונז, ווען ס'ווערט געבוירן אפילו אַן איידעלע, שיינע ליידנשאַפֿט, שטאַרבט זי אויך שפּעטער אַוועק, ווי אַן אימפּאָטענץ, און ווערט אין ערגעץ נישט געריכטעט, ווערט נישט פֿאַרשטאַנען אָדער גאָר פֿאַרשוועכט. פֿאַרוואָס איז דאָס?

די שליטנס האָבן זיך אומגעריכט אָפּגעשטעלט. איך האָב אויפגעעפֿנט די אויגן און דערזעען, אַז מיר שטייען אויף דער סערגעיעווסקע, לעבן גרויסן הויז, וואו ס'האָט געוואוינט פּיעקאַרסקי. אָרלאָוו איז אַרויסגעגאַנגען פֿון שליטן און פֿאַרשוואונדן אין דער פּראָנט־טיר. אין אַ מינוט פֿינף אַרום האָט זיך אין דער טיר באַוויזן פּיעקאַרסקיס לאָקיי, אָן דעם היטל, און האָט אַ געשריי געטון צו מיר, בייזערנדיק זיך אויפֿן פֿראָסט אַרויס:

— ביסט טויב, צי וואָס? לאָז אָפּ די באַלעגאָלעס און קום אַרויף אויבן. מען רופֿט דיך!

נישט פֿאַרשטייענדיק גאָרנישט, בין איך אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן צווייטן שטאָק. איך פֿלעג פֿריער אויך זיין אין פּיעקאַרסקיס וואוינונג, דאָס הייסט, כ'פֿלעג שטיין אין פֿאָרצימער און קוקן אין זאַל אריין, און נאָך דער נאַסער, מרהשחורהדיקער גאַס האָט ער מיך שטענדיק איבערראַשט מיטן גלאַנץ פֿון די בילדער־ראַמען, מיטן בראָנז און דעם טייערן מעבל. אַצינד האָב איך אין דאָזיקן גלאַנץ דערזעען גרוזינען, קוקושקינען, און, נישט לאַנג וואַרטנדיק, אָרלאָוון.

— הער, סטעפּאַן, — האָט ער געזאָגט, צוגייענדיק צו מיר, — איך וועל זיך דאָ אויפֿהאַלטן ביז פֿרייטיק אָדער שבת. אויב ס'וועלן זיין בריוו און טעלעגראַמען, ברענג זיי יעדן טאָג אַהער. אינדערהיים וועסטו, באַטירלעך, זאָגן, אַז איך בין אַוועקגעפֿאָרן און האָב געהייסן גריסן. גיי געזונטערהייט.

ווען איך בין אַהיימגעקומען, איז זינאַידאַ פֿעדאָראָוונאַ געלעגן אין

גאַסטצימער אויף דער סאָפע און האָט געגעסן אַ באַרנע. ס'האָט נאָר געבדענט איין ליכט, וואָס איז געווען אַריינגעשטעלט אין קאַנדעליאַ־בער.

— איר האָט נישט פּערספּעקטיוו צום צוג? — האָט געפרעגט יגאַידאַ פּעדראָוונאַ.

— ניין, זיי האָבן געהייסן גריסן.

איך בין אַריינגעגאַנגען צו זיך אין לאַקיי־שטיבל און האָב זיך אַנידערגעלייגט. צו טון איז נישט געווען וואָס, און לייענען האָט זיך נישט געגלוסט. איך האָב זיך נישט געוואונדערט און בין נישט געווען אויפגעבראַכט, נאָר כ'האָב בלויז אָנגעשטרענגט דעם געדאַנק, כדי תופס צו זיין, צוליב וואָס איז נייטיק געווען דערדאָזיקער שווינדל. נאָר אומ־דערוואַקסענע יינגלעך נאַרן דאָך אָפּ אויף אַזאַ אופן זייערע געליבטע. צי באמת האָט ער, אַ מענטש, וואָס לייענט אַזוי פיל און דענקט, נישט געקענט אויסקלערן עפּעס קלוגערס? איך בין זיך מודה, איך האָב נישט געהאַט קיין שלעכטע מיינונג וועגן זיין שכל. איך האָב געקלערט, אַז ווען ער וואָלט באַדאַרפט אָפּנאַרן זיין מיניסטער אָדער אַן אַנדערן שטאַרקן מענטש, וואָלט ער דערויף באַנוצט אַ סך ענערגיע און קונציקייט, דאָ אָבער, כדי אָפּצונאַרן אַ פרוי, האָט, ווייזט אויס, געטויגט דאָס, וואָס עס איז צומערשט געקומען אין קאָפּ אַריין; וועט זיך איינגעבן דער שווינדל — איז גוט, וועט זיך נישט איינגעבן — איז נישט קיין גרויס אומגליק, מען וועט קענען אָפּליגערן צום צווייטן מאָל אויך אַזוי פּשוט און שנעל, נישט ברעכנדיק דעם מוח.

צוועלף באַנאַכט, ווען אויפן אויבערשטן שטאָק איבער אונז האָט מען, באַגעגנענדיק דאָס ניי־יאָר, אָנגעהויבן רוקן מיט שטולן און אויסגע־שריגן הורא, האָט מיך זינאַידאַ פּעדראָוונאַ אָנגעקלונגען פון איר צימער. מיט אַ פלעגמאַטיש אויסזען פון לאַנגן ליגן איז זי געזעסן באַם טיש און האָט עפּעס געשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

— מען דאַרף אָוועקשיקן די טעלעגראַמע, — האָט זי געזאָגט און אַ שמייכל געטון. — פאָרט שנעלער אויפן וואָקזאַל און בעט נאָכצושיקן אויפן וועג.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען נאָכדעם אויף דער גאַס, האָב איך איבערגעלייענט אויפן שטיקל פּאַפּיר: „ניי גליק צו נייעם יאָר. טעלע־

גראַפּיר תּיכּף, כ׳בענק שרעקלעך. ס׳איז אַריבער אַ גאַנצע אייביקייט. אַ שאָד, וואָס מען קען נישט שיקן דורכן טעלעגראַף קיין טויזנט קושן און דאָס האַרץ גופא. זיי מונטער, פרייד מיינע. ב. אַ.״

איך האָב אַוועקגעשיקט דידאַזיקע טעלעגראַמע און צומאָרגנס איבּערמאָרגן... דערפרי אָפּגעגעבן די באַשטעטיקונג.

IX.

ערגער פון אַלעמען איז געווען, וואָס אָרלאָוו האָט אומבאַרעכנט פאַרטרויט אויך פּאַליען דעם סוד פון זיין שווינדל, הייסנדיק זי ברענגען אים אויבערהעמדער אויף סערגעיעווסקע. נאָכדעם האָט זי מיט שאָדנפרייד און מיט אַן אומבאַגרייפלעכער פאַר מיר שנאה געקוקט אויף זינאַידאַ פעדאָראָוונען און נישט אויפגעהערט באַ זיך אין צימער און אינם פאַרצימער צו קוועלן פון הנאה.

— האָט זיך באַזעצט, שוין צייט צו וויסן דרך־ארץ! — האָט זי גערעדט מיט שמחה. — זי האָט אַליין געמעגט פאַרשטיין...

זי האָט שוין געפילט בחוש, אַז זינאַידאַ פעדאָראָוונען איז שוין נישט לאַנג פאַרבּליבן צו וואוינען באַ אונז, און, כדי נישט דורכלאָזן די צייט, פלעגט זי לקחנען אַלץ, וואָס ס׳איז איר געקומען אויף די אויגן — פלעשעלעך, שילדקרעטישע שפּילקעס, טיכלעך, שיך. אויפן צווייטן טאָג פון ניי־יאָר האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ מיך אַריינגערופן צו זיך אין צימער און מיט אַ האַלב קול מיר מיטגעטיילט, אַז איר איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ שוואַרץ קלייד... און נאָכדעם איז זי אַרומגעגאַנגען איבער אַלע צימערן, אַ בלאַסע, מיט אַן איבערגעשראָקן און אויפגעבראַכט פּנים און האָט גערעדט מיט זיך אַליין:

— אָט — אַזוי אָ? ניין, אַזוי אָ? דאָס איז דאָך אַן אומגעהערטע חוצפּה!

באַם מיטאָג האָט זי געוואָלט זיך אָנגיסן זופּ, נאָר זי האָט נישט געקענט, — ס׳האָבן איר געציטערט די הענט. ס׳האָבן איר אויך געציי־

טערט די ליפּן, זי האָט אומבאַהאָלפן געוואָרפן בליקן אויף די זופּ און קרעפּלעך, וואַרטנדיק, אַז ס'זאָל זיך איינשטילן דאָס ציטערן, נאָר זי האָט נישט אויסגעהאַלטן און פּלוצלינג אַ קוק געטון אויף פּאַליען.

— איר, פּאַליאַ, קענט אַרויסגיין פונדאַנען, — האָט זי געזאָגט — סטעפאַן אַליין איז גענוג.

— ס'מאַכט נישט אויס, כ'וועל שטיין, — האָט פּאַליאַ געענט־פערט.

— איר האָט דאָ נישט נאָכוואָס צו שטיין. גייט אַוועק פונדאַנען אינגאַנצן. . . אינגאַנצן! — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ פאַרגעזעצט און איז אין שטאַרקער אויפרעגונג אויפגעשטאַנען פון אָרט. — איר קענט זיך זוכן אַן אַנדער אָרט. גייט ש ו י ן אַוועק!

— אָן דעם הערס באַפעל קען איך נישט אַוועקגיין. זיי האָבן מיך צוגענומען. ווי זיי וועלן באַפעלן, אַזוי וועט זיין.

— איך באַפעל אייך אויך! איך בין דאָ די באַלעבאָסטע! — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ געזאָגט און איז אינגאַנצן רויט געוואָרן.

— אפשר זענט איר די באַלעבאָסטע, אָבער אָפּשאַפן מיך קען נאָר דער הער. זיי האָבן מיך צוגענומען.

— איר זאָלט זיך נישט דערוועגן צו בלייבן דאָ קיין איין מי־נוט! — האָט אויסגעשריגן זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ און אַ קלאַפּ געטון מיטן מעסער אין טעלער אַריין. — איר זענט אַ גנבטע! איר הערט?

זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט אַוועקגעוואָרפן אויפן טיש די סערוועט־קע און איז שנעל, מיט אַ נעבעכדיק, ליידנדיק פנים אַרויסגעגאַנגען פון עס־צימער. פּאַליאַ איז מיט הויכע יללות און עפּעס טענות אויך אַרויסגע־גאַנגען. די זופּ מיטן האַלז־הון זענען קאַלט געוואָרן. און דערדאָזיקער גאַנצער רעסטאָראַנישער לוקסוס, וואָס האָט זיך געפונען אויפן טיש, האָט מיר אַצינד איבער עפּעס אויסגעזען וואָלוול, גנביש, ענלעך צו פּאַ־ליען. צומערסטן נעבעכדיק און פאַרברעכעריש האָבן אויסגעזען די צוויי קרעפּלעך אויף אַ טעלערל. „היינט וועט מען אונז צוריקטראָגן אין רעס־טאָראַן אַריין, — האָבן זיי אַזוי ווי געזאָגט, — און מאָרגן וועט מען אונז ווידער דערלאַנגען צום מיטאָג עפּעס אַ באַאַמטן אָדער אַ באַרימטער זינגערין".

— וואָזשנע פּריצה, וואָלסטו געמיינט! — האָט זיך דערטראָגן

צו מיינע אויערן פון פאַליאס צימער. — ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך שוין לאַנג אַזאַ פּריצה געווען, נאָר איך האָב בושה, וועלן מיר זעען, ווער פון אונז וועט פריער אַוועקגיין! יאָ!

זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט אָנגעקלונגען. זי איז געזעסן אין צימער, אין אַ ווינקל, מיט אַזאַ מינע, אַזוי ווי מען וואָלט זי איינגעזעצט אין ווינקל אַלס שטראָף.

— קיין טעלעגראַמע האָט מען נישט געבּרענגט? — האָט זי געפרעגט.

— ניין.

— פרעגט באַם שווייצער, ס'קען זיין, ס'איז דאָ אַ טעלעגראַמע. נאָר גייט נישט אַוועק פון שטוב, איך האָב מורא אַליין צו פאַרבלייבן, — האָט זי צוגעגעבן באַ מיין אַרויסגאַנג.

נאָכדעם איז מיר כמעט יעדע שעה אויסגעקומען אַראָפּצולויפן אונטן צום שווייצער און פרעגן, צי ס'איז נישטאָ קיין טעלעגראַמע. סאַראַ אומהיימלעכע צייט, מוז איך מודה זיין! כדי נישט צו זען פאַליען, האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ געמיטאָגט און געטרונקען טיי באַ זיך אין צימער, דאָ איז זי אויך געשלאָפן אויף אַ קורצער אָטאָמאַנע און האָט אַליין אויפגערוימט נאָך זיך דאָס געלעגער. אין די ערשטע טעג פלעג איך אַוועקטראָגן די טעלעגראַמען, נאָר נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט זי אויפגעהערט מיר צו גלייבן און פלעגט אַליין פאָרן אין טעלעגראַף. קוקנדיק אויף איר, האָב איך אויך מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ טעלעגראַמע. איך האָב געהאָפט, אַז ער וועט, אפשר, אויסקלערן עפּעס אַ ליגנט, דהיינו, ער וועט פאַראָרדנען, אַז מען זאָל איר שיקן אַ טעלעגראַמע פון אַ וועלכער ס'איז סטאַציע. אויב ער האָט זיך צופיל פאַרשפּילט אין קאָרטן אָדער ער האָט שוין באַוויזן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט אַן אַנדערער פרוי, וועלן, געוויס, אים דערמאָנען וועגן אונז גרוזין צי קוקושקין. אָבער מיר האָבן אומזיסט געוואַרט. אַ פינף מאָל אין טאָג בין איך אַריינגעגאַנגען צו זינאַידאַ פעדאָראָוונען מיט דער כוונה, צו דערציילן איר דעם גאַנצן אמת, נאָר זי האָט געקוקט, ווי אַ ציג, די, אַקסלען זענען באַ איר געווען אַראָפּגעלאָזן, די ליפּן האָבן זיך גערירט און איך בין צוריק אַרויסגעגאַנגען, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. דער מיטלייד און רחמנות האָבן מיר צוגענומען דעם גאַנצן מוט. פאַליאַ, ווי-

קיינמאָל גאָרנישט, האָט אַ פריילעכע און צופרידענע אויפגערוימט דעם הערס קאַבינעט, דאָס שלאָפצימער, האָט גענישטערט אין די שענק און געקלאַפט מיטן געפעס, און בשעת זי איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן זינאַידאַ פעדאָראָוונאַס טיר, פלעגט זי עפּעס אונטערזינגען און הוסטן. איר איז געפעלן געווען, וואָס מען באַהאַלט זיך פאַר איר. אין אָוונט פלעגט זי ערגעץ אַוועקגיין, און אַ זייגער צוויי אָדער דריי פלעגט זי קלינגען, און איך האָב געמוזט איר עפענען און אויסהערן באַמערקונגען אויפן חשבון פון מיין הוסט. באַלד פלעגט זיך הערן אַ צווייטער קלינג, איך בין געלאָפן צו זינאַידאַ פעדאָראָוונאַס צימער, און זי פלעגט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ דורך דער טיר און פרעגן: „ווער האָט עס געקלונגען?" און דערביי מיר געקוקט אין די הענט אַריין — צי עס איז נישטאָ קיין טעלעגראַמע.

ווען מען האָט, ענדלעך, שבת אָנגעקלונגען פון אונטן און אויף די טרעפּ האָט זיך דערהערט אָרלאָווס קול, האָט זי זיך אַזוי שטאַרק דערפרייט, אַז זי האָט זיך צעיאָמערט; זי איז אים געלאָפן אַקעגן, האָט אים אַרומגענומען, אים געקושט די ברוסט און די אַרבל, האָט גערעדט עפּעס אַזעלכעס, וואָס ס׳איז אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין. דער שווייצער האָט אַריינגעטראָגן די וואַליזקעס, ס׳האָט זיך דערהערט פּאָליעס פריילעכע קול. אַקוראַט, ווי ס׳וואָלט עמעץ געקומען צופאָרן אויף פּעריען.

— פאַרוואָס האָסטו נישט טעלעגראַפירט? — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ גערעדט, שווער עטעמענדיק פון פרייד. — פאַרוואָס? איך האָב זיך אויסגעפייניקט, איך האָב קוים איבערגעלעבט דידאָזיקע צייט... אַ, גאָט מיינער!

— גאַנץ פּשוט! איך בין מיטן סענאַטאָר באַלד דעם ערשטן טאָג אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און האָב נישט דערהאַלטן דיינע טעלעגראַמעס, — האָט געזאָגט אָרלאָוו. — נאָכן מיטאָג וועל איך דיר, מיין ליבע, אָפּגעבן דעם גענויעסטן דין־וחשבון, און אַצינד שלאָפן, שלאָפן און שלאָפן... איך האָב זיך אויסגעמאַטערט אין וואַגאָן.

ס׳איז געווען קענטיק, אַז ער איז נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט: מסתמא האָט ער געשפּילט אין קאָרטן און אַ סך געטרונקען. זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט אים אַריינגעלייגט אין בעט, און מיר אַלע זענען נאָכ־

דעם ביזן סאַמע אָונט אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פֿינגער. דער מיטאָג איז אַריבער איבגאַנצן בשלום, נאָר ווען זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט טרינקען טיי האָט זיך אָנגעהויבן די דערקלערונג. זינאַידאַ פּעדראָוונאַ האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס שנעל, מיט אַ האַלב קול, זי האָט גערעדט אויף פֿראַנצויזיש, און איר שפּראַך האָט געפּרעפּלט ווי אַ טייכל, דערנאָך האָט זיך דערהערט אַרלאָווס אַ הויכער זיפֿץ און זיין קול.

— גאָט מיינער! — האָט ער געזאָגט אויף פֿראַנצויזיש — האָט איר שוין טאַקע נישט קיין פֿרישערע נייעס, ווי דאָס אייביקע ליד וועגן דער גנבטע, דער דינסט?

— נאָר, ליבער, זי האָט מיך באַגנבעט און מיר אָנגערעדט עזות־קייטן.

— אָבער פֿאַרוואָס באַגנבעט זי מיך נישט און רעדט מיר נישט קיין עזות? פֿאַרוואָס באַמערק איך קיינמאָל נישט נישט קיין דינסטן, נישט קיין הויז־ווערכטערס, נישט קיין לאָקייען? מיין ליבע, איר קאַפּריזעוועט פּשוט און ווילט נישט האָבן קיין כאַראַקטער... איך הייב אַזש אָן חושד זיין, אַז איר זענט מעוברת. ווען איך האָב אייך פֿאָרגעלייגט צו באַפֿרייען זי, האָט איר געפּאָדערט, אַז זי זאָל בלייבן, און אַצינד ווילט איר, איך זאָל זי אַרויסטרייבן. און איך בין אין אַזעלכע פֿאַלן אויך אַן עקשן: אויף אַ קאַפּריז ענטפֿער איך מיט אַ קאַפּריז. איר ווילט, אַז זי זאָל אַוועקגיין, נו, וויל איך, אַז זי זאָל בלייבן. דאָס איז דער איינציקער וועג אייך אויסצוהיילן פֿון די נערוון.

— נו, גענוג, גענוג, גענוג! — האָט איבערגעשראָקן געזאָגט זינאַידאַ פּעדראָוונאַ. — לאָמיר אויפֿהערן וועגן דעם צו רעדן... מיר וועלן אָפּלייגן אויף מאָרגן. איצט דערציייל מיר וועגן מאָסקווע... וואָס הערט זיך אין מאָסקווע?

X.

— אויפן צווייטן טאָג — דאָס איז געווען דעם זיבעטן יאַנואַר — דער טאָג פון יאָאַן דעם טויפער — האָט אָרלאָוו נאָכן פרישטיק אָנגעטון דעם שוואַרצן פראַק און דעם אָרדן, כדי צו פאָרן צום פאָטער גראַטולירן אים צום נאָמענסטאָג. ער האָט געדאַרפט אַהינצופאָרן אויף צוויי אַ זייגער, און ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס אָנטון זיך, איז ערשט געווען האַלב צוויי. ווי אַזוי פטרט מען די האַלבע שעה? ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן גאַסטצימער און האָט דעקלאַמירט געדיכטן, וועלכע ער האָט אַמאָל אין דער קינדהייט געלייענט דעם פאָטער און דער מוטער. דאָ איז אויך געזעסן זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, וואָס האָט זיך געקליבן צו פאָרן צו דער שניידערין אָדער אין אַ מאַגאַזין, און האָט אים געהאַרכט מיט אַ שמייכל. איך ווייס נישט, פון וואָס בײַ זיי האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס, נאָר ווען איך האָט געברענגט אָרלאָוון די הענטשקעס, איז ער געשטאַנען פאַר זינאַידאַ פעדאָראָוונען און מיט אַ קאַפריזנע בקשהדיק פּנים האָט ער גערעדט צו איר:

— בײַ גאָט, בײַ אַלעם הייליקן, רעדט נישט וועגן דעם, וואָס איז שוין אַלעמען און יעדן באַקאַנט. וואָס פאַר אַן אומגליקלעכע פעיקייט עס איז בײַ אונזערע קלוגע, דענקענדיקע דאַמען צו רעדן מיט אַ טיפזיניקער מינע און מיט אַזאַרט וועגן דעם, וואָס ס'האָבן שוין לאַנג הייליק געמאַכט די ציין אפילו גימנאַזיסטן. אַך, ווען איר וואָלט אויסגעשלאָסן פונם פּראָגראַם פון אונזער צוזאַמענלעבן די אַלע ערנסטע פראַגן! סאַראַ טובה איר וואָלט מיר געטון!

— מיר, פרויען, טאָרן נישט וואַגן צו האָבן אַן אייגענע מיינונג.

— איך גיב אייך פולע פרייהייט, זייט ליבעראַל און ציטירט אייך וואָסערע מחברים אייך געפעלט, נאָר מאַכט מיר אײַן הנחה, טראַקטירט נישט אין מײַן אָנוועזנהייט בלויז וועגן צוויי זאַכן: וועגן דער פאַרדאַרב-

לעכקייט פון דער העכערער געזעלשאַפט און וועגן די אומנאָרמאַלקייט פון חתונה האָבן. איר דאַרפט, סוף כל סוף, פאַרשטיין. די העכערע געזעלשאַפט זידלט מען שטענדיק, כדי אָקעגנצושטעלן זי יענער געזעלשאַפט, וואו ס׳לעבן די סוחרים, פּאָפּן, קליינבירגער און פּויערן, פאַרשידענע דאָרט סידאָרן און ניקיטעס. די ביידע געזעלשאַפטן זענען מיר דערווידער, נאָר ווען מען וואָלט מיר פאָרגעלייגט אויסצוויילן לויטן אייגענעם געוויסן צווישן דער און דער אַנדערער געזעלשאַפט, וואָלט איך נישט פאַרטראַכטנדיק זיך אפילו, אויסגעקליבן די העכערע, און דאָס וואָלט נישט געווען קיין פאַלשקייט, קיין אומערלעכקייט, וואָרים יין געשמאַק איז אויף איר זייט. אונזער קלאַס איז באַנאַל און פּוסט, נאָר דערפאַר רעדן מיר ביידע כאָטש אָרנטלעך פראַנצויזיש, מיר לייענען וואָס׳איז און שטויסן נישט איינער דעם אַנדערן אונטער די זייטן, אפילו ווען מיר קריגן זיך שטאַרק; אָבער בּאַ די סידאָרן, ניקיטעס און בּאַ זייערע פּני — קענען מיר טרעפן פאַרשידענע קללות, אַ פולשטענדיקע אומבעצוימטקייט פון קאַבאַקישע זיטן און געצנדינעריי.

— דער פּויער און דער סוחר שפּייזן אייך.

— יאָ, נו איז וואָס? דאָסדאָזיקע רעקאָמענדירט נישט בלויז מיך פון דער שלעכטער זייט, נאָר אויך זיי. זיי שפּייזן מיך און כאַפּן פאַר מיר אַראָפּ דאָס היטל, הייסט דאָס, אַז זיי פעלט שכל און ערלעכקייט צו האַנדלען אַנדערש. איך טאַדל קיינעם נישט און לויב נישט, און וועל נאָר זאָגן איינס: דער העכערער קלאַס און דער נידעריקער — ביידע זענען וואויל. מיטן האַרצן און מיטן שכל בין איך קעגן ביידע, אָבער מיינע געשמאַקן זענען אויף דער זייט פון דעם ערשטן. נו, וואָס ווידער ס׳איז שייך די אומנאָרמאַלקייטן פון חתונה-האָבן, — האָט אָרלאָוו פאַרגעזעצט, אַ קוק געבנדיק אויפן זייגער, — וואָלט שוין צייט געווען, איר זאָלט פאַרשטיין, אַז קיין שום אומנאָרמאַלקייטן איז נישט פאַרהאַן, נאָר ס׳זענען בלויז דאָ לעת עתה אומבאַשטימטע פאָדערונגען צום חתונה-האָבן. וואָס ווילט איר פון דער חתונה? אין געזעצלעכן און אינם אומגעזעצלעכן צוזאַמענלעבן, אין אַלע פאַרבאַנדן און צוזאַמענלעבנס, אין גוטע און אין שלעכטע, — איז איין און דערזעלביקער תמצית. איר, דאַמען, לעבט בלויז פאַר דעמדאָזיקן איינציקן תמצית. ער איז פאַר אייך אַלץ, אָן אים וואָלט אייער עקזיסטענץ נישט געהאַט קיין שום זינען, איר באַדאַרפט

נישט מער גאַרנישט, אַ חוץ דעם תּמצית, אים טאַקע נעמט איר. נאָר פון דער צייט אָן, וואָס איר האָט זיך אָנגעלייענט מיט ראָמאַנען, איז אייך געוואָרן אַ בושה אים צו נעמען, און איר וואַרפט זיך פון איין זייט אין דער אַנדערער, טוישט אָן שום רעכנונג די מענער און, כדי צו פאַרענטפערן דידאַקטישע צעפאַרנקייט, האָט איר אָנגעהויבן רעדן וועגן אומנאַרמאַלקייט פון חתונה־האָבן. קוים קענט איר נישט און ווילט נישט באַזייטיקן דעם תּמצית, דעם הויפּט־עיקרדיקן שונא אייערן. אייער שטן, קוים הערט איר נישט אויף קנעכטיש אים צו דינען. וואָס־זשע פאַר אַן ערנסטע געשפּרעכן קענען דאָ זיין? אַלץ, וואָס איר וועט מיר נישט זאָגן, וועט זיין אַן אומזין און אַן אומערלעכקייט. איך וועל אייך נישט גלייבן.

איך בין געגאַנגען געוואויר ווערן באַם שווייצער, צי ס'איז דאָ אַ דראָזשקאַזש, און ווען איך האָב זיך אומגעקערט, האָב איך שוין דער־ווישט אַ קריג. ווי ס'דריקן זיך אויס די מאַטראָזן, ס'האָט זיך געשטאַרקט דער ווינט.

— איר, ווי איך זע, ווילט מיך היינט איבעררעדן מיט אייער צי־ניזם, — האָט גערעדט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, שפּרייזנדיק שטאַרק אויפ־גערעגט איבערן גאַסטצימער. — ס'איז מיר דערווידער אייך צו הערן. איך בין ריין פאַר גאָט און מענטשן און האָב נישט אויף וואָס חרטה צו האָבן. איך בין אַוועקגעגאַנגען פון מאַן צו אייך און בין שטאָלץ דערמיט. כ'בין שטאָלץ, איך שווער אייך באַ מיין כבוד.

— נו, זייער גוט.

— אויב איר זענט אַן ערלעכער, אָרנטלעכער מענטש, דעמאָלט דאַרפט איר אויך שטאָלצירן מיט מיין טאַט. ער דערהייבט מיך און אייך איבער טויזנטער מענטשן, וועלכע וואָלטן געוואָלט האַנדלען פּונקט אַזוי, ווי איך, נאָר זיי דעצידירן זיך נישט פון קליינמוטיקייט אָדער קליינלעכע חשבונות. אָבער איר זענט נישט אָרנטלעך. איר האָט מורא פאַר דער פרייהייט און לאַכט אָפּ פון אַן ערלעכן אימפּולס אויס מורא, אַז עפּעס אַ גראָבער פּליגל זאָל נישט חושד זיין, אַז איר זענט אַן ערלעכער מענטש. איר האָט מורא מיך צו ווייזן פאַר באַקאַנטע, פאַר אייך איז נישטאָ קיין גרעסער אָפּקומעניש ווי פאָרן צוזאַמען מיט מיר איבער דער גאַס. . . וואָס? ס'איז נישט אמת? פאַרוואָס האָט איר ביז היינט מיך נישט פאַרגעשטעלט

פאַר אייער פאָטער און פאַר אייער קוזינע? פאַרוואָס? ניין, ס'איז מיר, ענדלעך, דערעסן געוואָרן! — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ אַ געשריי געטון, אַ טופּע געבנדיק מיטן פוס. — איך פאָדער דאָס, וואָס מיר קומט על פּי רעכט. איך בעט מיך פאַרצושטעלן אייער פאָטער!

— אויב ער איז אייך נייטיק, דאַן שטעלט זיך אים אַליין פאָר. ער נעמט אָן טעגלעך פון צען ביז האַלב עלף איינדערפרי.

— ווי נידעריק איר זענט! — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ געזאָגט, ברעכנדיק מיט פאַרצווייפלונג די הענט. — אויב איר זענט אפילו נישט אויפריכטיק און רעדט נישט דאָס, וואָס איר קלערט, איז בלויז פאַר דער אכזריות קען מען אייך אָנהייבן האַסן. אָ, ווי נידעריק איר זענט!

— מיר דרייען זיך אַלץ אַ ר ו ם א ו ן ד ע ר ל ע ב ן, און קענען זיך בשום אופן נישט דערגרעכן צום ריכטיקן תּוך. דער גאַנצער תּוך באַשטייט דערין, וואָס איר האָט זיך טועה געווען און איר ווילט זיך נישט דערין מודה זיין אָפן. איר האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז איך בין אַ העלד און אַז איך פאַרמאָג עפּעס אויסטערלישע אידעען און אידעאַלן, און די פּראַקטיק האָט אַרויסגעוויזן, אַז איך בין דער סאַמע דורכשניטלעכסטער באַאַמטער, אַ קאָרטנשפּילער, און האָב נישט קיין נייגונג צו קיין שום אידעען. איך בין אַ ווירדיק געוויקס פון דער אייגענער פוילנדיקער געזעלשאַפט, פון וועלכער איר זענט אַנטלאָפן, אַן אויפגעבראַכטע פון איר פּוסטקייט און באַנאַלקייט. זייט זשע זיך מודה און זייט גערעכטיק: האָט נישט קיין טענות צו מיר, נאָר צו זיך, ווייל אַ טעות געהאַט האָט איר, נישט איך.

— יאָ, איך בין זיך מודה: איך האָב אַ טעות געהאַט.

— אַלזאָ זייער גוט. מיר האָבן זיך, דאַנקען גאָט, דערגרעדט צום עיקר. אַצינד הערט ווייטער, אויב איר ווילט. איך — דערהייבן זיך צו אייך — קען נישט, ווארים איך בין צו פיל פאַרדאָרבן: דערנידעריקן זיך צו מיר — קענט איר אויך נישט, ווייל איר זענט צו הויך, פאַרבלייבט, בכן איינס...

— וואָס? — האָט שנעל געפרעגט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם, און פלוצלינג בלאַס ווערנדיק, ווי פּאַפּיר.

— פאַרבלייבט רופן צו הילף די לאָגיק...

— גענאַרגי, פּאַרוואָס פּייניקט איר מיך? — האָט זינאַידאַ פעדאָ־ראָוונאַ פּלוצלינג געזאָגט אויף רוסיש, מיט אַ צעבראָכן קול, — פאַר־וואָס? פאַרשטייט מיינע ליידן...

אָרלאָוו, וועלכער האָט זיך דערשראָקן פאַר טרערן, איז שנעל אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט אַריין און, כ'ווייס נישט נאָכוואָס, — צי האָט ער איר געוואָלט פאַרשאַפן נאָכמער ווייטיק אָדער ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז דאָס ווערט פּראַקטיצירט אין ענלעכע פאַלן, — ער האָט פאַר־שלאָסן נאָך זיך די טיר. זי האָט אויסגעשריגן און זיך געלאָזט לויפן נאָך אים, שאָרכענדיק מיטן קלייד.

— וואָס באַדייט דאָס? — האָט זי געפרעגט, קלאַפּנדיק אין דער טיר. — וואָס... וואָס באַדייט דאָס? — האָט זי איבערגעחזרט מיט אַ דין, פון אויפרעגונג זיך איבעררייסנדיק קול. — אַ, אָט אַזוי גאָר? טאָ ווייסט־זשע, איך האָס, איך פאַראַכט אייך, צווישן אונז איז אַלץ געענ־דיקט! אַלץ!

ס'האָט זיך דערהערט אַ היסטעריש געוויין מיט אַ געלעכטער. אין גאַסטצימער איז עפּעס אַ קלייניקייט אַראָפּגעפאַלן פון טיש און צעבראָכן געוואָרן. אָרלאָוו האָט זיך דורכבאַקומען פון קאַבינעט אין פאָדער־צימער אַריין דורך אַ צווייטער טיר און, פחדנותדיק אומקוקנדיק זיך, האָט ער שנעל אָנגעטון דעם שינעל און צילינדער און איז אַרויסגעגאַנגען.

ס'איז אַריבער אַ האַלבע שעה, נאָכדעם אַ שעה, און זי האָט אַלץ געוויינט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז זי האָט נישט קיין פאָטער, קיין מוטער, קיין קרובים, אַז דאָ לעבט זי צווישן אַ מענטש, וואָס האָט זי פיינט, און פאָליען, וועלכע באַגנבעט זי, — און ווי טרייסטלאָז האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט איר לעבן! אַליין נישט וויסנדיק נאָכוואָס, בין איך אַריינ־געגאַנגען צו איר אין גאַסטצימער. זי איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, אַ שוואַכע, אַ הילפלאָזע, מיט גרויסאַרטיקע האָר, — זי, וואָס האָט מיר אויסגעזען אַ מוסטער פון צאַרטקייט און פראַכט, — און האָט זיך געמאַטערט ווי אַ קראַנקע, באַהאַלטנדיק דאָס פנים און ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער.

— מאַדאַם, איר ווערט אפשר, הייסן גיין נאָך אַ דאָקטאָר? — האָב איך שטיל געפרעגט.

— ניין, מען דאַרף נישט... ס'אַ קלייניקייט, — האָט זי געזאָגט

און אַ קוק געטון אויף מיר מיט פאַרווייַנטע אויגן. — ס'טוט מיר אַ ביסל דער קאָפּ ווי... אַ דאַנק.

איך בין אַרויסגעגאַנגען, און אין אָוונט האָט זי געשריבן אַ בריוו נאָך אַ בריוו און מיך געשיקט דאָ צו פּיעקאַרסקין, דאָ צו קוקושקינען, דאָ צו גרוזינבען און, ענדלעך, וואוהין מיר ווילט זיך, אַבי איך זאָל נאָר וואָס גיכער געפינען אָרלאָוון און אים אָפּגעבן דעם בריוו. ווען איך בין יעדעס מאָל צוריקגעקומען מיטן בריוו, האָט זי מיך געזידלט, געבעטן, געשטופּט מיר אין די הענט אַריין געלט — גלייך זי וואָלט געוועו אין היץ. און באַנאַכט איז זי נישט געשלאָפן, נאָר געזעסן אין גאַסטצימער און האָט גערעדט צו זיך אַליין.

אויפן צווייטן טאָג האָט אָרלאָוו זיך אומגעקערט צום מיטאָג, און זיי האָבן זיך איבערגעבעטן.

דעם ערשטן דאָנערשטיק נאָכדעם האָט אָרלאָוו זיך געקלאָגט פאַר זיינע חברים אויף דעם אומפאַרטראָגלעך שווערן לעבן; ער האָט אַ סך גערייכערט און גערעדט מיט אויפרעגונג:

— דאָס איז נישט קיין לעבן, נאָר אַן אינקוויזיציע. טרערן, יללות קלוגע געשפּרעכן, בקשות ווענן מוחל זיין, ווידער טרערן און יללות, און אין סך הכל — האָב איך נישט אַצינד קיין אייגענע דירה, איך האָב זיך אויסגעמאַטערט און האָב זי פאַרמאַטערט. ווערט טאַקע אויסקומען צו לעבן אַזוי נאָך אַ חודש אָדער צוויי? און דאָס איז דאָך גאָר מעג־לעך?

— אָבער רעד מיט איר איבער, — האָט געזאָגט פּיעקאַר־סקי.

— כ'האָב געפּרוווט, נאָר איך קען נישט. מען קען דרייסט זאָגן אַ וואָ־סערן ס'איז אמת אַ מענטש אַ זעלבשטענדיקן, אַ דענקענדיקן, אָבער דאָ האָסטו דאָך צו טון מיט אַ באַשעפעניש, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין וויל, קיין כאַראַקטער, קיין לאָגיק. איך פאַרטראָג נישט קיין טרערן, זיי אַנט־וואָפענען מיך. ווען זי וויינט, בין איך גרייט צוצושווערן אירע אייביקע ליבע און אַליין צו וויינען.

פּיעקאַרסקי האָט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אין ישוב הדעת זיך אַ קראַץ געטון דעם ברייטן שטערן און געזאָגט:

— כ׳לעבן, וואָלסט איר, געדונגען אַ באַזונדערע דירה. דאָס איז דאָך אַזוי פשוט!

— זי באַדאַרף מיך, נישט קיין דירה. נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן? — האָט אָפּגעזיפצט אָרלאָוו. — איך האָב נאָר אומענדלעכע געשפּרעכן, אָבער איך זע נישט קיין אויסגאַנג פון מיין לאַגע. דאָס הייסט שוין טאַקע אינדעראמתן אומשולדיק — שולדיק! מיין גאַנץ לעבן האָב איך געוויכט די ראָלע פון אַ העלד, כ׳האָב תמיד נישט געקענט ליידן טורגעניעווס ראָמאַנען און פּלוצלינג, ממש ווי אויף אַ געלעכטער, בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ העלד מיט אַלע פּיטשעווקעס. איך פאַרזיכער מיט ערנוואָרט, אַז איך בין לחלוטין נישט קיין העלד, ברענג דערויף די שטאַרקסטע ראיות, אָבער מען גלייבט מיר נישט. פאַרוואָס גלייבט מען נישט? ווייזט אויס, אַז אין מיין פיזיאָגנאָמיע מוז טאַקע זיין עפּעס העלדיש.

— אָבער פאָרט אַרויס רעווידירן די גובערניעס, — האָט קוקושקין געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— יאָ, נאָר דאָס בלייבט איבער צו טון.

אין אַ וואָך אַרום נאָך דעמדאָזיקן שמועס האָט אָרלאָוו געמאָלדן, אַז מען שיקט אים ווידער אַרויס צום סענאַטאָר, און דעם אייגענעם טאָג אינאָוונט איז ער אַוועקגעפאָרן מיט זיינע וואַליזקעס צו פּיעקאַרסקין.

XI.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ זקן פון אַ יאָר זעכציק, אין אַ לאַנג פוטער ביז צו דער ערד און אַ ביבערן היטל.

— געאָרגי איוואַניטש איז אינדערהיים? — האָט ער געפרעגט.

תחילת האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז איינער פון די פּראָצענטניקעס, גרוזינס קרעדיטאָרן, וועלכע פלעגן טיילמאָל קומען צו אָרלאָוון

נאָך קלײנע קבלות, נאָר װען ער איז אַרײנגעגאַנגען אין פּאַרצימער און האָט צעכראַסטעט דאָס פּוטער, האָב איך דערזעען די געדיכטע ברעמען און די כאַראַקטעריסטיש־צונױפגעפּרעסטע ליפּן, װעלכע איך האָב אַזױ גוט אױסשטודירט אױף די פאָטאָגראַפּיעס, און צװײ שורות שטערנדלעך אױפן אונױפאַרם־פראַק. איך האָב אים דערקענט: דאָס איז געװען אַרלאָװס פאָטער, דער באַװאוסטער מלוכה־מאַן.

איך האָב אים געענטפערט, אַז געאָרגי איװאַנױטש איז אינדערהײם נישטאָ. דער זקן האָט פעסט צוזאַמענגעפּרעסט די ליפּן און אין ישוב־הדעת אַ קוק געטון אין אַ זײט, װײַזנדיק מיר זײַן דאַרן, אַנצײַכיקן פּראָפיל.

— איך װעל איבערלאָזן אַ צעטעלע, — האָט ער געזאָגט — פיר מיך אַרײַן.

ער האָט איבערגעלאָזט אין פּאַדערצימער די קאַלאָשן און, נישט אױסטוענדיק זײַן לאַנגן, שװערן פּוטער, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין קאַבינעט. דאָ האָט ער זיך אָװעקגעזעצט אין אַ פאָטעל פאַרן שרײַב־טיש און, אײדער ער האָט זיך גענומען צו דער פעדער, האָט ער אַן ערך צװײ מינוט געטראַכט װעגן עפּעס, פאַרשטעלנדיק די אױגן מיט דער האַנט, אַזױ װי פאַר דער זון, — אַקוראַט, װי ס׳פלעגט טון דער זון, װען ער איז נישט געװען אין הומאָר. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ טרױע־ריקס, אַ פאַרטראַכטס, מיט אַן אױסדרוק פון יענער הכנעה, װעלכע מיר איז אױסגעקומען צו זען נאָר אױף פּנימער פון אַלטע און רעליגיעזע מענטשן. איך בין געשטאַנען פון הינטן, האָב געקוקט אױף זײַן פּליך און אױפן גריבעלע אינם קאַרק, און מיר איז קלאָר געװען, װי דער טאָג, אַז דערדאָזיקער שװאַכער, קראַנקער מענטש איז איצט אין מײַנע הענט. אין דער גאַנצער װאױנונג איז דאָך אַ חוץ מיר און מײַן פײַנט נישט געװען קײן לעבעדיק נפש. איך האָב נאָר באַדאַרפט אָנװענדן אַ ביסעלע פיזישן כּוח, נאָכדעם אַראָפּרײַסן דעם זײגער, כּדי צו פאַרמאַסקירן דעם ציל, און אַװעקגײן מיטן הינטערשטן גאַנג, און איך װאָלט באַקומען אַן אַ שיעור מער, װי כ׳האָב געקענט אױסרעכענען, װען איך האָב זיך גע־שטעלט אַלס לאַקײ. איך האָב געקלערט: ס׳איז נישט מעגלעך, אַז ס׳זאָל מיר נאָך אַ מאָל אונטערקומען אַ מער גליקלעכע געלעגנהײט. אָבער אַנ־שטאָט צו זײַן אַקטיװ האָב איך פולשטענדיק גלײַכגילטיק געקוקט דאָ אױפן

פּליך, דאָ אויפן פּיטער און רויק געטראַכט וועגן די באַציונגען פּונם דאָזיקן מענטש צו זיין אייניציקן זון און וועגן דעם, אַז מענטשן, צעבאַלעוועטע פון עשירות און מאַכט, ווילט זיך, מסתמא, נישט שטאַרבן. . .

— דו דינסט שוין לאַנג בּאַ מיין זון ? — האָט ער געפרעגט אָנוואַרפנדיק היפּשע אותיות אויפן פּאַפּיר.

— דעם דריטן חודש, עקסעלענץ.

ער האָט געענדיקט דאָס שרייבן און איז אויפגעשטאַנען. מיר איז נאָך פאַרבליבן צייט. איך האָב זיך איבּערגעטריבן און צונויפגעדריקט די פויסטן, באַמיענדיק זיך אויסצוקוועטשן פון מיין נשמה כאָטש אַ טראָפּן פון דער פריערדיקע שנאה. איך האָב זיך דערמאַנט, סאַראַ ליידנשאַפטלעכער, עקשנותדיקער און אומדערמידלעכער שונא איך בין געווען נאָך גאָר נישט לאַנג. . . נאָר ס'איז שווער אָנצוצינדן אַ שוועבעלע אָן אַ שוואַכן שטיין. דאָס אַלטע, טרויעריקע פּנים און דער קאַלטער גלאַנץ פון די שטערנדלעך האָבן אין מיר אַרויסגערופן בלויז קליינלעכע, ביליקע און נישט נייטיקע מחשבות וועגן דער נישט דויערהאַפטיקייט פון אַלעם ערדישן, וועגן גיכן טויט. . .

— זיי געזונט, ברודער ! — האָט געזאָגט דער אַלטער, אָנגעטון דאָס היטל און איז אַרויסגעגאַנגען.

ס'איז שוין נישט מעגלעך געווען צו צווייפלען : אין מיר איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג, איך בין געוואָרן אַן אַנדערער. כדי צו קאָנטראָלירן זיך, האָב איך אָנגעהויבן זיך דערמאַנען, נאָר מיר איז באַלד געוואָרן אומהיימלעך, גלייך איך וואָלט אומגערן אַריינגעקוקט אין אַ פינסטער נאַס ווינקל. איך האָב זיך דערמאַנט אָן מיינע חברים און באַקאַנטע, און מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, ווי איך וועל איצט רויט ווערן און זיך פאַרלירן, ווען איך וועל טרעפן עמעצן פון זיי. ווער־זשע בין איך עס אַצינד ? וועגן וואָס קלערן און וואָס טון ? וואוהין גיין ? צו ליב וואָס לעב איך ?

איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען און קלאָר אָנערקענט בלויז איינס : איך דאַרף וואָס שנעלער צונויפנעמען מיין באַגאַזש און אַוועקגיין. ביז דעם אַלטנס באַזוך האָט נאָך מיין לאָקיי־ראָלע געהאַט אַ זינען, איצט אָבער איז זי געווען לעכערלעך, טרערן האָבן מיר געטריפט פון די אויגן

אין דער אָפענער וואַליזקע אַריין, ס׳איז מיר געווען אומפאַרטראָגלעך
טרויעריק, נאָר ווי שטאַרק האָט זיך געוואָלט לעבן ! איך בין גרייט גע-
ווען אַרומצוגעמען און איינפאַסן אין מיין קורצן לעבן אַלץ, וואָס איז
צוטריטלעך פאַר אַ מענטש. מיר האָט זיך געגלוסט אי צו רעדן, אי צו
לייענען, אי קלאַפן מיט אַ האַמער ערגעץ אין אַ גרויסער פאַבריק, אי
שטיין אויף דער וואַך, אי פאַרנעמען זיך מיט ערד-אַרבעט; מיך האָט גע-
צויגן סיי אויף ניעווסקע, סיי אויפן פעלד, סיי אויפן ים אַרויס — אומעטום,
וואוהין ס׳האָט געגרייכט מיין דמיון. ווען זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ
איז צוריקגעקומען, בין איך געלאָפן איר עפענען און מיט אַ באַזונדע-
רער צאַרטקייט אַראָפגענומען פון איר דאָס פוטער. צום לעצטן מאָל !

אַ חוץ דעם זקן, זענען דעם טאָג געקומען צו אונז נאָך צוויי.
אין אָוונט, ווען ס׳איז שוין אינגאַנצן פינסטער געוואָרן, איז אומדערוואַרט
געקומען גרוזין, כדי צו נעמען פאַר אָרלאָווס וועגן עפעס פאַפירן. ער
האָט געעפנט דאָס טיש-קעסטל, אַרויסגענומען די נייטיקע פאַפירן און,
איינוויקלענדיק זיי אין אַ ראָלקע, האָט ער מיך געהייסן אַוועקלייגן זיי
אין פאָרצימער לעבן זיין היטל, און אַליין איז ער אַריינגעגאַנגען צו
זינאַידאַ פעדאָראָוונען. זי איז געלעגן אין גאַסט-צימער אויף דער סאָפע,
די הענט אונטערגעלייגט אונטערן קאָפ. ס׳איז שוין אַריבער פינף אָדער
זעקס טעג, ווי אָרלאָוו איז אַוועקגעפאָרן אויף דער רעוויזיע, און קיינער
איז נישט באַוואוסט געווען, ווען ער וועט זיך אומקערן. נאָר זי האָט שוין
נישט געשיקט קיין טעלעגראַמעס און האָט זיך אויך נישט געריכט צו
באַקומען. פאָליען, וועלכע איז נאָך אַלץ בּאַ אונז געווען, האָט זי אַזוי
ווי נישט באַמערקט. „זאָל זיין !“ — האָב איך געלייענט אויף איר אַפּאַ-
טישן, זייער בלאַסן פנים. איר האָט זיך שוין געוואָלט, אַזוי ווי אָר-
לאָוו, פון עקשנות זיך פילן אומגליקלעך ; זי איז אויף להכעיס זיך און
דער גאַנצער וועלט גאַנצע טעג אָפּגעלעגן אומבאַוועגלעך אויף דער סאָ-
פע, ווינטשנדיק זיך בלויז שלעכטס און דערוואַרטנדיק בלויז שלעכטס.
וואָרשיינלעך, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט אָרלאָווס צוריקקומען און די
אומפאַרמיידלעכע קריגערייען מיט אים, נאָכדעם זיין אָפּקילונג, זיינע
פאַרראַטן, דערנאָך ווי זיי וועלן זיך צעגיין, און די דאָזיקע פיינלעכע
רעיונות האָבן איר, אפשר, פאַרשאַפט הנאה. אָבער וואָס וואָלט זי גע-
זאָגט, ווען זי וואָלט פלוצלינג געוואויר געוואָרן דעם ריכטיקן אמת ?

— איך האָב אייך ליב, קוואַטערין, — האָט גרוזין גערעדט, בשעת ער האָט זיך באַגריסט און געקושט איר האַנט. — איר זענט אַזאַ גוטע! און זשאַרזשיקל איז גאַר אַוועקגעפאָרן, — האָט ער איר געזאָגט אַ ליגנט. — אַוועקגעפאָרן, דער גזלן!

— דערלויבט מיר, מיין ליבע, צו זיצן באַ אייך אַ שעה, — האָט ער געזאָגט. — אַהיים צו גיין גלוסט זיך מיר נישט, און צו די בירשאָווס איז נאָך פרי. היינט איז באַ די בירשאָווס דער געבורטס-טאָג פון זייער קאַטיען. אַ וואויל מיידעלע!

איך האָב אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי און אַ קאַרפינקע מיט קאָניאַק, ער האָט פּאַמעלעך, מיט אַ באַשיינפּערלעכן אומחשק אויסגעטרונקען די טיי און, אומקערנדיק מיר דאָס גלאָז, האָט ער נישט דרייסט געפרעגט:

— איר האָט אפשר, פריינד-לעב, עפּעס צו פאַרבייסן? איך האָב נאָך נישט געמיטאָגט.

באַ אונדז איז גאָרנישט נישט געווען. איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן און האָב אים געברענגט אַ געוויינטלעכן רובלדיקן מיטאָג.

— פאַר אייער געזונט, האַרציקע! — האָט ער געזאָגט צו זינאַידאַ פעדאָראָוונען און אויסגעטרונקען אַ כוסה בראָנפן. — פון מיין קליינינקער, אייער קוואַטער-טאָכטער, — אַ גרוס אייך. אַ שקראָפל האָט זי געבעך, דאָס פייגעלע! אַך, קינדער, קינדער! — האָט ער אָפּגעזיפצט. — זאָגט אייך וואָס איר ווילט, קוואַטערין, ס'איז גוט צו זיין אַ פאָטער. זשאַרזשיקלען איז אומפאַרשטענדלעך דאָס געפיל.

ער האָט נאָכאַמאָל אויסגעטרונקען. אַ מאָגערער, אַ בלאַסער, מיט דער סערוועטקע אויף דער ברוסט, ממש ווי אין אַ פאַרטיכל, האָט ער געגעסן מיט גיריקייט און, אויפהייבנדיק די ברעמען, האָט ער, ווי אַ פאַרשולדיקט ייִנגל געוואָרפן בליקן דאָ אויף זינאַידאַ פעדאָראָוונען, דאָ אויף מיר. ס'האָט אויסגעזען, אַז ווען איך וואָלט אים נישט געגעבן צו עסן, וואָלט ער זיך צעוויינט. ווען ער האָט איינגעשטילט דעם הונגער, איז ער פריילעך געוואָרן און אָנגעהויבן מיט אַ געלעכטער דערציילן עפּעס וועגן דער משפּחה בירשאָוו, נאָר, באַמערקנדיק, אַז דאָס איז לאַנגווייליק און אַז זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ לאַכט נישט, איז ער אַנטשוויגן גע-

וואָרן. און עפּעס גאָר פּלוצלינג איז געוואָרן לאַנגווייליק. נאָך מיטאָג זענען ביידע געזעסן אין גאַסטצימער בּאַ דער שיין נאָר פון איין לאָמפּ און האָבּן געשוויגן; אים איז שווער געווען צו זאָגן ליגנט, און זי האָט אים געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר זי האָט זיך נישט דעצידירט. אַזוי איז אַריבּער אַ האַלבּע שעה. גרוזין האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— איך דאַרף שוין טאַקע צו גיין.

— ניין, זיצט נאָך... מיר דאַרפן זיך דורכרעדן.

זיי זענען ווידער געזעסן שווייגנדיק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בּאַם קלאַוויר, אַ ריר געטון איין קלאַוויש, נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבּן שפּילן און שטיל אויפגעזונגען: „וואָס גרייט מיר דער צוקונפטס-טאָג?" — נאָר, ווי געוויינלעך, איז ער בּאַלד אויפגעשטאַנען און האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— שפּילט עפּעס, קום, — האָט אַ בּעט געטון זינאַידאַ פעדאָ-ראָווגאַ.

— וואָס אַ שטייגער? — האָט ער געפרעגט און אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס. — איך האָבּ שוין אַלץ פאַרגעסן. שוין לאַנג עס אַוועקגעוואָרפן.

קוקנדיק אויפן סופיט, אַזוי ווי דערמאַנענדיק זיך, האָט ער אויס-געשפּילט צוויי קאָמפּאָזיציעס פון טשייקאָווסקין, אַזיי וואַרעם, מיט אַזאַ פאַרשטענדעניש! זיין פּנים איז געווען ווי תּמיד — נישט קלוג און נישט נאַריש, און מיר האָט אויסגעזען פּשוט ווי אַ נס, אַז דער מענטש, וועלכן איך בּין געוואוינט געווען תּמיד צו זעען אין דער נידעריקסטער און אומ-ריינסטער אומגעבּונג, זאָל פעיק זיין אויף אַזאַ הויכן און פאַר מיר אומ-דערגרייכלעכן געפיל-שוואונג, אויף אַזאַ ריינקייט. זינאַידאַ פעדאָראָווגאַ האָט זיך פאַררויטלט און אַ צערודערטע אָנגעהויבּן גיין איבּערן גאַסט-צימער.

— וואַרט-צו, קוואַטערין, אויבּ כ'וועל זיך דערמאַנען, וועל איך אייך אויסשפּילן אַ געוויס שטיקל, — האָט ער געזאָגט. איך האָבּ עס געהערט שפּילן אויף אַ וויאָלאָנטשעל.

ער האָט אָנגעהויבּן נישט דרייסט צוצוקלייבּן און דערנאָך מיט זי-כערקייט אויפגעשפּילט דאָס ש וו אַ נ ע ן - ל י ד פון סען-סאַנסן. ער האָט אויסגעשפּילט און איבּערגעחזרט אַ צווייט מאָל.

— ס׳איז שיין, אמת? — האָט ער געזאָגט.

זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט זיך אַן אויפגערעגטע אָפּגעשטעלט לעבן אים און געפרעגט:

— קום, זאָגט מיר אויפריכטיק, ווי אַ פריינד, וואָס קלערט איר וועגן מיר?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט ער אָנגעהויבן, אויפהייבנדיק די ברעמען. — איך האָב אייך ליב און קלער וועגן אייך בלויז גוטס. נאָר קוים ווילט איר, אַז איך זאָל רעדן בכלל וועגן דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אייך, — האָט ער פאָרגעזעצט, אָפּשאַרנדיק דעם שטויב פונם אַרבל און זיך כמורעדיק, — איז, ווייסט איר, מיין ליבע... פריי צו פאָלגן דעם דראַנג פונם הארץ, — דאָס גיט נישט תמיד גוטע מענטשן קיין גליק. כדי צו פילן זיך פריי און גלייכצייטיק גליקלעך, דאַרף מען נישט, דאַכט זיך מיר, צו פאַרבאָרגן פאַר זיך, אַז דאָס לעבן איז אכזריות־דיק, ברוטאַל און אומברחמנותדיק אין זיין קאָנסערוואַטיזם, און מען דאַרף ענטפערן דעם לעבן מיט דעם, וואָס עס איז ווערט, דאָס הייסט זיין אַקוראַט אַזוי, ווי דאָס לעבן גופא, גראָב און אומברחמנותדיק אין די שטרעבונגען צו פרייהייט. איך מיין אַזוי.

— נישט פאַר מיר! — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ טרויעריק שמייכל געטון, — איך האָב זיך שוין פאַרמאַטערט, קום. איך האָב זיך אַזוי פאַרמאַטערט, אַז איך וועל נישט אַ ריר טון מיט קיין פינגער פאַר מיין רעטונג.

— גייט אַוועק, קוואַטערין, אין אַ מאָנאַסטיר.

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט אין שפּאַס. נאָר פון דידאָזיקע ווערטער האָבן באַ זינאַידאַ פעדאָראָוונען, און נאָכדעם באַ אים אַליין, בלישטש געטון טרערן אין די אויגן.

— נו, — האָט ער געזאָגט — געזעסן-געזעסן, און וועקגעפאָרן. אַדיע, ליבע קוואַטערין. זאָל אייך גאָט געבן געזונט.

ער האָט איר אַ קוש געטון אין ביידע הענט, צאַרט זיי אַ גלעט געטון און צוגעזאָגט צו זיין דורכויס די נאָנטסטע טעג באַכאַמאַל. בעת ער האָט אָנגעטון אין פאַדערצימער זיין פּאַלטן, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ קינדיש קאַפּאָטקעלע, האָט ער לאַנג געניסטערט אין די קעשענעס, ווילנדיק מיר געבן לעצט-געלט, נאָר ער האָט גאָרנישט געפונען.

— זיי געזונט, ליבער! — האָט ער געזאָגט טרויעריק און איז אַרויסגעגאַנגען.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שטימונג, וואָס דערדאָזיקער מענטש האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט. זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט נישט אויפגעהערט אויפגערעגטערהייט אַרומצוגיין איבערן גאַסטצימער. זי איז נישט געלעגן, נאָר געגאַנגען — דאָס אַליין איז שוין גוט געווען. איך האָב געוואָלט זיך באַנוצן מיט דערדאָזיקער שטימונג, כדי אָפּנהאַרציק זיך דורכצורעדן מיט איר און באַלד אַוועקגיין, נאָר איך האָב קוים באַוויזן אַרויסבאַגלייטן גרוזינען, ווי ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלונג. דאָס איז געקומען קוקושקין.

— געאָרגי איוואַניטש איז אינדערהיים? — האָט ער געפרעגט, — ער איז שוין צוריקגעקומען? דו זאָגסט: ניין? סאַראַ שאָד! אויב אַזוי וועל איך גיין אַ קוש טון דער באַלעבאָסטע אין הענטל און — צוריק אַרויס. זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, מען קען? — האָט ער אַ געשריי געטון. — איך וויל אייך אַ קוש טון אין הענטל. אַנטשולדיקט, וואָס אַזוי שפּעט.

ער איז אָפּגעזעסן אין גאַסטצימער נישט לאַנג; נישט מער פון צען מינוט, נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זיצט שוין לאַנג און וועט קיינמאָל נישט אַוועקגיין. איך האָב זיך געביסן די ליפּן פון אויפגעבראַכטקייט און פאַרדראָס און האָב שוין פיינט געהאַט זינאַידאַ פעדאָראָוונען. „פאַרוואָס טרייבט זי אים נישט אַרויס פון זיך?" — האָב איך זיך געקאָכט, הגם ס׳איז שוין געווען באַשיינפּערלעך צו זעען, אַז זי האָט זיך געלאַנגווייליקט מיט אים.

ווען איך האָב אים דערלאַנגט דאָס פוטער, האָט ער אַלס סימן פון באַזונדערער אויפגעלייגטקייט צו מיר מיך אַ פרעג געטון, ווי אַזוי איך קען עס זיך באַגיין אָן אַ ווייב.

— נאָר, איך מיין, דו געגעצסט נישט, — האָט ער געזאָגט לאַכנדיק — באַ דיר מיט פאָליען איז דאָ, מסתמא, קוצעניו-מוצעניו... שטיפער!

נישט געקוקט אויף מיין לעבנס-דערפאַרונג, האָב איך דעמאָלט ווייניק געקענט מענטשן, און ס׳איז זייער מעגלעך, אַז איך האָב אָפטמאָל פאַרגרעסערט אַ טפל און לחלוטין נישט באַמערקט אַן עיקר. מיר האָט

זיך געדאַכט, אַז קוקושקין כיכיקעט און חנפעט מיך נישט אומזיסט: צי האָפט ער נישט אַמאָל, אַז איך, אַלס לאַקיי, וועל פלאַפּלען אין אַלע לאַקיי־שטובן און קיכן וועגן דעם, אַז ער קומט צו אונז אין די אָוונטן, ווען אַרלאָוו איז נישטאָ אינדערהיים, און זיצט אָפּ מיט זינאַידאַ פּעדראָ־ראָוונען ביז שפּעט אין דער נאַכט? און ווען מיינע רכילותן וועלן דער־גיין צו זיינע באַקאַנטע, וועט ער שעמעוודיק אַראָפּלאָזן די אויגן און דראָען מיטן קליינעם פינגער. און צי וועט ער דען נישט אַליין, — האָב איך געטראַכט, קוקנדיק אויף זיין קליינינק, האָניקדיק פּנים, — נאָך היינט באַ די קאָרטן מאַכן דעם אָנשטעל און, אפשר טאַקע, זיך אויסרעדן, אַז ער האָט שוין אָפּגעשלאָגן באַ אָרלאָוון זינאַידאַ פּעדראָ־ראָוונען?

די שנאה, וואָס מיר האָט אַזוי געפעלט אינמיטן טאָג, ווען דער אַלטער אָרלאָוו איז געקומען, האָט מיך אַצינד באַהערשט. קוקושקין איז ענדלעך אַרויסגעגאַנגען און, בשעת איך האָב זיך צוגעהערט צום שאָרן פון זיינע לעדערנע קאַלאָשן, האָב איך געשפּירט אַ שטאַרקן חשק נאָכ־צושיקן אים צום געזעגנען עפּעס אַ גראָב זידלוואָרט, אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטן. נאָר ווען די טריט אויף די טרעפּ זענען שטיל געוואָרן, האָב איך זיך אומגעקערט אין פּאַרצימער און, אַליין נישט וויסנדיק, וואָס איך טו, האָב איך געכאַפּט די ראָלקע פּאַפּירן, וועלכע גרוזין האָט פאַר־געסן, און געשווינד זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן. אָן אַ פּאַלטן און אָן היטל בין איך אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. ס׳איז נישט קאַלט געווען, נאָר ס׳האָט געשאָטן אַ היפּשער שניי און ס׳האָט געבלאָזן אַ ווינט.

— אייער עקסעלענץ! — האָב איך אַ געשריי געטון, נאָכיאָגנדיק קוקושקינען. אייער עקסעלענץ!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ לאַמטערן און זיך אומגעקוקט פאַרחידושט.

— אייער עקסעלענץ! — האָב איך אַרויסגערעדט, זיך שטיקנ־דיק — אייער עקסעלענץ!

און, נישט אויסקלערנדיק, וואָס צו זאָגן, האָב איך אַמאָל צוויי אים אַ קלאַפּ געטון מיט דער פאַפּירענער ראָלקע איבערן פּנים. נישט פאַרשטייענדיק גאָרנישט און אפילו זיך נישט וואונדערנדיק, — אַזוי ווייט האָב איך אים צעטומלט — האָט ער זיך אָנגעלענט מיטן קאָפּ אָן לאַמ־

טערן און פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים. אין דער צייט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מיליטערישער דאָקטאָר און האָט געזען, ווי איך האָב געשלאָגן אַ מענטש, אָבער ער האָט נאָר מיט שטייבונג אַ קוק געטון אויף אונז און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

איך האָב זיך פאַרשעמט, און בין צוריקגעלאָפן אַהיים.

XII.

מיט אַ נאַסן קאָפּ פון שניי און פאַרסאַפּעט, בין איך אַריינגעלאָפן אין לאָקיי־שטיבל און האָב מאָמענטאַל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פראַק, אָנגעטון אַ מאַרינאַרקע מיט אַ פאַלטן און אַרויסגעטראָגן מיין וואַליזקע אין פאָרצימער. אַנטלויפן! נאָר פאַר מיין אַוועקגיין האָב איך זיך גיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן שרייבן צו אָרלאָוון:

„איך לאָז אייך איבער מיין פאַלשן פּאַספּאָרט, — האָב איך אָנגעהויבן, — איך בעט איבערצולאָזן זיך צום אָנדענק, איר פאַלשער מענטש, הער פּעטערבורגער באַאַמטער!”

„אַריינגנבענען זיך אין אַ הויז אונטער אַ פרעמדן נאָמען, נאָכקוקן פון הינטער אַ לאָקיישער מאַסקע דאָס אינטימע לעבן, זעען אַלץ און הערן, כדי נאָכדעם אומגעבעטן צו באַשולדיקן אין פאַלשקייט, — דאָס אַלץ וועט איר זאָגן, איז ענלעך צו גנבה. יאָ, אָבער בּאַ מיר איז איצט נישט קיין צייט פאַר איידלקייטן. איך האָב איבערגעלעבט בּאַ אייך צענדליקער נאַכטעסנס און מיטאָגן, ווען איר האָט גערעדט און געטון, וואָס איר האָט געוואָלט, און איך האָב געמוזט הערן, זעען און שווייגן, — איך וועל אייך דאָס נישט שענקען. אגב, אויב אַרום אייך געפינט זיך נישט קיין לעבעדיק נפש, וואָס זאָל האָבן די העזה אייך צו זאָגן דעם אמת און נישט צו חנפענען, דעמאָלט זאָל כאָטש דער לאָקיי סטעפּאַן אויסוואַשן אייך אייער גרויסאַרטיקע פיזאָנאָמיע”.

דערדאָזיקער אָנהויב איז מיר נישט געפעלן געוואָרן, נאָר פאַר־

ריכטן האָט זיך מיר נישט געגלוסט. און ס'איז דען אייגנטלעך נישט אַלציינס ?

די גרויסע פענסטער מיט די טונקעלע פאָרטיערן, דאָס געלעגער, דער צונויפגעקנוילטער פראַק אויף דער פאָדלאָגע און די נאַסע צייכנס פון מיינע פיס האָבן געקוקט שטרענג און טרויעריק. און די שטילקייט איז געווען עפּעס אַ באַזונדערע.

מסתמא דערפון, וואָס איך בין אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס אָן דעם היטל און אָן די קאַלאָשן, האָב איך באַקומען שטאַרקע היץ. דאָס פּנים האָט געברענט, די פיס האָבן געבראָכן... דער שווערער קאָפּ האָט זיך געבויגן צום טיש, און אין די געדאַנקען איז געווען עפּעס אַ מין צווייקייט, ווען ס'דאַכט זיך, אַז נאָך יעדן געדאַנק אין מוח רוקט זיך נאָך זיינס אַ שאָטן.

„איך בין קראַנק, שוואַך, מאָראַליש דערשלאָגן, — האָב איך פאַרגעזעצט, — איך קען אייך נישט שרייבן, אַזוי ווי כ'וואָלט געוואָלט. אין דער ערשטער מינוט האָט איך געהאַט אַ פאַרלאַנג צו באַליידיקן און דערנידעריקן אייך, נאָר איצט דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב נישט דערויף קיין רעכט, איר און איך — ביידע זענען מיר געפאַלן און וועלן ביידע שוין קיינמאָל נישט אויפשטיין, און מיין בריוו, ווען ער זאָל אפילו זיין געשריבן ווי שיין, שטאַרק און שרעקלעך, וואָלט ער דאָך געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קלאַפּן אין אַ קבֿריב-ברעט. ווי אַזוי דו זאָלסט נישט קלאַפּן, וועסטו נישט אויפוועקן. קיין שום אָנשטרענגונגען זענען שוין נישט מסוגל צו דערוואַרעמען אייער פאַרשאָלטן, קאַלט בלוט, און איר ווייסט דאָס בעסער פון מיר, — צוליב וואָס-זשע שרייבן ? אָבער דער קאָפּ און דאָס האַרץ ברענען, איך שרייב ווייטער, רעג זיך איבער-עפּעס אויף, אַזוי ווי דערדאָזיקער בריוו קען נאָך כלומרשט ראַטעווען אייך און מיך. פון היץ בינדן זיך נישט די געדאַנקען אין קאָפּ און די פעדער ס'רייסט עפּעס אַזוי אומזיניק, נאָר די שאלה, וואָס איך וויל אייך פאַרגעבן, שטייט פאַר מיר, ווי אַ פייערדיקע".

„פאַרוואָס איך בין פ אַ ר דער צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אומגעפאַלן, איז נישט שווער צו דערקלערן, איך האָב פּונקט ווי דער ביבלישער גבור, אַרויפגעלייגט אויף זיך די ג אַ נ צ ע ר טויערן, כדי זיי אַרויפצוטראָגן אויפן שפּיץ באַרג, און ערשט ווען איך בין קראַנק גע-

וואָרן, ווען אין מיר זענען אויף אייביק פאַרלאָשן געוואָרן די יוגנט און דאָס געזונט, האָב איך באַמערקט, אַז די טויערן זענען נישט פאַר מיינע פלייצעס און, אַז איך האָב זיך אָפּגעגאַרט. דערצו נאָך זענען באַ מיר געווען אומאויפהערלעכע, גרויזאַמע יסורים. איך האָב געליטן הונגער, קעלט, פון קראַנקהייטן, פון פרייהייט־באַרויבונג; קיין פערזענלעך גליק האָב איך נישט געקענט און קען נישט, קיין היים האָב איך נישט, די זכרונות מיינע זענען שווערע און מיין געוויסן האָט אָפּטמאָל פאַר זיי מורא. אָבער פאַרוואָס זענט איר עס אומגעפאַלן, איר? וואָסערע פאַטאַלע, טייוולאָנישע סיבות האָבן נישט געלאָזט אייער לעבן פונאַנדערוויקלען זיך, ווי אַ פרילינג־בלימל, פאַרוואָס האָט איר, נישט באַווייזנדיק אָנצוהייבן לעבן, זיך צוגעאיילט אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם צלם אלוקים און זענט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פחדנותדיקער בהמה, וואָס בילט און שרעקט מיט דערדאָזיקער בילעריי אַנדערע דערפאַר, וואָס זי האָט אַליין מורא? איר האָט מורא פאַרן לעבן, איר האָט מורא, ווי אַן אַזיאַט, ווי יענער אַזיאַט, וואָס זיצט גאַנצע טעג אויפן איבערבעט און רויכערט קאַליאַן. יאָ, איר לייענט אַ סך און אויף אייך ליגט גאַלאַנט אַן אייראָפּעאישער פראַק, אָבער מיט וואָס פאַר אַ צאַרטער, עכט אַזיאַטישער, באַנישער זאָרגפולקייט היט איר זיך אָפּ פון הונגער, קעלט, פיזישער אָנשטרענגונג, — פון שמערצן און אומרויקייט; ווי פרי האָט זיך אייער נשמה באַהאַלטן אין שלאָפראָק, סאַראַ פחדנותדיקע ראָלע פירט איר אויס לגבי דעםווירקלעכן לעבן און דער נאַטור, מיט וועלכער ס׳קעמפט יעדער געזונטער און נאָרמאַלער מענטש. ווי אייך איז ווייך, געמיטלעך, וואַרעם, באַקוועם — און ווי לאַנגווייליק! יאָ, באַ אייך איז טיילמאָל אַ טויטע, נישטדורכזיכטיקע לאַנגווייליקייט, ווי אין אַן אָפּגעזונדערטער תפיסה, נאָר איר באַמיט זיך צו באַהאַלטן זיך אויך פאַרן דאָזיקן שונא: איר שפּילט צו אַכט שעה אין מעת לעת אין קאָרטן״.

„און אייער איראָניע? אָ, ווי גוט איך פאַרשטיי זי! אַ לעבעדיקער, פרייער, מונטערער געדאַנק איז פאַרשנדיק און מעכטיק; פאַר אַ פוילן פוסט־און־פאַסטיקן שכל איז ער אומפאַרטראָגלעך. כדי דער געדאַנק זאָל נישט שטערן אייער רו, האָט איר, פונקט ווי טויזנטער אייערס גלייכן, זיך געאײַלט נאָך אין דער יוגנט אַריינצושטעלן אים אין ראַמלעך; איר האָט זיך באַוואָפנט מיט אַן איראָנישער באַציונג צום לעבן,

אָדער ווי איר ווילט, רופֿט עס, און דער צוריקגעהאַלטענער, אָנגעשראָקענער געדאַנק וואָגט נישט אַ שפּרונג צו טון איבער יענעם פּלעטל, וואָס איר האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר אים; און ווען איר מאַכט חוזק פֿון די אידעען, וועלכע זענען אייך פֿלומרשט אַ ל ע באַקאַנט, זענט איר ענלעך צו אַ דעזערטער, וועלכער אַנטלויפֿט פֿון שלאַכט־פֿעלד, נאָר, כּדי צו פֿאַרטויבן אין זיך די חרפּה, לאַכט ער אויס די מלחמה מיט דער טאַפּערקייט. דער ציניזם פֿאַרטייבט דעם שמערץ. אין דאָסטאָיעווסקיס אַ געוויסן ווערק טרעט אַ זקן מיט די פֿיס דאָס בילד פֿון זיין געליבטער טאָכטער, מחמת ער איז קעגן איר אומגערעכט, און איר לאַכט־אויס העסלעך און באַנאַל אידעען פֿון גוטס און אמת, ווייל איר זענט שוין נישט בכּח זיך אומצוקערן צו זיי. איטלעכע אויפֿריכטיקע און אמתדיקע אָנצוהערעניש אויף אייער געפֿאַלנקייט איז אייך שרעקלעך, און איר רינגלט זיך אומישנע אַרום מיט אַזעלכע מענטשן, וועלכע קענען בלויז אונטערחנפֿענען אייערע שוואַכקייטן און נישט אומזיסט, נישט אומזיסט האָט איר אַזוי מורא פֿאַר טרערן".

„אגב, אייער באַציִונג צו פֿרויען. אומפֿאַרשעמטקייט האָבן מיר געירשנט צוזאַמען מיטן פֿלייש און בלוט, און מיר זענען אין אומפֿאַרשעמטקייט דערצויגן, אָבער דערויף זענען מיר דאָך מענטשן, אַז מיר זאָלן אין זיך מנצח זיין די חיה. צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג, ווען אייך זענען באַקאַנט געוואָרן אַ ל ע אידעען, האָט איר נישט געקענט נישט דערזען דעם אמת; איר האָט אים געוואוסט, אָבער איר זענט נישט נאָך אים געגאַנגען, נאָר האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אים. און כּדי אָפּצונאַרן דאָס אייגענע געוויסן, האָט איר אָנגעהויבן הויך זיך איינצורעדן, אַז נישט איר זענט שולדיק, נאָר די פֿרוי גופֿא, אַז זי איז פּונקט אַזוי נידעריק, ווי אייער באַציִונג צו איר. אָדער די קאַלטע, ציניש אַנעקדאָטן, דאָס פֿערדישע געלעכטער, אַלע אייערע אומציילבאַרע טעאָריעס וועגן תּמצית, וועגן די אומבאַשטימטע פֿאָדערונגען צו דער חתונה, וועגן די צען סאַנטים, וואָס אַ פֿראַנצויזישער אַרבעטער צאָלט אַ פֿרוי, אייער אייביק פֿאַררופֿן זיך אויף ווייבערישער לאָגיק, פֿאַלשקייט, שוואַכקייט א. אַ. וו. — צי ווייזט דען דאָס אַלץ נישט אָן אויף דעם פֿאַרלאַנג פֿאַר יעדן פּרייז צוצובייגן די פֿרוי נידעריק צום שמוץ, כּדי זי און אייער באַציִונג צו איר זאָלן שטיין אויף איין מדרגה! איר זענט אַ שוואַכער

אומגליקלעכער, אומסימפּאַטישער מענטש".

אין גאַסטצימער האָט זינאַידאַ פּעדאָראָוונאַ אויפגעשפּילט אויפן קלאַוויר, פלייסנדיק זיך צו דערמאַנען די קאָמפּאָזיציע פון סען-סאַנסן, וועלכע גרוזין האָט געשפּילט. איך בין צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגע-לייגט אויפן געלעגער, נאָר, דערמאַנענדיק זיך, אַז איך דאַרף שוין אַוועקגיין, האָב איך זיך אויפגעהויבן מיטן גאַנצן כּוח און מיט אַ שווערן הייסן קאָפּ בין איך ווידער צוריקגעגאַנגען צום טיש.

„אָבער אָט איז די פראַגע, — האָב איך פאַרגעזעצט, — פאַרוואָס זענען מיר מיד געוואָרן? פאַרוואָס אין אָנהייב אַזעלכע ליידנשאַפטלעכע, דרייסטע, איידעלע, גלויביקע, ווערן מיר בּאַ 30-35 יאָר פולשטענדיקע באַנקראָטן? פאַרוואָס גייט איינער אויס אין שווינדזוכט, דער אַנדערער זעצט זיך אַריין אַ קויל אין קאָפּ, דער דריטער זוכט פאַרגעסונג אין בראָנפן, אין קאָרטן, דער פערטער, בכדי צו פאַרטרייבן די שרעק און אומעט, טרעט ער ציניש מיט די פיס דאָס בילד פון זיין ריינער, הערלעכער יוגנט? פאַרוואָס — איינמאָל געפאַלן, באַמיען מיר זיך נישט אויפצוהייבן מער און ווען מיר פאַרלירן איינס, זוכן מיר נישט קיין אַנ-דערס? פאַרוואָס?"

„איר האָט נאָך פאַר זיך לאַנגע יאָרן, און איך וועל, מסתמא, אויך נישט שטאַרבן אַזוי גיך, ווי ס'דאַכט זיך. וואָס וואָלט דען אויס-געמאַכט, ווען די קעגנוואַרט זאָל זיך על פּי נס אַרויסווייזן פאַר אַ חלום, פאַר אַ שרעקלעכן קאָשמאַר, און מיר זאָלן זיך אויפהייבן באַנייטע, ריינע, קרעפטיקע, שטאָלצע פון דעם אייגענעם אמת?... זיסע דמיונות ברע-נען מיך, און איך עטעם קוים פון אויפרעגונג: מיר ווילט זיך מוראדיק לעבן, מיר ווילט זיך, אַז אונזער לעבן זאָל זיין הייליק, הויך און פיי-ערלעך, ווי דער רקיע השמים. לאָמיר לעבן! די זון גייט נישט אויף צוויי מאָל אין טאָג און דאָס לעבן ווערט נישט געגעבן צוויי מאָל, — קלאַמערט-זשע זיך פעסט אָן די רעשטלעך פון אייער לעבן און ראַטע-וועט זיי"...

מער האָב איך נישט אָנגעשריבן קיין איין וואָרט. אין קאָפּ זענען געווען אַ סך געדאַנקען, אָבער זיי זענען אַלע צעשוואומען געוואָרן און האָבן זיך נישט איינגעפּאַסט אין שורות. נישט פאַרענדיקט דעם בריוו, האָב איך אונטערגעשריבן מיין טיטל, דעם נאָמען און פאַמיליע און

אריינגעגאַנגען אין קאַבינעט. ס'איז געווען פינצטער, איך האָב אָנגע־טאַפּט דעם טיש און אַוועקגעלייגט דעם בריוו, ווייזט אויס, אַז אינדער־פינצטער האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אָן מעבל און אָנגעמאַכט אַ גע־רויש.

וועד איז דאָרט ? — האָט זיך דערהערט אַן איבערגעשראָקן קול פון גאַסטצימער.

און באַלד האָט דער זייגער אויפן טיש אויסגעשלאָגן איינס בא־נאַכט.

XIII.

מינדסטנס אַ האַלבע מינוט האָב איך אינדערפינצטער געגראַבלט און געטאַפּט די טיר, נאָכדעם האָב איך זי לאַנגזאַם געעפנט און אַריינ־געגאַנגען אין גאַסטצימער. זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ איז געלעגן אויף דער סאָפע און, אויפהייבנדיק זיך אויפן עלנבויגן, האָט זי מיר אַקיינגעקוקט. נישט קענענדיק זיך דעצידירן אָנצוהייבן רעדן, בין איך פּאַמעלעך פאַר־בייגעגאַנגען פאַר איר, און זי האָט מיך באַגלייט מיטן בליק. איך בין געשטאַנען אַ ווייַלע אין זאַל און בין ווידער פאַרבייגעגאַנגען, און זי האָט אויף מיר אַ קוק געטון אויפמערקזאַם און מיט שטוינונג, זאָגאַר מיט שרעק. ענדלעך האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעזאָגט מיטן גאַנצן פּוח :

— ער וועט זיך נישט אומקערן !

זי איז שנעל אויפגעשטאַנען אויף די פיס און געקוקט אויף מיר, נישט פאַרשטייענדיק.

— ער וועט זיך נישט אומקערן ! — האָב איך איבערגעחזרט און דאָס האַרץ האָט באַ מיר אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. — ער וועט נישט צוריקקומען. וואָרים ער איז נישט אַוועקגעפאָרן פון פעטערבורג. ער האַלט זיך אויף באַ פּיעקאַרסקין.

זי האָט פאַרשטאַנען און מיר געגלייבט, — איך האָב דאָס געזען

אין איר ראַפּטעמדיקן בלאַס-ווערן און דערין, ווי זי האָט מיט שרעק און תפילה פלוצלינג צונויפגעקרייצט די הענט אויף דער ברוסט. אין אַן אויגנ-בליק האָט אין איר זכרון דורכגעשוועבט איר נישט ווייטער עבר, זי האָט משיג געווען און מיט רחמנותלאָזער קלאָרקייט דערזען דעם גאַנצן אמת, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך דערמאַנט, אַז איך בין אַ לאַקיי, אַ נידעריקער באַשעפעניש... אַ שלעפּער מיט צעקאָשמעטע האָר, מיט אַ רויט פּנים פון היץ, אפשר אַ שיכורער, אָנגעטון אין עפּעס אַ מין געמיינעם פּאַלטן, האָט זיך גראָב אַריינגעמישט אין איר אינטים לעבן, און דאָס האָט זי באַליידיקט. זי האָט מיר שטרענג אַ זאָג גע-טון:

— מען פרעגט אייך נישט, גייט אַרויס פונדאַנען.

— אָ, גלייבט מיר! — האָב איך געזאָגט מיט עקזאַלטאַציע, אויס-שטרעקנדיק צו איר די האַנט. — איך בין נישט קיין לאַקיי, איך בין פּונקט אַזאַ פרייער מענטש, ווי איר!

איך האָב אָנגערופן מיין נאָמען און שנעל, שנעל, כּדי זי זאָל מיר נישט איבערשלאָגן און נישט אַוועקגיין צו זיך אין צימער, דערקלערט, ווער איך בין און נאָכוואָס איך האַלט מיך דאָ אויף. דידאַזיקע נייע אַנט-דעקונג האָט זי איבעראַשט שטאַרקער, ווי די ערשטע. זי האָט פריער נאָך אַלץ געהאַט אַ געוויסע האָפענונג, אַז דער לאַקיי האָט געזאָגט אַ ליגנט אָדער ער האָט זיך טועה געווען אָדער געזאָגט אַ נאַרישקייט, איצט אָבער, נאָך מיין דערקלערונג, זענען באַ איר נישט פאַרבליבן קיין שום ספקות. לויטן אויסדרוק פון אירע אומגליקלעכע אויגן און פּנים, וועל-כעס איז פלוצלינג געוואָרן נישט שיין, וואָרים ס'איז אַלט געוואָרן און ס'האָט אַנגעוואוירן די צאַרטקייט, האָב איך געזען, אַז ס'איז איר אומ-פאַרטראָגלעך שווער, אַז נישט צום גוטן האָב איך אָנגעהויבן דעמדאָזיקן געשפרעך. אָבער איך האָב מיט עקזאַלטאַציע גערעדט ווייטער:

— דער סענאַטאָר און די רעוויזיע זענען אויסגעטראַכט געוואָרן, כּדי אייך אָפּצונאַרן. אין חודש יאַנואַר איז ער פּונקט, ווי אַצינד, אין ערגעץ נישט אַוועקגעפאָרן, נאָר האָט געוואוינט באַ פּיעקאַרסקין, און איך האָב זיך יעדן טאָג מיט אים געזען און אָנטייל גענומען אינעם שווינדל. מען האָט זיך מיט אייך געקוועלט, מען האָט אייך דאָ נישט געוואָלט האָבן, מען האָט פון אייך אָפּגעלאַכט... ווען איך וואָלט געווען געקענט

אונטערהערן, ווי ער און זיינע פריינד האָבן דאָ חוזק געמאַכט אויס אייך און אייער ליבע, וואָלט איר נישט פאַרבליבן דאָ קיין איין מינוט! אַנט־לויפט פונדאַנען! אַנטלויפט!

— נו וואָס־זשע? — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערדיק קול און אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער די האָר. — נו, וואָס־זשע? לאָז זיין!

אירע אויגן זענען געווען פול מיט טרערן, די ליפן האָבן געציטערט און דאָס גאַנצע פּנים איז געווען איבערראַשנד בלאַס און האָט געאָטעמט מיט צאָרן. אָרלאָווס גראָבע, קליינלעכע ליגנט האָט זי אויפגע־בראַכט און האָט איר אויסגעוויזן שענדלעך, לעכערלעך; זי האָט גע־שמייכלט און מיר איז נישט געפעלן דערדאָזיקער שמייכל אי־רער.

— נו, וואָס־זשע? — האָט זי איבערגעחזרט און אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער די האָר. — לאָז זיין. ער שטעלט זיך פאָר, אַז איך וועל שטאַרבן פון דערנידערונג, און מיר איז עס... קאָמיש, אומזיסט באַהאַלט ער זיך. — זי איז אַוועקגעגאַנגען פון פאַרטעפּיאַן און האָט געזאָגט, אַ קוועטש טוענדיק מיט די פּלייצעס: — אומזיסט... ס'וואָלט געווען אַ סך פשוטער דורכצורעדן זיך, ווי באַהאַלטן זיך און אַרומוואַלגערן זיך איבער פרעמדע דירות. איר האָב אויגן, כ'האָב אַליין שוין לאַנג געזען... און האָב נאָר געוואַרט אויף זיין צוריקקומען, כדי ענדגילטיק זיך דורכצו־רעדן.

נאָכדעם האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אין אַ פאָטעל לעבן טיש, אָנ־געשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן זייט־אָנלען פון דער סאָפע און זיך ביטער צעוויינט. אין גאַסטצימער האָט געברענט נאָר איין ליכט אינעם קאַנדעליאַ־בער, און אַרום די פאָטעלן, וואו זי איז געזעסן, איז געווען טונקל, נאָר איך האָב געזען, ווי ס'האָט בײַ איר געציטערט דער קאָפּ און די אַקסלען און ווי די האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון דער פריזור, האָבן באַדעקט דעם האַלדז, דאָס פּנים, די הענט... אין איר שטילן, גלייכמעסיקן געוויין, אין דעם נישט היסטערישן געוויינטלעכן פרויען־געוויין האָט זיך געהערט באַליידיקונג, דערנידעריקטער שטאָלץ, באַעוולטקייט און אַ מין אויסגאַנגלאָזיקייט און האָפנונגסלאָזיקייט, וועלכע ס'איז שוין נישט מעגלעך צו פאַרריכטן און צו וואָס ס'איז נישט מעגלעך

זיך צוצוגעוויינען. איר געוויין האָט אין מיין אויפגערעגטער, ליידנדיקער נשמה אַרויסגערופן אַן אָפּקלאַנג; איך האָב שוין פאַרגעסן אָן מיין קראַנק־הייט און וועגן אַלץ אין דער וועלט, בין אַרומגעגאַנגען איבערן גאַסט־צימער און פאַרלוירן געמורמלט:

— וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ לעבן?... אָ, מען טאָר אַזוי נישט לעבן! מען טאָר נישט! דאָס איז — אַ משוגעת, אַ פאַרברעך, און נישט קיין לעבן!

— סאַראַ דערנידערונג, — האָט זי געגרעדט דורכן געוויין. — לעבן איינציינעם... שמייכלען צו מיר אין דער צייט, ווען איך בין איס צו לאַסט און בין אים קאָמיש... אָ, סאַראַ דערנידערונג.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און, קוקנדיק אויף מיר מיט פאַר־וויינטע אויגן דורך די האָר, נאַסע פון טרערן, און פאַררוכטנדיק דידאָ־זיקע האָר, וואָס האָבן איר געשטערט צו קוקן אויף מיר, האָט זי גע־פרעגט:

— זיי האָבן אָפּגעלאַכט?

— פאַר דידאָזיקע מענטשן איז לעכערלעך געווען סיי איר, סיי אייער ליבע, סיי טורגעניעוו, מיט וועלכן איר האָט זיך כּלומרשט אָנגע־לייענט, און ווען מיר ביידע וועלן אַצינד אַוועקשטאַרבן פון פאַרצווייפלונג, וועט דאָס אויך פאַר זיי זיין לעכערלעך. זיי וועלן פאַרפאַסן אַ קאָמישן אַנעקדאָט און וועלן אים דערציילן אויף אייער הזכרת־נשמה. נאָר וואָס איז דאָ וועגן זיי צו רעדן? — האָב איך מיט אומגעדולד געזאָגט. — מען דאַרף אַנטלויפן פונדאַנען. איך קען דאָ נישט פאַרבלייבן לענגער קיין איין מינוט.

זי האָט זיך ווידער צעוויינט, און איך בין צוגעגאַנגען צום פאָר־טעפּיאַן און זיך אַנידערגעזעצט.

— וואָס־זשע וואַרטן מיר? — האָב איך געפרעגט דערשלאָגן. — ס'איז שוין דריי אַ זייגער.

— איך וואַרט אויף גאָרנישט, — האָט זי געזאָגט. — איך בין פאַרפאַלן!

— נאָכוואָס זאָלט איר אַזוי רעדן? לאָמיר בעסער באַקלערן צוזאַ־מען, וואָס מיר האָבן צו טון. סיי איך, סיי מיר איז שוין אוממעגלעך צו פאַרבלייבן דאָ... וואוהין האָט איר בדעה פונדאַנען צו פאָרן?

פלוצלינג האָט אין פאָרצימער זיך דערהערט אַ קלונג. באַ מיר האָט אַ פּיק געטון דאָס האַרץ. צי איז עס נישט צומאָל אָרלאָוו, פאַר וועלכן קוקושקין האָט זיך אויף מיר פאַרקלאָגט? ווי אַזוי וועלן מיר אים באַגעגענען? איך בין געגאַנגען עפענען. ס׳איז געווען פּאָליאַ, זי איז אַריינגעקומען, האָט אָפּגעשאָקלט אין פאָרצימער דעם שניי פון איר בורבוס און, נישט אויסרעדנדיק צו מיר קיין וואָרט, איז זי צוועק צו זיך. ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין גאַסטצימער, איז זינאַידאַ פעדאָראָווינאַ, בלייך, ווי אַ מת, געשטאַנען אינמיטן צימער און האָט מיט גרויסע אויגן געקוקט מיר אַקייגן.

— ווער איז עס געקומען? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— פּאָליאַ, — האָב איך געענטפערט.

זי האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער די האָר און פון אָנמאַכט צוגעמאַכט די אויגן.

— איך וועל באַלד אַוועקפאָרן פונדאַנען, — האָט זי געזאָגט — איר וועט זיין אַזוי גוט און מיך באַגלייטן אויף פּעטערבורגער קוואַרטאַל. ווי שפּעט איז איצט?

— דריי פערטל אויף דריי.

XIV.

ווען מיר זענען, אין אַ ווײַלע אַרום, אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, איז אויף דער גאַס געווען פינסטער און פּוסט. ס׳איז געגאַנגען אַ נאַסער רעגן און אַ פייכטער ווינט האָט געשמיסן איבערן פּנים. כ׳געדענק, ס׳איז דעמאָלט געווען אָנהויב מערץ, שוין עטלעכע טעג איז געשטאַנען אַ לינדע וועטער און מען איז געפאָרן אויף רעדער. אונטערן איינדרוק פון די הינטערשטע שטיגן, פון דער קעלט, נאַכטיקער פינסטערניש און דעם באַפּעלצטן הויזוועכטער, וועלכער האָט אונז חוקר ודורש געווען, איידער ער האָט אונז אַרויסגעלאָזט פון טויער, איז זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אָפּגעפאַלן פון מוט. ווען מיר האָבן

זיך אַריינגעזעצט אין אַ קאַטש און זיך פאַרשטעלט מיט דער בויד, האָט זי, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, געשווינד אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, ווי זי איז מיר דאַנקבאַר.

— איך צווייפל נישט אין אייער גוטווינשעוודיקייט, נאָר מיר איז אַ בושה, וואָס איר באַומרויקט זיך... — האָט זי געמורמלט. — אָ, איך פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי... בשעת גרוזין איז היינט געווען, האָב איך געפילט, אַז ער זאָגט ליגנט, און באַהאַלט עפּעס פאַר מיר. נו מילא, לאָז זיין. נאָר, פונדעסטוועגן, אַרט מיך, וואָס איר באַומרויקט זיך אַזוי.

זי האָט נאָך אַלץ געהאַט ספקות. כדי ענדגילטיק צו פאַרטרייבן זיי, האָב איך געהייסן דעם דראָזשקאַזש פאָרן דורך סערגעיעווסקע און זיך אָפּשטעלן בײַ פּיעקאַרסקיס וואוינונג. ווען די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, בין איך אַראָפּגעגאַנגען און האָב אָנגעקלונגען אין פּראָנטגאַנג. ס'איז אַרויסגעקומען דער שווייצער — און איך האָב געפרעגט הויך, — כדי זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ זאָל קענען הערן, — צי געאָרגי איוואַניטש איז דאָ אין שטוב.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט. — בערך אַ האַלבע שעה, אַז ער איז געקומען צו פאָרן. מסתמא, שלאָפט ער שוין. און וואָס האָסטו געדאַרפט?

זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ האָט נישט אויסגעהאַלטן און זיך אַרויסגעבויגן פון דער קאַטש.

— שוין לאַנג וואוינט דאָ געאָרגי איוואַניטש? — האָט זי געפרעגט.

— שוין די דריטע וואָך.

— און איז אין ערגעץ נישט אַרויסגעפאָרן די גאַנצע צייט?

— אין ערגעץ, — האָט געענטפערט דער שווייצער און מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטון אויף מיר.

— גיב אים איבער מאָרגן באַלד אינדערפרי, — האָב איך געזאָגט, — אַז ס'איז צו אים געקומען אַ שוועסטער פון ווארשע. זיי געזונט.

נאָכדעם זענען מיר אַוועקגעפאָרן ווייטער. אינם פאַיעטאָן איז נישט געווען קיין פאַרטוך און דער שניי איז געפאַלן אויף אונז פּלאַכעס ווייז, און דער ווינט, באַזונדער אויף דער ניעוואַ, האָט אונז דורכגענו-

מען די ביינער. מיר האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז מיר פאָרן שוין גאָר לאַנג, ליידן שוין לאַנג, און שוין לאַנג הער איך, ווי ס'ציטערט באַ זינאַידאַ פעדאָראָוונען דער אָטעם. איך האָב אויף אַ מאָמענט, אין אַ מין האַלב-וויזיאָנערישן, ממש איינדרימלדיקן צושטאַנד, געוואָרפן אַ בליק אויף מיין משונהדיק, אומזיניק לעבן, און מיר האָט זיך איבער עפּעס דערמאַנט די מעלאָדראַמע פּ אַ ר י ז ע ר ב ע ט ל ע ר, וועלכע איך האָב אַ מאָל צוויי געזען אין מיין קינדהייט. און ווען איך האָב, כדי זיך צו צעשטרייען פון דעמדאָזיקן צושטאַנד, אַרויסגעקוקט פון אונטער דער בויד און דערזען דעם באַגינען, האָבן אַלע בילדער פונם עבר, אַלע געפּלדיקע געדאַנקען זיך פּלוצלינג צונויפגעגאָסן באַ מיר אין איין דייטלעכער, פעסטער מחשבה: איך און זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ זענען פאַרלוירן אויף אייביק. דאָס איז געווען אַ זיכערקייט, פונקט ווי דער בלויער, קאַלטער הימל וואָלט כלומרשט אַנטהאַלטן אין זיך אַ נבואה, אָבער אין אַן אויגנבליק אַרום האָב איך שוין געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש און געגלייבט אין עפּעס אַנדערש.

— וואָס-זשע בין איך אַצינד? — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ גערעדט מיט אַ הייזעריק קול פון דער קעלט און נאַסקייט. — וואוהין קען איך גיין, וואָס קען איך טון? גרוזין האָט געזאָגט: גייט אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר. אָ, איך וואָלט געגאַנגען, איך וואָלט געענדערט די קליידונג, מיין פנים, דעם נאָמען, די געדאַנקען... אַלץ, אַלץ און וואָלט זיך באַהאַלטן לעולם-ועד. נאָר מען וועט מיך נישט אַריינלאָזן אין קיין מאָנאַסטיר. איך בין מעוברת.

— מיר וועלן מאָרגןביידע אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, — האָב איך געזאָגט.

— דאָס איז נישט מעגלעך. דער מאַן וועט מיר נישט געבן קיין פּאַספּאָרט.

— איך וועל אייך דורכפירן אָן אַ פּאַספּאָרט.

דער דראָזשקאַרזש האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ צוויי-שטאָקיק הילצערן הויז, וואָס איז אָפּגעפאַרבט געווען מיט אַ טונקעלער פאַרב. איך האָב אָנגעקלונגען. צונעמענדיק באַ מיר דאָס קליינע, לייכטע קיישל, — דעם איינציקן באַגאַזש, וועלכן מיר האָבן גענומען מיט זיך, — האָט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ עפּעס אַזאַ זויערן שמייכל געטון און געזאָגט:

— דאָס איז מיין ביזשוטעריע...

נאָר זי איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געווען, אַז זי איז נישט געווען אין שטאַנד צו האַלטן דידאַזיקע ביזשוטעריע. מען האָט אונז לאַנג נישט גע־עפנט. נאָכן דריטן אָדער פערטן קלונג האָט אין די פענסטער אַ בלישטש געטון אַ שיין, און ס׳האָבן זיך דערהערט טריט, אַ הוסט, אַ פליסטער; ענדלעך, האָט אַ בראַזג געטון דער שלאָס און אין דער טיר האָט זיך באַ־וויזן אַ דיקע באַבע מיט אַ רויט, איבערגעשראָקן פּנים. הינטער איר, אַ ביסל אָפּגערוקט, איז געשטאַנען אַ קליינינקע דאַרינקע אַלטיטשקע מיט געשווירענע גראָע האָר אין אַ ווייס יאַקעלע און מיט אַ ליכט אין דער האַנט. זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ איז אַריינגעלאָפן אין פאָרצימער און זיך געוואָרפן צו דערדאָזיקער אַלטיטשקער אויפן האַלז.

— נינאַ, איך בין אָפּגענאַרט! — האָט זי הויך אַרויסגעיאָמערט. — איך בין אָפּגענאַרט ברוטאַל, העסלעך! נינאַ, נינאַ!

איך האָב אַוועקגעגעבן דער באַבע דאָס קיישל. די טיר האָט מען צוגעמאַכט, אָבער ס׳האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דער יאָמער און געשריי: „נינאַ!”. איך בין אויפגעזעסן אויפן פאַיטאָן און האָב געהייסן דעם דראָזשקאַזש פאָרן נישט געאיילט צו ניעווסקי. מען האָט באַדאַרפט אַ קלער טון וועגן אַן אייגענעם נאַכט־לעגער אויך.

אויפן צווייטן טאָג, פאַרנאַכט, בין איך געווען באַ זינאַידאַ פעדאָ־ראָוונען. זי האָט זיך שטאַרק געענדערט. אויף איר בלאַסן, שטאַרק אָפּ־געצערטן פּנים איז שוין נישט געווען אפילו קיין שפּור פון טרערן, און דער אויסדרוק איז באַ איר אויך געווען אַן אַנדערער. איך ווייס נישט, צי דערפאַר, וואָס איך האָב זי געזעען אַצינד אין אַן אַנדער מעמד, גאָרנישט קיין לוקסוסדיקן, און וואָס אונזערע באַציונגען זענען שוין געווען אַנדערע, אָדער, אפשר, האָט גאָר דער שטאַרקער צער שוין אַרויפגעלייגט אויף איר זיין חתימה, נאָר זי האָט אַצינד נישט אויסגע־זעען אַזוי גאַלאַנט און פאַראַדנע, ווי תמיד: די פיגור איז באַ איר גע־וואָרן אַזוי ווי קלענער, אין די באַוועגונגען, אינם גאַנג, אין איר פּנים האָב איך באַמערקט אַן איבערמעסיקע נערוועישקייט, האַסטיקייט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געאיילט, און ס׳איז נישט געווען די פריערדיקע ווייכקייט אפילו אין איר שמייכל. איך בין געווען אַצינד אָנגעטון אין אַ טייערן אַנצוג, וועלכן איך האָב זיך געקויפט באַטאָג. זי האָט קודם כל געוואָרפן

אַ בליק אויף דעמדאָזיקן אָנצוג און דעם קאַפּעלוש אין מײַן האַנט, נאָכדעם האָט זי אָפּגעשטעלט אַן אומגעדולדיקן, פאָרשנדיקן בליק אויף מײַן פּנים, אַזוי ווי זי וואָלט עס שטודירט.

— אײַער פאַרוואַנדלונג ווײַזט זיך מיר נאָך אַלץ אויס ווי עפּעס אַ מופת, — האָט זי געזאָגט. — אַנטשולדיקט, וואָס איך באַטראַכט אײַך מיט אַזאַ נײַגעריקייט. איר זענט דאָך אַן אומגעווײנטלעכער מענטש.

איך האָב איר דערציילט נאָכאַמאָל, ווער איך בין און נאָכוואָס איך האָב זיך אויפגעהאַלטן באַ אָרלאָוון, און האָב עס דערציילט לענגער און אויספירלעכער, ווי נעכטן. זי האָט מיך געהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און, נישט לאָזנדיק מיך ענדיקן, האָט זי אַ זאָג געטון:

— דאָרטן האָב איך שוין אַלץ פאַרענדיקט. איר ווייסט, איך האָב זיך נישט אײַנגעהאַלטן און אָנגעשריבן אַ בריוו. אָט איז דער ענטפער.

אויפן בײגעלע, וואָס זי האָט מיר דערלאַנגט, איז מיט אָרלאָווס האַנטשריפט געווען אָנגעשריבן: „איך האָב נישט בדעה זיך צו פאַרענטפערן, אָבער איר דאַרפט מסכּים זײַן: אַ טעות געהאַט האָט איר, נישט איך. איך ווינטש אײַך גליק און בעט וואָס גיכער צו פאַרגעסן דעם אײַך אַכטנדיקן ג. אָ.

„פּ. ס. איך שיק אײַערע זאַכן”.

די קופערטן אין קוישן, וועלכע אָרלאָוו האָט צוגעשיקט, זענען געשטאַנען טאַקע דאָ אין גאַסטצימער און צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען מײַן נעבעכדיקע וואַליזקע.

— הייסט עס... — האָט זינאַידאַ פעדאָראָווגאַ אָנגעהויבן און נישט דערזאָגט.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. זי האָט גענומען דאָס צעטעלע און אַ מינוט צוויי עס געהאַלטן פאַר די אויגן, און אין דער צײַט האָט איר פּנים אָנגענומען דעמזעלבן גדלותדיקן, פאַראַכטנדיקן און שטאָלצן האַרטן אויסדרוק, וועלכן זי האָט געהאַט נעכטן אין אָנהויב פון אונזער דערקלערונג; אין אירע אויגן זענען אָנגעקומען טרערן, נישט קיין אָפּהענטיקע, נישט קיין ביטערע, נאָר שטאָלצע, בייזע טרערן.

— הערט, — האָט זי געזאָגט, האַסטיק זיך אויפהייבנדיק און צו-

גייענדיק צום פענצטער, כדי איך זאָל נישט זעען איר פּנים. — איך האָב אַזוי באַשלאָסן: מאָרגן פאַר איך מיט אייך קיין אויסלאַנד.

— איז אויסגעצייכנט. איך בין גרייט צו פאָרן כאָטש היינט.

— ווערבירט מיך. איר האָט געלייענט באַלזאַקן? — האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג געטון, אויסדרייענדיק זיך. — איר האָט געלייענט? זיין ראָמאַן Père Coriot ענדיקט זיך דערמיט, וואָס דער העלד קוקט אַראָפּ פון אַ שפּיץ־באַרג אויף פּאַריז און דראָט דערדאָזיקער שטאָט: „אַצינד וועלן מיר זיך אָפּרעכענען!" — און נאָכדעם הייבט ער אָן אַ ניי לעבן. אַזוי בין איך אַצינד; ווען איך וועל פון וואַגאָן אַ קוק טון צום לעצטן מאָל אויף פּעטערבורג, וועל איך אים זאָגן: „אַצינד וועלן מיר זיך אָפּרעכענען!" און, זאָגנדיק דאָס, האָט זי אַ שמייכל געטון אויפן דאָזיקן וויץ אירן און איבער עפּעס אויפגעשוידערט מיטן גאַנצן קערפּער.

XV.

אין ווענעדיק האָבן זיך באַ מיר אָנגעהויבן פּלעווריט־שמערצן. איך האָב, וואָרשיינלעך, זיך פאַרקילט אינם אָוונט, ווען מיר זענען געשוואומען פון וואָקזאַל צום האָטעל באַוער. ס'איז מיר אויסגעקומען באַלד אין ערשטן טאָג אַריינלייגן זיך אין בעט און אָפּליגן אַ צוויי וואָכן. יעדן פרימאָרגן, כל זמן איך בין קראַנק געווען, פלעגט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ אַריינקומען צו מיר פון איר נומער, כדי צוזאַמען צו טרינקען קאַווע, און נאָכדעם האָט זי מיר געלייענט אויפן קול פראַנצויזישע און רוסישע ביכער, וועלכע מיר האָבן אָנגעקויפט אַ סך אין ווין. דידאָזיקע ביכער זענען מיר געווען שוין לאַנג באַקאַנט, אָדער גאָר נישט אינטערעסאַנט, נאָר לעבן מיר האָט געקלונגען אַ ליב, גוט קול, אַזוי אַז אינגאַנצן האָט דער אינהאַלט פון זיי אַלע זיך צוגעפגעגאָסן אַ מיר אין איינס: איך בין נישט איינזאַם. זי פלעגט אַוועקגיין שפּאַצירן, זיך אומקערן אין איר העל־גרויען קלייד, אין דעם לייכטן שטרויע־

נעם הוט, אַ פרייל̈עכע, אַ דערהיצטע פון דער פרילינג=זון, און אַנידער=זעצנדיק זיך באַם געלעגער, איינבייגנדיק זיך נידעריק צו מיין פנים, האָט זי דערציילט עפּעס וועגן ווענעדיק, אָדער געלייענט דידאָזיקע בי=כער — און מיר איז גוט געווען.

באַנאַכט איז מיר געווען קאַלט, לאַנגווייליק און כ'האָב געהאַט יסורים, אָבער באַטאָג האָב איך זיך אָנגעקוויקט מיטן לעבן, — קיין בע=סערן אויסדרוק קען איך נישט געפינען. די העלע, הייסע זון, וואָס רייסט זיך אַריין דורך די אָפענע פענסטער און באַלקאָן=טיר, די געשרייען אונטן, דער פּליעסק פון די וויאָסלעס, דער געקלאַנג פון די גלע=קער, דער קנאַלנדיקער האַרמאַטן=דונער אינמיטן טאָג און דאָס געפיל פון פולער פרייהייט האָבן געשאַפן איבער מיר וואונדער; איך האָב געפילט אויף מיינע זייטן שטאַרקע, ברייטע פליגל, וועלכע האָבן מיך אַוועקגעטראָגן גאָט ווייסט וואוהין. און וואָס פאַר אַ רייץ, סאַראַ פרייד האָב איך טיילמאָל געהאַט פונם געדאַנק, אַז באַנאַנד מיט מיין לעבן גייט אַצינד אַ צווייט לעבן, אַז איך בין אַ דינער, אַ וועכטער, אַ פריינד, אַ נויטווענדיקער באַגלייטער פון אַ יונגן, שיינעם און רייכן — נאָר שוואַכן, באַליידיקטן, עלנטן — וועזן. אפילו קרענקען איז אָנגענעם, ווען דו ווייסט, אַז ס'זענען דאָ מענטשן, וואָס דערוואַרטן דיין געזונט=ווערן ווי אַ יום=טוב. איינמאָל האָב איך געהערט, ווי זי האָט הינטער דער טיר שטיל גערעדט מיט מיין דאָקטאָר, און נאָכדעם איז זי אַריינגעקומען צו מיר מיט פאַרוויינטע אויגן, — דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן — נאָר איך בין געווען גערירט און ס'איז מיר געוואָרן אומגעוויינטלעך גרינג אויף דער נשמה.

נאָר אָט האָט מען מיר דערלויבט אַרויסצוגיין אויפן באַלקאָן. די זון און דאָס לייכטע ווינטל פון ים צערטלען און לאַשטשען מיין קראַנקן קערפּער. איך קוק אַראָפּ אונטן אויף די אַלע באַקאַנטע גאָנדאָלן, וועל=כע שווימען מיט אַ פרויישער גראַציע, לייכט און מאַיעסטעטיש, אַזוי ווי זיי וואָלטן געלעבט און געפילט די גאַנצע פראַכט פון דערדאָזיקער זַרי=גינעלער, רייצנדיקער קולטור. ס'שמעקט מיט ים. ערגעץ שפּילט מען אויף סטרונעס און מען זינגט אין צוויי שטימען. ווי גוט! ווי נישט ענ=לעך צו יענער פעטערבורגער נאַכט, ווען ס'איז געגאַנגען אַ נאַסער שניי און האָט אַזוי גראָב געשלאָגן איבערן פנים! אָט, ווען מען גיט

אַ קוק גלייך איבערן קאַנאַל, זעט מען דעם ים-ברעג און אויפן האָריזאָנט איבם חלל שווינדלט די זון איבערן וואַסער אַזוי העל, אַז ס'איז שווער צו קוקן. ס'ציט די נשמה אַהין, צום היימישן, גוטן ים, וועלכן איך האָב אַוועקגעגעבן מיין גאַנצע יוגנט. ס'ווילט זיך לעבן! לעבן און — מער גאָרנישט!

אין צוויי וואָכן אַרום האָב איך אָנגעהויבן צו גיין, וואו מיר האָט זיך געוואָלט. איך האָב ליב געהאַט צו זיצן אויף דער זון, הערן דעם גאָנדאָליער, נישט פאַרשטיין — און גאַנצע שעהן צו קוקן אויפן הייזל, וואו ס'וואוינט, ווי מען זאָגט, דעזדעמאָנאַ, — אויף דעם נאַיוון טרויעריקן הייזל מיטן אומשולדיקן אויסדרוק, וועלכעס איז לייכט, ווי שפינוועבס, אַזוי לייכט, אַז ס'דאַכט זיך, מען קען עס מיט איין האַנט אַוועקרוקן פון אָרט. איך פלעג לאַנג אָפּשטיין בײַ דעם קאַנאָווען-קבר און האָב נישט אָפּגעריסן קיין אויג פונם טרויעריקן לייב. און אינם דאָזשענעם פּאַלאַץ האָט מיך אַלץ געלאָקט צו דעם ווינקל, וואו מען האָט פאַרשמירט מיט שוואַרצער פאַרב דעם אומגליקלעכן מאַרינאָ פאַליעראָ. ס'איז גוט צו זיין אַ קינסטלער, אַ פּאָעט, אַ דראַמאַטורג, — האָב איך געטראַכט, — נאָר אויב דאָס איז מיר נישט צוגעגלעך, איז לאָמיך זיך כאָטש אָפּגעבן דעם מיסטיציזם. אַך, צו דערדאָזיקער אומגעשטערטער רו און באַפרידיקונג, מיט וועלכער ס'פילט אָן די נשמה אפילו נאָר אַ ניצוץ פון אַ וואָסערן ס'איז גלויבן.

אינאָוונט האָבן מיר געגעסן אָסטריגעס, געטרונקען וויין, זיך געשיפט. איך געדענק, אונזער שוואַרצע גאָנדאָלע וויגט זיך שטיל אויף איין אָרט, אונטער איר פליושקעט קוים הערבאַר דאָס וואַסער. דאָ און דאָרטן ציטערן און וויגן זיך די אָפּשפיגלונגען פון די שטערן און די ברעג-פייערלעך. נישט ווייט פון אונז אין אַ גאָנדאָלע, באַהאָנגען מיט קאָלירטע לאַמטערנס, וואָס שפיגלען זיך אין וואַסער, זיצן מענטשן און זינגען. קלאַנגען פון גיטאַרעס, פידלען, מאַנדאָלינעס, שטימען פון מענער און פרויען לאָזן זיך הערן אין דער פינסטערניש. און זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, אַ בלאַסע, מיט אַן ערנסט, כמעט שטרענג פנים, זיצט לעבן מיר מיט פעסט צונויפגעדריקטע ליפּן און הענט. זי קלערט וועגן עפּעס און רירט נישט אַפילו מיט קיין ברעם, און הערט מיך נישט. דאָס פנים, די פּאָזע און דער אומבאַוועגלעכער, גאָרנישט אויסדריקנדיקער בליק,

מיט די אומנאַטירלעך מעלאַנכאָלישע, אומהיימלעכע און שניי־קאַלטע זכרונות, און אַרום — גאָנדאָלן, פייערן, מוזיק, געזאַנג, מיט אַן ענער־גישן ליידנשאַפטלעכן אויסגעשריי: „Jammo!... Jammo!..." — סאַרע לעבנס־קאָנטראַסטן.

ווען זי פלעגט זיצן אויף אַזאַ אופן, צונויפגעדריקט די הענט, אַ פאַר־שטיינערטע, אַ צערפּולע, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז מיר ביידע נעמען אָנטייל אין עפּעס אַ ראָמאַן פונם אַלטפראַנקישן שניט מיטן נאָמען: די אומגליקלעכע, די פאַרלאָזענע, אָדער עפּעס ענלעכס, מיר ביידע: זי — די אומגליקלעכע, אָוועקגעוואָרפענע, און איך — דער געטרייער, איבערגעגעבענער פריינד, דער טרוימער און, אויב מען וויל, דער איבעריקער מענטש, דער לא־יצלח, וואָס איז שוין נישט פּעיק אויף גאָרנישט, אַ חוץ צו הוסטן און פאַנטאַזירן, און, אפשר, נאָך זיך ברענ־גען פאַר אַ קרבן... אָבער ווער, ווער און וואָס זענען איצט בייטיק מיינע קרבנות? און מיט וואָס מקריב זיין, פרעגט זיך?

נאָכן אָוונט־שפּאַציר פלעגן מיר יעדעס מאָל טרינקען טיי אין איר נומער און שמועסן. מיר האָבן נישט מורא געהאַט אָנצורירן די אַלטע, נאָך נישט פאַרהיילטע וואונדן, — פאַרקערט, איך האָב איבער עפּעס גע־שפּירט זאַגאַר אַ פאַרגעניגן, ווען איך האָב איר דערציילט וועגן מיין לעבן באַ אָרלאָוון, אָדער כ׳האָב אָפנהאַרציק באַרירט די פאַרהעלטעניש, וועלכע זענען מיר באַוואוסט און האָבן נישט געקענט זיין פון מיר פאַר־באָרגן.

— מינוטנווייז האָב איך אייך געהאַסט, — האָב איך געזאָגט. — ווען ער פלעגט קאַפּריזעווען, אַראָפּנידערן צו אייך, זאָגן ליגנט, האָט מיך איבערראַשט, ווי אַזוי איר זעט דאָס אַלץ נישט, פאַרשטייט נישט, ווען אַלץ איז אַזוי קלאָר. איר קושט אים די הענט, שטייט אויף די קניען, חנפעט...

— ווען איך... האָב געקושט די הענט און בין געשטאַנען אויף די קניען, האָב איך געליבט... — האָט זי געזאָגט, רויט ווערנ־דיק.

— איז דען באמת געווען אַזוי שווער אים תופס צו זיין? נישט קיין שלעכטער ספינקס! אַ ספינקס — אַ קאַמער־יונקער! איך מאַך אייך נישט קיין שום פאָרוואורף, חס וחלילה, — האָב איך פאָרגעזעצט, שפּירנדיק,

אַז איך בין גראָבלעך, אַז איך פאַרמאָג נישט די געשליפנקייט און די סובטעלקייט, וואָס איז אַזוי נייטיק, בשעת דו האָסט צו טון מיט אַ פרעמדער נשמה; פריער ביז דער באַקאַנטשאַפט מיט איר, האָב איך נישט באַמערקט אין זיך דעמדאָזיקן חסרון. — אָבער ווי אַזוי האָט איר געקענט נישט משיג זיין? — האָב איך איבערגעחזרט, נאָר שוין שטילער און אומזיכער.

— איר ווילט זאָגן, אַז איר פאַראַכט מיין פאַרגאַנגענהייט, און איר זענט גערעכט, — האָט זי געזאָגט אין שטאַרקער אויפרעגונג. — איר געהערט צו אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע מען קען נישט מעסטן מיט דער געוויינטלעכער מאָס; אייערע מאָראַלישע פאָדערונגען צייכענען זיך אויס מיט אַן אויסנעמלעכער שטרענגקייט, און איך פאַרשטיי, איר קענט נישט מוחל זיין; איך פאַרשטיי אייך און, אויב איך אָפּאָניר אייך מאַנכעס מאָל, הייסט עס נישט, אַז איך קוק אַנדערש אויף די זאַכן, ווי איר; איך רעד די פריעדיקע זינלאָזיקייטן פשוט דערפאַר, וואָס איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו צערייסן מיינע אַלטע בגדים און פאָראורטיילן. איך אַליין האַס און פאַראַכט סיי מיין עבר, סיי אָרלאָוון, סיי מיין ליבע... וואָס פאַר אַ ליבע איז דאָס? אַציגד זעט מיר זאָגאַר אויס קאָמיש אַלצדינג, — האָט זי געזאָגט, צוגייענדיק צום פענסטער און אַראָפּקוקנדיק אונטן צום קאַנאַל. — די אַלע ליבעס פאַרנעפלען נאָר דאָס געוויסן און פירן אַראָפּ פון דרך הישר. דער זינען פון לעבן איז בלויז אין איינס — אין קאַמף. אַרויפטרעטן מיטן אָפּצאַס אויף דעם נידערטרעכטיקן שלאַנגען-קאָפּ, און אַז ער זאָל — קראַך! אָט אין וואָס באַשטייט דער זינען. אין דעם איינעם, אָדער ס'איז גאָר לחלוטין נישטאָ קיין זינען.

איך פלעג איר דערציילן לאַנגע געשיכטעס פון מיין פאַרגאַנגענהייט און שילדערן מיינע באמת סענסאַציאָנעלע פּאַסירונגען. נאָר וועגן דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיר, האָב איך זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט קיין איין וואָרט. זי פלעגט יעדעס מאָל מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט מיך האָרכן — און באַ די אינטערעסאַנטע ערטער רייבן די הענט, ווי פון פאַרדראָס, וואָס איר איז נאָך נישט געלונגען איבערצולעבן אַזעלכע געשעענישן, אַזוינע פחדים און פריידן, נאָר פּלוצלינג פלעגט זי זיך פאַרטראַכטן, פאַרטיפן אין זיך און כ'פלעג שוין

ערקעגען אין איר פּנים, אַז זי הערט מיך נישט.

איך האָב צוגעמאַכט די פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען צום קאַנאַל, און געפרעגט: אפשר איינהייצן דעם קאַמין?

— ניין, נישט נייטיק. ס'איז מיר נישט קאַלט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פלעגמאַטישן שמייכל, — איך בין נאָר אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איר ווייסט, מיר דאַכט זיך, אַז די לעצטע צייט בין איך גע־וואַלטיק קלוג געוואָרן. מיר פאַלן איצט איין אומגעווייַנטלעכע, אָריגינעלע געדאַנקען. ווען איך קלער, אַ שטייגער, וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן מיין דעמאָלטיקן לעבן... נו, בכלל, וועגן מענטשן, גיסט זיך אַלץ באַ מיר צונויף אין איינס — אין דעם בילד פון מיין שטיפמוטער. אַ ברוטאַלע, אַ חוצפּהדיקע, אַ געוויסנלאָזע, אַ פאַלשע, אַן אויסגעלאַסע־נע און דערצו נאָך אַ מאָרפיניסטקע. דער פאָטער, אַ שוואַכער און כאַ־ראַקטערלאָזער, האָט חתונה געהאַט מיט מיין מוטער צוליב געלט און זי אַריינגעטריבן אין שווינדזוכט, און אָט דאָסדאָזיקע צווייטע ווייב, מיין שטיפמוטער, האָט ער ליב געהאַט ליידנשאַפטלעך, וואַנזיניק... איך האָב זיך אָנגעליטן! מילא, וואָס איז דאָ צו רעדן! יאָ, בכן, זאָג איך, אַז אַלצדינג גיסט זיך צונויף אין איין בילד... און ס'פאַרדריסט מיך! נאָכ־וואָס איז די שטיפמאַמע געשטאָרבן? ס'וואָלט זיך מיר געגלוסט אַציגד צו טרעפן זיך מיט איר!...

— נאָכוואָס?

— אַזוי, כ'ווייס אַליין נישט... — האָט זי געענטפערט מיט אַ געלעכטער, שיין אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ. — אַ גוטע נאַכט. ווערט געזונט. אַזוי ווי איר וועט נאָר קומען צו זיך, וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיט אונזערע עסקים... שוין צייט...

און ווען איך האָב זיך שוין געהאַט געזעגנט און אָנגענומען די קליאַמקע פון דער טיר, האָט זי געזאָגט:

— ווי מיינט איר? פּאָליאַ איז נאָך דאָ באַ אים?

— מסתמא.

און איך בין אַוועקגעגאַנגען צו זיך. אָט אַזוי האָבן מיר דורכגע־לעבט אַ גאַנצן חודש. אין אַ געוויסן טריבן טאָג, ווען מיר ביידע זענען געשטאַנען באַם פענסטער אין מיין נומער און האָבן שווייגנדיק אַרויסגע־קוקט אויף די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט פון ים, און אויף דעם

בלוי געוואָרענעט קאַנאַל און געוואַרט, אַז באַלד וועט אָנהייבן פּלייצן אַ רעגן, און ווען אַ שמאָלער, געדיכטער רעגן־פּאַס האָט פלוצלינג פאַררעקט דעם ים־ברעג, איז אונז ביידע ראַפּטעם געוואָרן אומעטיק. אין דעם זעלבן טאָג זענען מיר אַוועקגעפאָרן קיין פלאָרענץ.

XVI.

דאָס איז פאָרגעקומען שוין האַרבסט־צייט, אין ניצע. איינמאָל אינדערפרי, ווען איך בין אַריינגעקומען צו איר אין נומער, איז זי געזעסן אין אַ פאָטעל, פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן, איינגעהויקערט, אָפּגעצערט, דאָס פּנים פאַרדעקט מיט די הענט, און האָט געוויינט ביטער, יאָמערלעך, און אירע לאַנגע, נישט פאַרקעמטע האָר זענען איר אַראָפּגעפאַלן אויף די קניען. דער איינדרוק פון דעם וואונדערבאַרן, וואונדערשיינעם ים, וועלכן איך האָב אָקאָרשט געזען, וועגן וועלכן איך האָב געוואָלט דערציילן, האָט מיך פלוצלינג פאַרלאָזן, און דאָס האַרץ האָט זיך מיר פאַרקלעמט פון ווייטיק.

— וואָס איז אייך? — האָב איך געפרעגט; זי האָט אַוועקגענומען איין האַנט פון פּנים און מיר אַ מאַך געטון, אַז איך זאָל אַרויסגיין. — אָבער וואָס איז אייך? — האָב איך איבערגעחזרט, און צום ערשטן מאָל פון אונזער באַקאַנטשאַפט האָב איך איר אַ קוש געטון אין דער האַנט.

— ניין, ניין, גאָרנישט! — האָט זי שנעל אַ זאָג געטון. — אַך, גאָרנישט, גאָרנישט... גייט אַוועק... איר זעט, איך בין נישט אָנגעטון.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אין אַ שרעקלעכער פאַרלעגנהייט. די רו און די זאָרגלאָזע שטימונג, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, זענען אָפּגעעסמט געוואָרן פון מיטלייד. ס'האָט זיך מיר ליידנשאַפטלעך געוואָלט פאַלן צו אירע פיס, בעטן, אַז זי זאָל נישט וויינען באַזונדער, נאָר זיך טיילן מיט מיר מיט איר צער, און דער גלייכמעסיקער ים־רויש האָט

שוין אָנגעהויבן ברומען אין מיינע אויערן, ווי אַ שוואַרצע נבואה, און איך האָב געזעען אין פּערספּעקטיוו נייע טרערן, נייע צרות און אבידות. — איבער וואָס, איבער וואָס וויינט זי? — האָב איך געפרעגט, דערמאַנענדיק איר פּנים און דעם ליידנדיקן בליק. איך האָב זי דערמאָנט, אַז זי איז מעוברת. זי האָט זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן איר צושטאַנד סיי פאַר מענטשן, סיי פאַר זיך אַליין. אין שטוב פלעגט זיך אַרומגיין אין אַ לויזן שלאַפראָק אָדער אין אַ בלוזקע מיט איבערגעטריבן געפּוצטע פאַלדן אויף דער ברוסט, און ווען זי פלעגט ערגעץ־וואו גיין, פלעגט זי זיך איינציען אין אַ גאָרסעט אַזוי שטאַרק, אַז צוויי מאָל איז איר בשעתן שפּאַצירן נישט־גוט געוואָרן. מיט מיר האָט זי קיינמאָל נישט גערעדט וועגן איר שוואַנגערשאַפט, און איינמאָל, ווען איך האָב איר אָנגעדייט וועגן דעם, אַז ס'וואָלט נישט געשאַדט, אַז זי זאָל זיך באַראַטן מיט אַ דאָקטאָר, איז זי נאָר רויט געוואָרן און האָט גאָרנישט נישט געענטפערט.

ווען איך בין דערנאָך צו איר אַריינגעגאַנגען, איז זי שוין געווען אָנגעטון און פאַרקעמט.

— גענוג, גענוג! — האָב איך געזאָגט, זעענדיק, אַז זי איז גרייט נאָכאַמאָל זיך צו צעוויינען. — לאָמיר בעסער גיין צום ים און מיר וועלן זיך דורכשמועסן.

— איך קען נישט רעדן. זייט מיר מוחל, איך בין איצט אין אַזאַ שטימונג, ווען ס'גלוסט זיך צו זיין אַליין, און איך בעט אייך, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, אַז איר וועט אַ צווייט מאָל וועלן אַריינגיין צו מיר, זאָלט איר פריער אָנקלאַפּן אין דער טיר.

דער „פריער" האָט אָפּגעקלונגען עפּעס מאָדנע, נישט פרויענמעסיק. איך בין אַרויסגעגאַנגען. — ס'האָט זיך מיר אומגעקערט דאָס פאַרשאָלטענע, פּעטערבורגער געמיט און אַלע מיינע טרוימען האָבן זיך פאַרוויקלט און אָפּגעדאַרט, ווי בלעטער פון דער היץ. איך האָב געפילט, אַז איך בין ווידער עלנט, אַז קיין נאָנטקייט איז צווישן אונדז נישטאָ. איך בין פאַר איר דאָס אייגענע, וואָס אָט פאַר דערדאָזיקער פאַלמע דאָס שפּינוועבס, וואָס איז צופעליק געבליבן הענגען אויף איר און וועלכעס ס'וועט אָפּרייסן און אַוועקטראָגן דער ווינט. איך האָב זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן סקווער, וואו ס'האָט געשפּילט מוזיק, בין אַריינגעגאַנגען אין אַ

קאַזינאָ. דאָ האָב איך באַקוקט אויסגעשלייערטע, שטאַרק פאַרפומירטע פרויען, און איטלעכע פון זיי האָט אויף מיר געקוקט אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: „דו ביסט עלנט, גאַנץ גוט. . .״ נאָכדעם בין איך אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע און האָב לאַנג געקוקט אויפן ים. אינדערווייטנס אויפן האָריזאָנט זעט מען נישט קיין איין זעגל. אויפן לינקן ברעג אין דעם פיאָלעט־נעפּל פונם באַרג צייכענען זיך גערטנער, טערעמס, הייזער, אויף אַלעמען שפּילט די זון, אָבער אַלץ איז פרעמד, גלייכגילטיק. אַ מין פלאָנטער.

XVII.

זי פלעגט ווי פריער קומען צו מיר אין די פרימאָרגנס טרינקען קאַווע, אָבער מיטאָג האָבן מיר שוין נישט געגעסן צוזאַמען! זי האָט, ווי זי האָט געזאָגט, נישט געהאַט קיין חשק צום עסן, און זי האָט זיך באַר גענערט מיט קאַווע, טיי און כּלערליי קלייניקייטן, ווי, אַ שטייגער, פּאָמעראַנצן און קאַראַמעלן.

און קיין געשפּרעכן זענען שוין בײַ אונדז אין די אָוונטן נישט פאָרגעקומען, איך ווייס נישט פאַרוואָס. נאָכדעם, ווי איך האָב זי געטראָפן ווייגען, האָט זי אָנגעהויבן זיך באַציִען צו מיר עפּעס אַזוי לייכט, טיילמאָל ביטולדיק, אפילו מיט איראָניע, און מיך רופן איבער עפּעס „מיין הער״. דאָס, וואָס איר האָט פריער אייסגעוויזן מוראדיק, וואונדערבאַר, העלדיש און וואָס ס׳האָט געוועקט אין איר הנאה און התפּעלות, האָט זי אַצינד לחלוטין נישט גערירט, און געווייבלעך, אויסהערנדיק מיך, האָט זי זיך לייכט אויסגעצויגן און געזאָגט:

— יאָ, ס׳איז געווען אַ מעשׂה אונטער פּאָלטאַווע, מיין הער, ס׳איז געווען.

ס׳פלעגט זיך אויך מאַכן, אַז איך האָב זיך מיט איר נישט באַגעגנט גאַנצע טעג, כ׳פלעג טיילמאָל אַ קלאַפּ טון אָפּהענטיק און שולדיק אין איר טיר — נישטאָ קיין ענטפער; כ׳קלאַפּ אַ צווייט מאָל — ס׳איז

שטיל... איך שטיי הינטער דער טיר און הער זיך צו, נאָר אָט גייט פאַרביי די באַדינערין און מעלדעט קאַלט: „די מאַדאַם איז אַוועקגעגאַנגען". דערנאָך גיי איך אַרום איבערן קאָרידאָר פון האָטעל, גיי און גיי... אומבאַקאַנטע ענגלענדער, הויכברוסטיקע דאַמען, קעלנערס אין פראַקן...

און בשעת איך קוק לאַנג אויפן לאַנגן, געשטרייפטן דיוואַן, וועלכער איז אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן קאָרידאָר, קומט מיר אויפן רעיון, אַז אינם לעבן פון דערדאָזיקער פרוי שפּיל איך אַ מאָדנע, מסתמא, אַ פאַלשע ראָלע און איך בין שוין נישט ביכולת צו ענדערן דידאָזיקע ראָלע; איך לויף צו זיך אין נומער, וואַרף זיך אויפן געלעגער און קלער, קלער און קען גאָרנישט אויסקלערן, און אייגס איז מיר נאָר קלאָר, אַז מיר ווילט זיך לעבן, און אַז וואָס מער נישט שיין, טרוקענער און פאַרהאַרטעוועטער ס׳ווערט איר פּנים, ווערט זי מיר אַלץ נענטער און אַלץ שטאַרקער און שמערצלעכער שפּיר איך אונזער קרובהשאַפט. זאָל איך זיין — אַ „מיין הער", זאָל זיין דערדאָזיקער לייכטער, גרינגשעציקער טאָן, זאָל זיין וואָס ס׳וויל, אַבי פאַרלאָז מיך נאָר נישט, מיין אוצר, מיר איז שרעקלעך איינעם אַליין.

שפּעטער גיי איך ווידער אַרויס אין קאָרידאָר, הער זיך איין מיט אומרו... איך עס נישט קיין מיטאָג, באַמערק נישט, ווי ס׳קומט אָן דער אָוונט. ענדלעך, אַרום עלף אַ זייגער הערן זיך באַקאַנטע טריט, און באַם אַריינדריי לעבן די שטיגן באַווייזט זיך זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ.

— איר שפּאַצירט זיך דורך? — פרעגט זי פאַרבייגייענדיק, — איר וואָלט בעסער געגאַנגען אינדרויסן... אַ גוטע נאַכט.

— אָבער מיר וועלן זיך שוין נישט זעען הייגט?

— ס׳איז שוין, דאַכט זיך, שפּעט. איבעריקנס, אויב אירווילט?

— זאָגט מיר, וואו זענט איר געווען? — פרעג איך, אַריינגייענדיק נאָך איר אין נומער.

— וואו? אין מאָנטע-קאַרלאָ — זי נעמט אַרויס פון קעשענע אַ שטיק צען גאָלדענע מטבעות און זאָגט: — אָט, מיין הער, כ׳האָב געוואונען, דאָס איז פון רולעטקע.

— נו, איר וועט מער נישט שפּילן.

— פאַרוואָס-זשע? איך וועל מאָרגן אויך פאָרן.

איך האָבן מיר אויסגעמאָלט, ווי זי מיטן נישט שיינעם, קרענקלעכן פּנים, אַ מעוברתע, שטאַרק איינגעצויגענע שטייט לעבן שפּיל־טיש צווישן עולם שאַנסאָנעטנס, חסר־דעהדיקע זקנות, וועלכע שטופּן זיך צום גאָלד, ווי פליגן צום האָניק, כ׳האָב זיך דערמאַנט, אַז זי איז איבער עפּעס אַוועקגעפאָרן קיין מאָנטע־קאַרלאָ בסוד פון מיר...

— איך גלייב אייך נישט, — האָב איך איינמאָל געזאָגט, — איר חעט נישט פאָרן מער אַהין.

— רעגט זיך נישט אויף, קיין סך קען איך נישט פאַרשפּילן.

— דאָ האַנדלט זיך נישט אינם פאַרשפּילן, — האָב איך געזאָגט מיט פאַרדראָס. — צי איז אייך דען באמת נישט געקומען אויפן געדאַנק, בשעת איר האָט דאָרט געשפּילט, אַז דער בליאַסק פון גאָלד, די אַלע פרויען, די אַלטע און די יונגע, דער קרופּיער, די גאַנצע אַרומיקייט, אַז דאָס אַלדינג איז — אַ געמיינער, נידערטרעכטיקער חוזק פונם אַרבעטערס האָרעוואַניע, פונם בלוטיקן שווייס.

— אויב נישט שפּילן, טאָ וואָס־זשע איז דאָ פאַרהאַן צו טון? — האָט זי געפרעגט. — סיי דעם אַרבעטערס האָרעוואַניע, סיי דעם בלוטיקן שווייס — דידאָזיקע מליצה לייגט אָפּ אויף אַן אַנדערש מאָל, און אַציגד, קוים האָט איר אָנגעהויבן, איז דערלויבט מיר פאָרצוזעצן; דערלויבט מיר אַוועקצושטעלן די פראַגע אין דער גאַנצער שאַרף: וואָס האָב איך דאָ צו טון און וואָס וועל איך טון?

— וואָס צו טון? — האָב איך געזאָגט, אַ קוועטש געבנדיק מיט די פּלייצעס. — אויף דערדאָזיקער שאלה קען מען נישט ענטפערן מיטאַמאָל.

— איך בעט אַן ענטפער אַ געוויסנהאַפטן, וולאַדימיר איוואַניטש, — האָט זי געזאָגט, און איר פּנים איז געוואָרן בייז. — קוים האָב איך זיך אַנטשלאָסן צו פאַרגעבן אייך די שאלה, איז עס נישט דערויף, כדי צו הערן אַלגעמיינע פראַזן. איך פרעג אייך, — האָט זי פאָרגעזעצט, קלאַפּנדיק מיט דער דלאָניע אָן טיש, ווי זי וואָלט צוגעקלאַפּט צום טאַקט: — וואָס דאַרף איך דאָ טון? און נישט נאָר דאָ אין ניצע, נאָר בכלל?

איך האָב געשוויגן און געקוקט אין פענצטער אויפן ים אַרויס. דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן שרעקלעך צו קלאַפּן.

— וולאַדימיר איוואַניטש, — האָט זי געזאָגט שטיל און מיט אַן איבערגעהאַקטן אָטעם; איר איז שווער געווען צו רעדן, — וולאַדימיר איוואַניטש, אויב איר גלייבט שוין נישט אין דער זאַך, אויב איר קלערט שוין נישט זיך אומצוקערן צו איר, איז נאָכוואָס... נאָכוואָס האָט איר מיך געשלעפּט פון פּעטערבורג? צוליב וואָס האָט איר צוגעזאָגט און צוליב וואָס האָט איר אויפגעוועקט אין מיר משוגענע האָפנונגען? אייערע איבערצייגונגען האָבן זיך געענדערט, איר זענט געוואָרן אַן אַנדערער מענטש, און קיינער שולדיקט אייך נישט דערין — די איבערצייגונגען זענען נישט שטענדיק אין אונזער רשות, אָבער... אָבער, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, פאַרוואָס זענט איר, אום גאָטס ווילן, נישט אויפריכטיק? — האָט זי פאָרגעזעצט שטיל, צוגייענדיק צו מיר. — ווען איך האָב די אַלע חדשים געטרוימט אויפן קול, גערעדט אומזיניקייטן, אַנטציקט זיך מיט מיינע פּלענער, איבערגעבויט מיין לעבן אויף אַ נייעם שטייגער, איז פאַרוואָס האָט איר מיר נישט געזאָגט דעם אמת, נאָר געשוויגן, אָדער מיר נאָך צוגעגעבן קוראַזש מיט אייערע דערציילונגען און זיך געהאַלטן אַזוי, ווי איר וואָלט מיר כלומרשט פולשטענדיק מיטגעפילט? פאַרוואָס? צוליב וואָס איז דאָס נייטיק געווען?

— ס'איז שווער זיך מודה צו זיין אין אייגענעם באַנקראָט, — האָב איך אַרויסגערעדט, אויסדרייענדיק זיך, נאָר נישט קוקנדיק אויף איר. — יאָ, איך גלייב נישט, כ'האָב זיך איינגעמידט, כ'בין געוואָרן אַפּאַטיש... ס'איז שווער צו זיין אויפריכטיק, שרעקלעך שווער, — האָב איך געשוויגן. איך ווינטש נישט קיינעם איבערצולעבן דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך וועל זיך באַלד צעוויינען, און איך בין פאַרשוויגן געוואָרן.

— וולאַדימיר איוואַניטש, — האָט זי געזאָגט און מיך אָנגענומען בײַ ביידע הענט. — איר האָט אַ סך איבערגעלעבט און דורכגעמאַכט, איר ווייסט מער, ווי איך; גיט ערנסט אַ קלער און זאָגט: וואָס זאָל איך טון? לערנט מיך אויס! אויב איר אַליין זענט שוין נישט בכוח צו גיין און פירן נאָך זיך אַנדערע, דעמאָלט ווייזט־זשע אָן לפּחות, וווהין איך זאָל גיין, נעמט אין אַכט, איך בין דאָך אַ לעבעדיקער, פילנדיקער און דענקענדיקער מענטש. אַריינפאַלן אין אַ פאַלשער לאַגע... שפּילן עפּעס

אַן אומגעלומפּערטע ראָלע... מיר איז דאָס שווער. איך וואַרף אייך נישט פאָר, כ׳באַשולדיק אייך נישט, נאָר איך בעט.

מען האָט אַריינגעבראַכט טיי.

— נו, וואָס זשע? — האָט געפרעגט זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, דער לאַנגעדיק מיר אַ גלאָז. — וואָס וועט איר מיר זאָגן?

— נישט בלויז אין פענסטער איז דאָ ליכט, — האָב איך געענטפערט. אַ חוץ מיר זענען אויך פאַראַן מענטשן, זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ.

— אָט ווייזט זיי מיר אָן, — האָט זי געשווינד געזאָגט. — איך בעט דאָך אייך נאָר וועגן דעם.

— און נאָך וועל איך אייך זאָגן, — האָב איך פאָרגעזעצט. — דינען אַן אידעע קען מען נישט בלויז אויף אַ וועלכן ס׳איז איינציקן געביט. אויב מען האָט אַ טעות, זיך אַנטוישט אין איינעם, קען מען אָפּזוכן אַן אַנדערס. די אידעען-וועלט איז ברייט און אומדערשעפּלעך.

— די אידעען-וועלט! — האָט זי אַרויסגעזאָגט און איראָניש אַ קוק געטון מיר אין פּנים אַריין, — נו, לאָמיר שוין בעסער אויפהערן... וואָס איז נאָך דאָ צו רעדן...

זי איז רויט געוואָרן.

— די אידעען-וועלט! — האָט זי איבערגעחזרט און אַוועקגעוואָרפן די סערוועטקע אָן אַ זייט, און איר פּנים האָט אָנגענומען אַן אויפגעבראַכטן, זיך מיאוסנדיקן אויסדרוק. — די אַלע אייערע שיינע אידעען, זע איך, פירן צו דעם איינעם אומפאַרמיידלעכן, אומבאַדינגטן שריט: איך דאַרף ווערן אייער געליבטע. אָט וואָס איך דאַרף טון. אַרומטראָגן זיך מיט אידעען און נישט זיין קיין געליבטע פון דעם אָרנטלעכסטן, אידעאַליסטישסטן מענטש — הייסט נישט פאַרשטיין די אידעען. מען דאַרף אָנהייבן דערפון... דאָס הייסט פון דער געליבטער, און דאָס איבעריקע וועט שוין, ממילא, אַליין אונטערקומען.

— איר זענט צערייצט, זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, — האָב איך געזאָגט.

— ניין, איך בין אויפריכטיק! — האָט זי אויסגעשריגן, שווער אָטעמענדיק. — איך בין אויפריכטיק!

איר זענט, אפשר, אויפריכטיק, נאָר איר האָט אַ טעות, מיר טוט ווי אייך צו הערן.

— איך האָב אַ טעות ! — האָט זי זיך צעלאַכט. — ווער עס וואָלט אַזוי געזאָגט, אָבער נישט איר, מיין הער. לאָמיך זיך אייך אויסוויזן נישט דעליקאַט, אכזריותדיק, אָבער ס׳איז אַ פאַקט : איר האָט מיך ליב. איר האָט דאָך מיך ליב ?

איך האָב אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס.

— יאָ, קוועטשט מיט די פּלייצעס ! — האָט זי פאַרגעזעצט מיט איראָניע. — ווען איר זענט קראַנק געווען. האָב איך געהערט, ווי איר האָט גערעדט פון היץ, נאָכדעם כסדר די פאַרגעטערנדיקע אויגן, די ליפּצן, די פרום־כוונהדיקע געשפּרעכן וועגן נאַנטקייט, גייסטיקער קרובה־שאַפט. . . אָבער דער עיקר, פאַרוואָס זענט איר ביז איצט נישט געווען אויפריכטיק ? פאַרוואָס האָט איר פאַרבאָרגן דאָס, וואָס איז פאַרהאַן, און גערעדט וועגן דעם, וואָס איז נישטאָ ? וואָלט איר געווען לכתחילה גע־זאָגט, סאַרע אידעען אייך האָבן, אייגנטלעך, געצוואונגען מיך אַרויסצו־שלעפּן פון פּעטערבורג, וואָלט איך שוין געוואוסט, איך וואָלט זיך גע־ווען אָפּגעסמט דעמאָלט, אַזוי ווי כ׳האָב געוואָלט, און ס׳וואָלט אַצינד נישט געווען דידאָזיקע איבלדיקע קאָמעדיע. . . ע, נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן ! — זי האָט אַ מאַך געטון אויף מיר מיט דער האַנט און זיך אַוועק־געזעצט.

— איר רעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי איר וואָלט מיך חושד געווען אין אומערלעכע כוונות, — האָב איך זיך באַליידיקט.

— נו, איז שוין וואויל. נישטאָ וואָס צו טענהן. איך בין אייך נישט חושד אין כוונות, נאָר פאַרקערט, אַז איר האָט קיין שום כוונות נישט געהאַט. וואָלט איר זיי פאַרמאָגט, וואָלט איך זיי שוין געוואוסט. אַ חוץ אידעען און ליבע האָט איר גאָרנישט געהאַט. אַצינד אידעען און ליבע, און אין פּערספּעקטיוו — בין איך אַ געליבטע. אַזוי גייט שוין דער סדר פון די זאַכן סיי אין לעבן, סיי אין די ראָמאַנען. . . אָט האָט איר א י ם געזידלט, — האָט זי געזאָגט און אַ קלאַפּ געטון מיט דער דלאָניע אין טיש, — אָבער נישט ווילנדיק מוז מען מיט אים מסכים זיין. נישט אומזיסט פאַראַכט ער אַלע אידעען.

— ער פאַראַכט נישט די אידעען, נאָר האָט פאַר זיי מורא, — האָב איך אויסגעשריגן, — ער איז אַ פּחדן און אַ ליגנער.

— נו, זייער וואויל ! ער איז אַ פּחדן, אַ ליגנער און האָט מיך אָפּ־

געפֿנאַרט, און איר? אַנטשולדיקט פֿאַר דער אָפֿנהאַרציקייט: וואָס זענט איר? ער האָט מיך אָפּגענאַרט און אַוועקגעוואָרפֿן אויפֿן חסד פֿון שיקזאַל אין פּעטערבורג, און איר האָט מיך אָפּגענאַרט און אַוועקגעוואָרפֿן דאָ. נאָר יענער האָט כאָטש נישט צוגעטשעפּעט קיין אידעען צום שווינדל, און איר...

— אום גאָטס ווילן, צו וואָס רעדט איר דאָס? — האָב איך אויסגערופֿן מיט שרעק, ברעכנדיק די הענט און שנעל צוגייענדיק צו איר. — ניין, זינאַידאַ פֿעדאָראָוונאַ, ניין. דאָס איז ציניזם, מען טאָר נישט אַזוי פֿאַרצווייפֿלען, הערט מיך אויס, — האָב איך פֿאָרגעזעצט, אָנכאַפּנדיק זיך אָן אַ געדאַנק, וועלכער האָט פּלוצלינג נישט דייטלעך אַ בליץ־געטון בײַ מיר אין קאָפּ און האָט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, נאָך געקענט אונדז ראַטעווען. — הערט מיך. איך האָב דורכגעמאַכט אין מײַן לעבן אַ סך, אַזוי פֿיל, אַז אַצינד בײַ דער דערינערונג דרייט זיך אַזש דער קאָפּ, און איך האָב אַצינד טיף תּופֿס געווען מיטן מוח, מיט מײַן צעווייטיקטער נשמה, אַז די באַשטימונג פֿונעם מענטש באַשטייט אָדער אין גאָרנישט, אָדער בלויז אין איינעם — אין אָפּערוויליקער ליבע צום נאָענטן. אָט אַהין דאַרפֿן מיר גיין און דערין ליגט אונדזער באַשטימונג. אָט דאָט איז מײַן גלויבן!

ווייטער האָב איך געוואָלט רעדן וועגן באַרמהאַרציקייט, וועגן אַלפֿאַרגעביקייט, נאָר מײַן קול האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן קלינגען נישט אויפֿריכטיק, און איך האָב זיך פֿאַרלוירן.

— מיר ווילט זיך לעבן! — האָב איך אַרויסגעזאָגט אויפֿריכטיק, — לעבן, לעבן! איך וויל פֿרידן, שטילקייט, איך וויל וואַרעמקייט, אָט דעמדאָזיקן ים. אײַער נאָענטקייט, אָ, ווי וואָלט איך געוואָלט אויך אײַך סוגעסטירן דעמדאָזיקן ליידנשאַפֿטלעכן לעבנס־דורשט! איר האָט אָקאָרשט גערעדט וועגן ליבע, אָבער פֿאַר מיר וואָלט גענוג געווען אפֿילו אײַער נאָענטקייט בלויז, אײַער קול, דער אויסדרוק פֿון פּנים...

זי איז רויט געוואָרן און געזאָגט שנעל, כּדי מיר איבערצושלאָגן די רייד:

— איר האָט ליב דאָס לעבן, און איך האָב עס פֿײַנט, משמעות, אונדזערע וועגן זענען פֿאַרשידן.

זי האָט זיך אָנגעגאָסן טיי, נאָר האָט זיך נישט צוגערירט צו איר. זי איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער און זיך געלייגט.

— איך מיין, ס'איז גלייכער פאַר אונז אָפּצוהאַקן פון דעמדאָזיקן שמועס, — האָט זי מיר געזאָגט פון דאָרטן, — פאַר מיר איז שוין אַלץ געענדיקט און ס'איז מיר גאָרנישט נייטיק... וואָס-זשע איז נאָך דאָ צו רעדן!

— ניין, נישט אַלץ איז געענדיקט!

— מילא, זייער גוט!... איך ווייס! ס'האָט מיר שוין דערעסן... ס'וועט זיין גענוג.

איך בין נאָך געשטאַנען אַ ביסל, בין זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער און אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר. ווען איך בין נאָכדעם, שפּעט באַנאַכט, צוגעגאַנגען צו איר טיר און זיך צוגעהערט, האָט זיך מיר דייטלעך דערהערט אַ געוויין.

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָט דער לאַקיי, דערלאַנגענדיק מיר דאָס אָנטועכץ, מיטגעטיילט מיט אַ שמייכל, אַז די פרוי פון 13-טן נומער גייט צו קינד. איך האָב זיך ווי ס'איז אָנגעטון און, אויסגייענדיק פון שרעק, בין איך שנעל אַריין צו זינאַידאַ פעדאָראָוונען; אין איר נומער האָט זיך געפונען אַ דאָקטאָר, אַן אַקושערקע און אַ באַיאָרטע רוסישע דאַמע מיטן נאָמען דאָראַ מיכאַילאָוונאַ. ס'האָבן זיך געשפּירט עטער-טראָפּנס. אַזוי ווי נאָר איך האָב איבערגעטרעטן די שוועל, האָט זיך דערהערט אַ שטילער, באַקלאָגלעכער קרעכץ, און ממש ווי אַ ווינט וואָלט אים מיר דערטראָגן פון רוסלאַנד; איך האָב זיך דערמאַנט אָן אָרלאָוון, זיין איראָניע, פּאָליען, די ניעוואַ, דעם פּליאַכעסדיקן שניי, נאָכדעם דעם פּאַיעטאָן אָן אַ פּאַרטוך, די נבואה, וועלכע איך האָב איבערגעלייענט אינם קאַלטן פרימאָרגן-הימל, און דאָס פאַרצווייפלטע געשריי: „נינאַ! נינאַ!“

— גייט אַריין צו איר, — האָט געזאָגט די דאַמע.

איך בין אַריינגעגאַנגען צו זינאַידאַ פעדאָראָוונען מיט אַזאַ געפיל, ווי איך וואָלט כלומרשט געווען דער פאָטער פון קינד. זי איז געלעגן מיט געשלאָסענע אויגן, אַ דאַרע, אַ בלייכע, אין אַ ווייס הייבל מיט שפּיצן. איך געדענק, צוויי אויסדריקן זענען געווען אין איר פּנים: איינער אַ גלייכגילטיקער, אַ קאַלטער, אַ פלעגמאַטישער, דער אַנדערער אַ קינד-

שער און הילפסלאָזער, וועלכן ס׳האָט איר צוגעגעבן דאָס ווייסע קייבל. זי האָט נישט געהערט, ווי איך בין אַריינגעקומען, אָדער, אפשר, האָט זי געהערט, נאָר נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיר. איך בין געשטאַנען, האָב געקוקט אויף איר און געוואַרט.

נאָר אָט האָט זיך איר פּנים אויסגעקרומט פֿון ווייטיק, זי האָט געעפנט די אויגן און אָנגעהויבן קוקן אויפן סופיט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך איבערגעלייגט, וואָס מיט איר איז... אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון עקל.

— העסלעך, — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

— זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ, — האָב איך שוואַך אַ רוף געטון. זי האָט גלייכגילטיק, פלעגמאַטיש אַ קוק געטון אויף מיר און פאַרמאַכט די אויגן. איך בין נאָך אַ ביסל געשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען.

באַנאַכט האָט מיר דאַריאַ מיכאַילאָוונאַ מיטגעטיילט, אַז ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, נאָר אַז די קימפּעטאָרין איז אין אַ געפערלעכן צושטאַנד; נאָכדעם איז מען געלאָפן איבערן קאָרידאָר, ס׳איז געווען אַ גערודער. דאַריאַ מיכאַילאָוונאַ איז ווידער אַריינגעקומען צו מיר, און מיט אַ פאַרצווייפלט פּנים, ברעכנדיק זיך די הענט, האָט זי גערעדט:

— אָ, דאָס אי׳ז שרעקלעך! דער דאָקטאָר איז חושד, אַז זי האָט איינגענומען סם! אָ, ווי נישט שיין ס׳פירן זיך דאָ אויף די רוסישע.

און אויפן צווייטן טאָג מיטאָג־צייט איז זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ געשטאָרבן.

XVIII.

ס׳זענען אַריבער צוויי יאָר. די אומשטענדן האָבן זיך געענדערט, איך בין ווידער אָוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג, און האָב שוין דאָ געקענט וואוינען נישט פאַרבאָרגענערהייט. איך האָב שוין איצט נישט מורא געהאַט צו זיין און זיך אויסווייזן סענטימענטאַל, און האָב זיך אינגאַנצן

איבערגעגעבן דעם פּאַטערלעכן, אָדער, ריכטיקער, דעם געצנדינערישן געפּיל, וואָס ס'האָט אין מיר געוועקט סאָניאַ, זינאַידאַ פּעדאָראָוונעס טאָכ־טער. איך פּלעג זי קאָרמען מיט די אייגענע הענט, פּלעג זי באָדן, לייגן שלאָפן, נישט אַראָפּנעמען פון איר גאַנצע נעכט קיין אויג און אויס־שרייען, בשעת מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די ניאַנקע וועט זי באַלד אַראָפּלאָזן. מיין דאָרשט נאָך אַ געווינטלעך בירגערלעך לעבן איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שטאַרקער און צערייצטער, נאָר די ברייטע פאַנ־טאַזיעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט בא סאָניען, גלייך זיי וואָלטן אין איר, ענדלעך, געפונען גראָד דאָס, וואָס מיר איז נייטיק געווען. איך האָב ליב געהאַט דאָס מיידעלע ביז משוגעת. אין איר האָב איך געזען דעם המשך פון מיין לעבן, און מיר האָט זיך נישט נאָר געדאַכט, נאָר כ'האָב געפילט, כמעט געגלייבט, אַז ווען איך וועל, סוף כל סוף, אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס דאַרע, ביינקע, האָריקע לייב, וועל איך דאַן לעבן אין די דאָזיקע בלויע אייגעלעך, אין די בלאָנדע זיידענע הערעלעך און אין די דאָזיקע פּוכיקע ראָזיקע הענטעלעך, וועלכע גלעטן מיך אַזוי ליבפול אי־בערן פּנים און נעמען אַרום מיין האַלז.

סאָניעס גורל האָט מיך געשראָקן. איר פאָטער איז געווען אָרלאָוו, אין דער געבורט־צייגניש האָט זי געהייסן קראַסנאָווסקאַיאַ, און דער איינ־ציקער מענטש, וועלכער האָט געוואוסט וועגן איר עקזיסטענץ און פאַר־וועמען דאָס איז געווען אינטערעסאַנט, דאָס הייסט איך, האָב שוין גע־האַלטן בא די לעצטע אַקאָרדן פון מיין ליד. מען האָט באַדאַרפט וועגן איר ערנסט אַ קלער טון.

באַלד אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין קומען קיין פּעטערבורג, בין איך אַוועק צו אָרלאָוון. ס'האָט מיר געעפנט אַ דיקער זקן מיט געלע באַקנ־בערד און אָן וואָנסעס, אַפּנים אַ דייטש. פּאָליאַ, וועלכע האָט אויפגע־רוימט אין גאַסטצימער, האָט מיך נישט דערקענט, אָבער דערפאַר האָט מיך אָרלאָוו דערקענט מאָמענטאַל.

— אָ, הער רעוואָלוציאָנער! — האָט ער געזאָגט, באַטראַכטנדיק מיך מיט נייגעריקייט און לאַכנדיק. — ווי קומט איר עס אַהער?

ער האָט זיך אַבסאָלוט נישט געענדערט: פּונקט דאָס אייגענע געקעכלטע, נישט־אָנגענעמע פּנים, דיזעלבע איראָניע. און אויפן טיש איז, ווי אין אַמאָליקער צייט, געלעגן אַ נייע בוך מיט אַ מעסער פון העל־

פאַנט-ביין אַריינגעלייגט דערין. משמעות, ער האָט געלייענט איידער איך בין אַריינגעקומען. ער האָט מיך געבעטן זיצן, פאָרגעלייגט אַ ציגאַר, און מיט אַ דעליקאַטקייט, וואָס איז אייגן נאָר גוט-דערצויגענע מענטשן, האָט ער, מאַסקירנדיק דאָס נישט אָנגענעמע געפיל, וואָס ס'האָט באַ אים ערוועקט מיין פנים און מיין מאָגערע פיגור, דרך-אגב באַמערקט, אַז איך איז לייכט צו דערקענען, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך בין באַוואַקסן מיט אַ באָרד. מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן וועטער, וועגן פאַריז. כדי גיכער פטור צו ווערן פון דער שווערער אומפאַרמיידלעכער פראַגע, וועלכע האָט געמאַטערט סיי אים, סיי מיך, האָט ער געפרעגט:

— זינאַידאַ פעדאָראָוונאַ איז געשטאָרבן?

— יאָ, געשטאָרבן. — האָב איך געענטפערט.

— אין קימפעט?

— יאָ, אין קימפעט. דער דאָקטאָר האָט חושד געווען אַן אַנדערע סיבה פון טויט, אָבער... אי פאַר אייך, אי פאַר מיר איז רויקער צו קלערן, אַז זי איז געשטאָרבן פון קימפעט.

ער האָט אָפּגעזיפצט פון אָנשטענדיקייט וועגן און איז פאַרשוויגן געוואָרן. אַ ווייַלע איז געווען שטיל.

— אַזוי, און באַ מיר איז אַלץ, ווי געווען. קיין שום באַזונדערע שינויים, — האָט ער געשווינד אָנגעהויבן רעדן, באַמערקנדיק, אַז איך באַקוק דעם קאַבינעט. — דער פאָטער, ווי איר ווייסט, איז אין דימיטיע און רוט שוין אָפּ, איך בין אַלץ אויפן אייגענעם אָרט. פּיעקאַרסקין געדענקט איר? ער איז אַלץ דער אייגענער. גרוזין איז פאַראַיאָרן געשטאָרבן פון דיפטעריט... נו, קוקושקין לעבט און דערמאַנט אָפט וועגן אייך. אגב, — האָט אָרלאָוו פאַרגעזעצט, שעמעוודיק אַראָפּלאָזנדיק די אויגן: — ווען קוקושקין האָט זיך דערוואוסט, ווער איר זענט, האָט ער אומעטום אָנגעהויבן דערציילן, אַז איר האָט כלומרשט געמאַכט אויף אים אַן אָנפאַל, געוואָלט אים דערהרגענען... און ער האָט זיך קוים געראַטעוועט.

איך האָב געשוויגן.

— אַלטע דינער פאַרגעסן נישט זייערע הערן... ס'איז זייער פיין

פון אייער זייט, — האָט אַ שפּאַס געטון אָרלאָוו. — איר וועט אפשר טרינקען ווייַן אָדער קאַווע? איך וועל הייסן אויפקאָכן.

— ניין, איך דאַנק, איך בין צו אייך געקומען וועגן זייער אַ וויכ־טיקן ענין, געאָרגי איוואַניטש.

— איך בין אפילו נישט קיין בעלן אויף וויכטיקע ענינים, נאָר אייך בין איך גרייט צו דינען. וואָס ווינטשט איר?

— זעט איר, — האָב איך אָנגעהויבן, אויפרעגנדיק זיך, — מיט מיר געפינט זיך דאָ איצט די טאָכטער פון דער געשטאָרבענער זינאַידאַ פעדאָראָוונען... ביז אַצינד האָב איך זיך פאַרנומען מיט איר דערציונג, נאָר, ווי איר זעט, וועל איך היינט־מאָרגן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פוסטן קלאַנג. איך וואָלט געוואָלט שטאַרבן מיטן געדאַנק, אַז זי איז איינ־געאָרדנט.

אָרלאָוו איז לייכט רויט געוואָרן, האָט זיך אָנגעכמורעט און שטרענג אַ וואָרף געטון אויף מיר אַ בליק. אויף אים האָט געווירקט נישט־אָנגע־נעם נישט אַזוי דער „וויכטיקער ענין", ווי מיינע ווערטער וועגן פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ פוסטן קלאַנג, וועגן טויט.

— יאָ, וועגן דעם דאַרף מען אַ קלער טון, — האָט ער געזאָגט, פאַרשטעלנדיק די אויגן, ווי פון דער זון. — איך דאַנק אייך, איר זאָגט, אַ מיידעלע?

— יאָ, אַ מיידעלע, אַ וואונדערבאַר מיידעלע!

— יאָ, דאָס איז, באַטירלעך, נישט קיין מאָפּס, נאָר אַ מענטש... פאַרשטענדלעך, מען דאַרף ערנסט אַ קלער טון. איך בין גרייט אָנטייל צו נעמען און... איך בין אייך זייער דאַנקבאַר.

ער איז אויפגעשטאַנען, זיך דורכגעגאַנגען, בייסנדיק די נעגל, און האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ בילד.

— וועגן דעם דאַרף מען אַ קלער טון, — האָט ער געזאָגט שטיל, שטייענדיק צו מיר מיטן רוקן. — איך וועל היינט זיין בײַ פּיעקאַרסקין און וועל אים בעטן צו־פאָרן צו קראַסנאָווסקין. איך מיין, אַז קראַסנאָוו־סקי וועט זיך נישט לאַנג קווענקלען און וועט מסכים זיין צו נעמען דאָס־דאָזיקע מיידעלע.

— אָבער, אַנטשולדיקט, איך ווייס נישט, סאַראַ שייכות האָט דאָ

קראַסנאָווסקי, — האָב איך געזאָגט, אויך אויפשטייענדיק און צוגייענדיק צום בילד אין צווייטן עק פון קאַבינעט.

— נאָר זי טראָגט דאָך זיין פאַמיליע־נאָמען, האָף איך! — האָט געזאָגט אָרלאָוו.

— יאָ, ער איז, אפשר, לויטן געזעץ מחויב צו נעמען צו זיך דאָס קינד, כ'ווייס נישט, נאָר איך בין געקומען צו אייך, געאָרגי איוואַניטש, רעדן נישט וועגן געזעצן.

— יאָ, יאָ, איר זענט גערעכט, — האָט ער שנעל איינגעשטימט. — איך זאָג, דאַכט זיך, אַן אומזין. נאָר רעגט זיך נישט אויף. מיר וועלן באַזאָרגן, אַז אַלע זאָלן בלייבן צופרידן. נישט איינס, איז דאָס צווייטע, נישט דאָס צווייטע, איז דאָס דריטע, נאָר אַזוי, צי אַנדערש וועט די דאָזיקע קיצלדיקע פראַגע געלייזט ווערן. פּיעקאַרסקי וועט אַלץ דערליידיקן. איר וועט אַזוי גוט זיין מיר איבערלאָזן אייער אַדרעס, און איך וועל אייך תיכף מיטטיילן דעם באַשלוס, צו וועלכן מיר וועלן קומען. וואו וואוינט איר?

אָרלאָוו האָט פאַרשריבן מיין אַדרעס, אָפגעזיפצט און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— סאַראַ עובדא דאָס איז, רבונו של עולם, צו זיין אַ פאָטער פון אַ קליינער טאָכטער! אָבער פּיעקאַרסקי וועט אַלץ דערליידיקן. דאָס איז אַ „חכם" אַ מענטש. אין פּאַריז זענט איר לאַנג געווען?

— אַ חדשים צוויי.

מיר האָבן געשוויגן אַ ביסל. אָרלאָוו האָט, משמעות, מורא געהאַט אַז איך וועל ווידער אָנהייבן רעדן וועגן מיידעלע און, בכדי אָפּצוציען מיין אויפמערקזאַמקייט אויף אַן אַנדערער זייט, האָט ער געזאָגט:

— איר האָט שוין, מסתמא, פאַרגעסן אָן אייער בריוו און איך באַהאַלט אים. אייער דעמאָלטיקע שטימונג איז מיר פאַרשטענדלעך, און כ'דאַרף זיך מודה זיין: איך שעץ דעמדאָזיקן בריוו. פאַרשאָלטן, קאַלט בלוט, אַזיאַט, פערדיש געלעכטער — דאָס איז פיין און כאַראַקטעריסטיש, — האָט ער פאָרגעזעצט מיט אַן איראָנישן שמייכל. — און דער גרונד־געדאַנק איז, מהיכי תיתי, גאָנץ צום אמת, הגם מען קען אָן אַ שיעור אָפּאָגירן, דאָס הייסט, — האָט ער צוגעגעבן: — נישט קעגן געדאַנק גופא, נאָר קעגן אייער שטעלונג צו דער פראַגע, קעגן אייער, אַזוי צו זאָגן, טעמפּעראַמענט. יאָ, מיין לעבן איז אומנאָרמאַל, פאַר־

דאַרבן, טויג נישט צו גאָרנישט, און אָנהייבן אַ ניי לעבן שטערט מיר די פּחדנות, — דאָ זענט איר פולשטענדיק גערעכט. אָבער וואָס איר נעמט דאָס אַזוי נאָנט צום האַרצן, רעגט זיך אויף און ווערט אַזש פאַר־צווייפלט, דאָס איז שוין נישט ראַציאָנעל, — דערין זענט איר אינגאַנצן אומגערעכט.

— אַ לעבעדיקער מענטש קען נישט נישט־ווערן אויפגערעגט און פאַרצווייפלט, ווען ער זעט, ווי ער אַליין זינקט און אַרום אים זינקען אַנדערע.

— ווער זאָגט דען! איך פּרעדיק לחלוטין נישט קיין גלייכגילטי־קייט, נאָר איך וויל בלויז אַן אָביעקטיווע באַציונג צום לעבן. וואָס מער אָביעקטיוו מיר זענען, אַלץ ווייניקער ריזיקירן מיר אַריינצופאַלן אין אַ טעות. מען דאַרף קוקן אין שורש און זוכן אין יעדער דערשיינונג די סיבה פון אַלע סיבות. מיר זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָבן זיך אָפּגע־לאָזט, זענען סוף כל סוף געפאַלן, אונדזער דור באַשטייט ס׳רוב פון נעווי־ראַסטעניקער און קלאָגערס, מיר ווייסן נאָר צו טענהן וועגן מידקייט און איבערגעמאַטערטקייט, אָבער שולדיק דערין זענען נישט איר און נישט איך: מיר זענען צו קליינטשיק, אַז פון אונדזער רצון זאָל קענען אָפּהענגען דער גורל פון אַ גאַנצן דור. דאָ, דאַרף מען אָננעמען, זענען פאַרהאַן סיבות גרויסע, אַלגעמיינע, וועלכע האָבן פון ביאָלאָגישן שטאַנד־פּונקט זייער סאָלידן זכות הקיום. מיר זענען נעוואָראַסטעניקער, מעלאַנכאָ־ליקער, בעלי־עבירהניקעס, אָבער, ס׳קען זיין, דאָס איז נייטיק און נוצ־לעך פאַר יענע דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אונז. קיין איינציקע האָר פאַלט נישט אַרויס פון קאָפּ אָן דעם אויבערשטנס רצון, — מיט אַנדערע ווערטער, אין דער נאַטור און אין דער מענטשלעכער סביבה געשעט נישט גאָרנישט סתם אַזוי. אַלץ איז באַגרינדעט און נויטווענדיק. און אויב אַזוי, איז וואָס האָבן מיר זיך אַזוי צו באַומרויקן און שרייבן פאַר־צווייפלטע בריוו?

— דאָס איז, אפשר אמת, — האָב איך געזאָגט, אַ קלער געטאַנ־דיק. — איך גלייב, די קינפטיקע דורות וועט זיין לייכטער און ליכטי־קער; זיי וועט דינען אונדזער דערפאַרונג. אָבער ס׳ווילט זיך דאַך לעבן אומאָפּהענגיק פון די שפּעטערדיקע דורות און נישט בלויז פאַר זייערט־וועגן. דאָס לעבן ווערט געגעבן איינמאָל, און ס׳ווילט זיך דורכלעבן עס

מונטער, פאַרשטאַנדיק, שיין. ס'ווילט זיך שפּילן אַן אָנגעזעענע, זעלבסט־שטענדיקע, איידעלע ראָלע, ס'ווילט זיך מאַכן געשיכטע, אַז טאַקע די־דאָזיקע דורות זאָלן נישט האָבן קיין רעכט צו זאָגן וועגן איטלעכען פון אונז: דאָס איז געווען אַ גאָרנישט, אָדער נאָך עפּעס ערגערס... איך גלייב סיי אין דער צוועקמעסיקייט, סיי אין דער נויטווענדיקייט פון דעם, וואָס קומט־פאָר אַרום אונז, אָבער וואָס גייט מיך אָן די דאָזיקע נויטווענ־דיקייט, הלמאַי זאָל פאַרלוירן גיין מיין „איך"?

— מילא, וואָס קען מען טון! — האָט אַ זיפץ געטון אָרלאָוו, אויפהייבנדיק זיך, און אַזוי ווי געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז אונזער גע־שפּרעך איז שוין געענדיקט.

איך האָב זיך גענומען צום היטל.

— איר זענט סך־הכּל אַ האַלבע שעה געזעסן, און גיט נאָר אַ קוק, וויפיל פראַגן מיר האָבן געלייזט! — האָט געזאָגט אָרלאָוו, באַ־גלייטנדיק מיך ביזן פאָרצימער, — וועל איך זיך זעען מיט פּיעקאַרסקין. איר קענט זיין רויק.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן ביז איך וועל זיך אָנטון און איז, קענטיק, געווען צופרידן, וואָס איך גיי שוין אַוועק.

— געאָרגי איוואַניטש, גיט מיר אָפּ מיין בריוו, — האָב איך גע־זאָגט.

— גוט.

ער איז אַוועק אין קאַבינעט אַריין, און אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט מיטן בריוו. איך האָב אָפּגעדאַנקט און בין אַרויס־געגאַנגען.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך דערהאַלטן פון אים אַ צעטעלע. ער האָט מיך באַגריסט מיט דער גיכסטיקער לעזונג פון דער פראַגע. פּיע־קאַרסקי האָט אַ באַקאַנטע דאַמע, וועלכע האַלט אַ פּענסיע, אַזאַ מין קינדער־גאָרטן, וואו ס'ווערן אָנגענומען אפילו נאָך גאָר קליינע קינדער. אויף דער דאַמע קען מען זיך פולשטענדיק פאַרלאָזן, נאָר איידער מען גייט מיט איר איין, שאַדט נישט איבערצורעדן מיט קראַסנאָווסקין — אַזוי פאָדערט די פאָרמאַליטעט. ער עצהט מיר, כ'זאָל תּיכּף אַוועק צו פּיע־קאַרסקין, און אָגב פּיטנעמען מיט זיך, אויב ס'איז פאַראַן, אַ געבורט־

צייגניש. „נעמט אָן די פאַרזיכערונג אין אויפריכטיקער אַכטונג און אי־
בערגעגעבנהייט פון אייער אונטערטעניקן דינער“...

איך האָב געלייענט דעמדאָזיקן בריוו, און סאָניע איז געזעסן אויפן טיש און געקוקט אויף מיר אויפמערקזאַם, נישט רירנדיק מיט קיין אויג, גלייך זי וואָלט געוואוסט, אַז ס'ווערט באַשלאָסן איר גורל.

די לופטנשפרינגער׳ן

I.

בּאַ אָלגאַ איוואַנאָוונען אויף דער חתונה זענען געווען אַלע אירע פריינד און גוטע באַקאַנטע.

— גיט אַ קוק אויף אים: אמת, אין אים איז עפּעס פאַרהאַן? — האָט זי אָנגעוויזן אירע פריינד אויפן מאַן, אַזוי ווי וועלנדיק דערקלערן, פאַרוואָס זי האָט עס חתונה געהאַט מיט אַ פּשוטן גאַנץ געוויינטלעכן און מיט גאָרנישט מערקווירדיקן מענטש.

איר מאַן, אָסיפּ סטעפּאַניטש דימאָוו, איז געווען אַ דאָקטאָר און האָט געהאַט אַ ראַנגע פון אַ טיטולאַרן מלוכה־ראַטמאַן. געדינט האָט ער אין צוויי שפּיטאָלן: אין איינעם אַלס הויפּט־אָרדינאַטאָר און אין צווייטן — אַלס פּראָזעקטאָר. יעדן טאָג פון 9 אינדערפרי ביז מיטאָג האָט ער אָנגענומען קראַנקע און זיך פאַרנומען אין זיין אָפּטיילונג, און נאָכמיטאָג פלעגט ער פאָרן אין צווייטן שפּיטאָל אַריין און דאָרטן פאַלמעסן די געשטאָרבענע קראַנקע. די פּריוואַטע פּראַקטיק זיינע איז געווען אַ נישטיקע, בערך פינף הונדערט רובל איבערן יאָר. דאָס איז אַלץ. וואָס נאָך קען מען וועגן אים זאָגן? אַ קייגן־אָבער אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, אירע פריינד און גוטע באַקאַנטע זענען געווען נישט גאָר קיין געוויינלעכע מענטשן. איטלעכער פון זיי איז געווען מיט עפּעס מערקווירדיק און אַ ביסל באַוואוסט, האָט שוין געהאַט אַ נאָמען און זיך גערעכנט פאַר אַ באַרימטהייט, אָרע

ווען ער ער איז נאָך אפילו נישט געווען באַרימט, האָט ער אָבער דערפאַר געגעבן גלענצנדיקע האָפנונגען. און אָט: אַן אַרטיסט פון דראַמאַטישן טעאַטער, אַ גרויסער, שוין לאַנג אָנערקענטער טאַלענט, אַ גאַלאַנטער, קלוגער און באַשיידענער מענטש און אַן אויסגעצייכנטער רעציטאַטאָר, וועלכער האָט געלערנט אָלגאַ איוואַנאָוונען רעציטירן; אַ זינגער פון דער אָפּערע, אַ גוטמוטיקער בעל-גוף, וואָס פלעגט מיט אַ זיפץ פאַרזיכערן אָלגאַ איוואַנאָוונען, אַז זי פירט זיך איבער: ווען זי וואָלט זיך נישט געפוילט און זיך גענומען אין די הענט אַריין, וואָלט פון איר אַרויסגעקומען אַ מערקווירדיקע זינגערין; דאַן, עטלעכע קינסטלער און בראש פון זיי דער זשאַנריסט, אַנימאַליסט און פייזאַזשיסט ריאַבאָווסקי, זייער אַ שיינער בלאָנדער יונגערמאַן, פון אַ יאָר 25, וועלכער האָט געהאַט דערפאָלג אויף די אויסשטעלונגען און וואָס האָט פאַרקויפט זיין לעצט בילד פאַר 500 רובל. ער פלעגט פאַרריכטן אָלגאַ איוואַנאָוונען אירע עטיודן און זאָגן, אַז פון איר וועט, קען זיין, אַרויסקומען אַ לייט; דאַן אַ וויאָלאָנטשעליסט, וואָס דער אינסטרומענט האָט בא אים געוויינט, און וועלכער פלעגט אָפנהאַרציק מודה זיין, אַז פון אַלע אים באַקאַנטע פרויען קען אַקאָמפּאַנירן בלויז איין אָלגאַ איוואַנאָוונאַ; דאַן אַ ליטעראַט, אַ יונגער, נאָר שוין אַ באַוואוסטער, וועלכער האָט געשריבן ראָמאַנען, דראַמען און דערציילונגען. ווער נאָך? נו, נאָך וואַסילי וואַסיליעוויטש, אַ פריץ-אַ גוט-באַזיצער, אַ דילעטאַנט-אילוסטראַטאָר און וויניעטיסט, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַרן אַלטן רוסישן סטיל, פאַר פאָלקלאָר און פאָלקס-עפּאָס; אויף פּאַפּיר, אויף פּאָרצעליי און פאַר קאָפּטשעטע טעלערס פלעגט ער ממש באַווייזן וואונדער. אין דער סביבה פון דערדאָזיקער אַרטיסטישער, פרייער און דורכן לעבן צעבאַלעוועטער חברה, וועלכע איז, אמת, געווען סובטעל און באַשיידן, אָבער וועלכע פלעגט זיך דערמאָנען אָן דער עקזיסטענץ פון עפּעס דאָקטוירים נאָר בשעת אַ קראַנקהייט, — פאַר דערדאָזיקער חברה האָט דער נאָמען די-מאָוו געקלונגען אַקוראַט אַזוי גלייכגילטיק, ווי סידאָראָוו אָדער סאַראַטאָוו און ער אַליין האָט אויסגעוויזן פרעמד, איבעריק און קליינטשיק, כאָטש ער איז געווען הויכוואוקסיק און ברייטפּלייציק. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אָנגעטאָן אין אַ פרעמדן פראַק און אַז בא אים איז [illegible] סוביעקטיש בערדל. איבעריקנס, ווען ער וואָלט געווען אַ שרייבער

אָדער אַ קינסטלער, וואָלטן זיי געזאָגט, אַז מיט זיין בערדל דערמאַנט ער זאַלאַן.

דער אַרטיסט האָט געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונען, אַז מיט אירע פלאַק־סענע האָר און אינם חתונה־שטאָט איז זי זייער ענלעך צו אַ שלאַנק קערשנביימל, ווען ס'איז פרילינג־צייט געדיכט באַדעקט מיט צאַרטע ווייסע בלימעלעך.

— ניין, הערט נאָר! — האָט אים געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, אָנ־כאַפנדיק אים בײַ דער האַנט, — ווי אַזוי האָט דאָס געקענט פּלוצלינג געשען? הערט נאָר, הערט.. כ'דאַרף אייך זאָגן, אַז מיין פאָטער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט דימאָוון אין איין שפּיטאָל. ווען דער פאָטער איז געבליבן, קראַנק געוואָרן, האָט דימאָוו גאַנצע טעג און נעכט דיזשורירט בײַ זיין געלעגער. אַזוי פיל זעלבסטאָפּפערונג! הערט, ריאַבאָווסקי... און איר, שרייבער, הערט, ס'איז זייער אינטערעסאַנט. קומט אַהער נענטער. זיפיל זעלבסטאָפּפערונג! איך בין אויך נישט געשלאָפן אַ נאַכט און געזעסן לעבן פאָטער, און פּלוצלינג — גוט מאָרגן, כ'האָב באַזיגט דעם בחור! מיין דימאָוו האָט זיך פאַרליבט איבער די אויערן. כ'לעבן, דאָס מזל איז טיילמאָל אַזוי אויסטערליש. יאָ, נאָכן פאָטערס טויט פלעגט ער אַמאָל קומען צו מיר, כ'פלעג אים טרעפן אויף דער גאַס און אין איין שיינעם העלן טאָג האָט ער פּלוצלינג — באַץ! געמאַכט אַ פאָרשלאַג... ס'איז פאָרגעקומען אינגאַנצן אומדערוואַרט... איך האָב אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעוויינט און אַליין זיך גיהנומדיק איינגעליבט. און אָט ווי איר זעט, בין איך געוואָרן זיין ווייב. אמת, אין אים איז פאַרהאַן עפּעס שטאַרקס, מעכטיקס, בערישס? אַצינד איז זיין פּנים געווענדט צו אונז אויף דריי פערטל, ס'איז שלעכט באַלויכטן, נאָר ווען ער וועט זיך אויסדרייען, זאָלט איר אַ קוק טון אויף זיין שטערן. ריאַבאָווסקי, וואָס וועט איר זאָגן אויף דעם שטערן? דימאָוו, מיר רעדן וועגן דיר! — האָט זי אויסגעשריגן צום מאַן. — קום אַהער, שטרעק אויס דיין ערלעכע האַנט ריאַבאָווסקין... אָט אַזוי, זייט גוטע פריינד.

דימאָוו האָט מיט אַ נאַיוון, גוטמוטיקן שמייכל אויסגעשטרעקט ריאַבאָווסקין די האַנט און געזאָגט:

— ס'פרייט מיך זייער, מיט מיר צוזאַמען האָט געענדיקט דעם

אוניווערזיטעט אַ געוויסער ריאַבאָווסקי. עס איז נישט אייערס אַ קרוב?

II.

אַלגאַ איוואַנאָוונאַ איז אַלט געווען 22 יאָר, דימאָוו — 31. נאָך דער חתונה האָבן זיי אָנגעהויבן לעבן גרויסאַרטיק. אַלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט אין גאַסטצימער געדיכט באַהאָנגען אַלע ווענט מיט אייגענע און פרעמדע עטיודן אין ראַמען און אָן ראַמען, און לעבן דעם פּאַרטעפּיאַן און מעבל האָט זי איינגעאָרדנט אַ שיינע אָנגעוואָרפנקייט פון כינעזישע שירם־דעקן, מאָלבערטער, פאַרשידנפאַרביקע טיכעלעך, קינזשאַלן, ביוסטלעך, פּאָטאָגראַפיעס. . . אינם גאַסטצימער האָט זי אויסגעקלאַפּט די ווענט מיט קאָרע־בילדלעך, אויפגעהאָנגען לאַפּטשעס מיט אַ סערפּ, אַוועקגעשטעלט אין ווינקל אַ קאָסע און אַ גראַבליע, און ס׳האָט זיך באַקומען אַ גאַסט־צימער אין רוסישן געשמאַק. אין שלאָפצימער האָט זי, כדי ס׳זאָל זיין ענלעך צו אַ הייל, אויסגעדראַפּירט דעם סופיט און די ווענט מיט טונ־קעלן טוך, האָט אויפגעהאָנגען איבער די בעטן אַ ווענעציאַנישן לאַמטערן, און באַ די טירן האָט זי אַנידערגעשטעלט אַ פיגור מיט אַ האַלעבאַרדע. און אַלע האָבן איינגעפונען, אַז באַם יונגן פּאָרפאָלק איז זייער אַ ליב ווינקעלע.

יעדן טאָג, אויפשטייענדיק פון געלעגער אַרום עלף אַ זייגער, האָט אַלגאַ איוואַנאָוונאַ געשפּילט אויפן פּאַרטעפּיאַן, אָדער גאָר, ווען ס׳איז געווען אַ זון, געמאָלט עפּעס מיט אייל־פּאַרבן, נאָכדעם, אַרום איינס, איז זי געפאָרן צו איר שניידערין. מחמת דעם, וואָס דימאָוו האָט פאַר־דינט זייער ווייניק געלט, קוים צום אויסקומען, און אַלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט, פונדסטוועגן, געוואָלט אָפט זיך באַווייזן אין נייע קליידער און איבעררראַשן מיט אירע שטעטער, פלעגט איר און דער שניידערין אויס־קומען זיך צו באַנוצן מיט פאַרשידענע שפּיצלעך. זייער אָפט איז פון

אַן אַלט איבערגעפאַרבט קלייד, פון גאַרנישט קאָסטנדיקע שטיקלעך טיול, שפּיצן, פּליוש און זייד אַרויסגעקומען פּשוט וואונדער, עפּעס פּישופּדיקס; נישט קיין קלייד, נאָר אַ טרוים. פון דער שניידערין איז אָלגאַ איוואַ= נאָוונאַ געוויינטלעך געפאָרן צו עפּעס אַ באַקאַנטער אַרטיסטין, כּדי גע= וואויר צו ווערן טעאַטער=נייעס און אגב זיך באַזאָרגן מיט אַ בילעט צו דער פּרעמיערע פון אַ נייער פּיעסע אָדער צו אַ בענעפיס. פון דער אַר= טיסטין האָט מען געדאַרפט פאָרן אין דער אַטעליע פונם קינסטלער אָדער אויף אַ בילדער=אויסשטעלונג, דערנאָך צו עמעצן פון די באַרימט= קייטן — איינלאַדן צו זיך, אָדער אָפּגעבן אַ וויזיט, אָדער סתּם אַ ביסל פּלוידערן. און אומעטום האָט מען זי מקבל פּנים געווען פריילעך און פריינדלעך און זי פאַרזיכערט, אַז זי איז אַ וואוילע, אַ ליבע, אַ זעל= טענע. . . די אַלע, וואָס זי האָט גערופן באַרימטע און גרויסע, האָבן זי אויפגענומען, ווי אַן אייגענע, ווי זייערס גלייכן, און איינשטימיק איר פאַר= געזאָגט, אַז בײַ אירע טאַלענטן, געשמאַק און שׂכל, וועט פון איר אַרויס= קומען, אויב זי וועט זיך נאָר נישט צעבערעקלען, עפּעס גרויסעס. זי האָט געזונגען, געשפּילט פּאָרטעפּיאַן, געמאָלט, געקלעפּט, זיך באַטייליקט אין אַמאַטאָרישע ספּעקטאַקלען, און דאָס אַלץ נישט גלאַט אַזוי, נאָר מיט טאַלענט; האָט זי געמאַכט לאָמטערלעך אויף אַן אילומינאַציע, צי זי האָט זיך אַליין אויסגעצירט אָדער ווען פאַרבונדן אַ קראַוואַט — אַלצדינג איז בײַ איר אַרויסגעקומען אומגעווייטלעך קינסטלעריש, גראַציעז און באַחנט. אָבער אין קיין שום זאַך האָט זיך איר טאַלענטירטקייט נישט אַרויסגעוויזן אַזוי בולט, ווי אין איר קענטניש שנעל צו באַקענען זיך און נאָענט צונויפ= גיין זיך מיט באַרימטע מענטשן. ס'האָט נאָר באַדאַרפט עמעצער כאָטש אַ ביסל באַרימט ווערן און לאָזן פון זיך הערן, ווי זי האָט זיך שוין באַקענט מיט אים און דעם אייגענעם טאָג זיך באַפריינדעט און איינגע= לאַדן צו זיך. יעדע נייע באַקאַנטשאַפט איז געווען פאַר איר אַן אמתדי= קער יום=טוב. זי האָט פאַרגעטערט די באַרימטע מענטשן, האָט שטאָל= צירט מיט זיי און יעדע נאַכט געזען זיי אין חלום. זי האָט געדורשט נאָך זיי און אַבסאָלוט נישט געקענט איינשטילן איר דורשט. די אַלטע זענען אַוועקגעגאַנגען און פאַרגעסן געוואָרן, אויף זייער אָרט זענען געקו= מען נייע, אָבער אויך צו די נייע איז זי גיך צוגעוואוינט געוואָרן אָדער האָט זיך אין זיי אַנטוישט און אָנגעהויבן ווידער דורשטיק זוכן נ...

און נייע גרויסע מענטשן, האָט געפונען און ווייטער געזוכט. נאָכ־וואָס?

אַרום פינף האָט זי געגעסן מיטאָג אינדערהיים מיטן מאַן. זיין פּשטות, געזעצטער שכל און גוטמוטיקייט האָבן בײַ איר אַרויסגערופן אַ בחתדיק געפיל און התפּעלות. זי פלעגט אַלץ־אײנאײנעם אויפשפרינגען, האַסטיק אַרומנעמען זיין קאָפּ און באַדעקן אים מיט קושן.

— דו, דימאָוו, ביסט אַ קלוגער, איידעלער מענטש, — האָט זי געזאָגט: — נאָר אין דיר איז פאַרהאַן איין זייער וויכטיקער חסרון. דו אינטערעסירסט זיך לגמרי נישט מיט קיין קונסט. דו לייקנסט־אָפּ סיי מו־זיק, סיי מאָלעריי.

— איך פאַרשטיי דאָס נישט, — האָט ער מילד געענטפערט. — איך האָב דאָס גאַנצע לעבן זיך פאַרנומען מיט נאַטור־וויסנשאַפט און מעדיצין, און כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט צו אינטערעסירן זיך מיט קונסט.

— אָבער דאָס איז דאָך שרעקלעך, דימאָוו!

— פאַרוואָס־זשע? דיינע באַקאַנטע קענען נישט קיין נאַטור־וויסנ־שאַפט און מעדיצין, פונדעסטוועגן האָסטו נישט פאַראיבל אויף זיי דער־פאַר. איטלעכער האָט זיך זיינס. איך פאַרשטיי נישט קיין פּייזאַזשן און אָפּערעס, נאָר איך קלער אַזוי: אויב געוויסע קלוגע מענטשן ווידמען זיי זייער לעבן, און אַנדערע קלוגע מענטשן צאָלן פאַר זיי היפּש געלט, ה׳יסט עס, אַז זיי זענען נייטיק. איך פאַרשטיי נישט, נאָר נישט פאַר־שטיין הייסט נישט — לייקענען.

— לאָז, איך וועל אַ דרוק טון דיין ערלעכע האַנט!

נאָך מיטאָג איז אָלגאַ איוואַנאָוונאַ געפאָרן צו באַקאַנטע, דערנאָך אין טעאַטער אָדער אויף אַ קאָנצערט און האָט זיך אומגעקערט אַהיים נאָך האַלבער נאַכט. אַזוי יעדן טאָג.

יעדן מיטוואָך זענען בײַ איר פאַרגעקומען אָוונטן. אויף דידאָ־זיקע אָוונטן האָט די ווירטין און די געסט נישט געשפּילט אין קאָרטן און נישט געטאַנצט, נאָר זיי האָבן זיך אַמיזירט מיט פאַרשידענע קונסט־פאַרוויילונגען. דער אַרטיסט פון דראַמאַטישן טעאַטער האָט רעציטירט, דער זינגער האָט געזונגען, די מאָלערס האָבן געמאָלט אין די אַלבאָ־מען, וועלכע אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט פאַרמאָגט אַ גוזמא, דער וויאָלאָנ־

טשעליסט האָט געשפּילט, און די ווירטין אַליין האָט אויך געמאָלט, געקלעפּט, געזונגען און אַקאָמפּאַנירט. אין די הפסקות צווישן דער רעציטאַציע, מוזיק און געזאַנג האָט מען גערעדט און דיסקוטירט וועגן ליטעראַטור, טעאַטער און מאָלעריי. קיין דאַמען זענען נישט געווען, מחמת אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט געהאַלטן אַלע דאַמען, אַ חוץ אַרטיסטינס און איר שניידערין, פאַר לאַנגווייליקע און באַנאַלע. קיין איין אָוונט איז נישט דורכגעגאַנגען, אַז די ווירטין זאָל נישט אויפציטערן בײַ יעדן קלונג און נישט זאָגן מיט אַ טריומפאַל פּנים: „דאָס איז ער!“, פאַרשטייענדיק אונטערן וואָרט „ער“ עפּעס אַ נייע איינגעלאַדענע באַרימטקייט. דימאָוו איז אין גאַסטצימער נישט געווען, און קיינער האָט נישט דערמאַנט אָן זיין עקזיסטענץ. נאָר פּונקט האַלב צוועלף האָט זיך געעפנט די טיר, וואָס פירט אין עסצימער, ס'האָט זיך באַוויזן דימאָוו מיט זיין גוטמוטיקן מילדן שמייכל און געזאָגט, רייבנדיק די הענט:

— זייט זיך מטריח, מיינע הערן, צו פאַרבייסן.

אַלע זענען אַריינגעגאַנגען אין עסצימער און איטלעכעס מאָל האָט מען געזען אויפן טיש איינס און דאָס זעלבע: אַ טעלער מיט אָסטריגעס, אַ שטיק וואורשט אָדער קעלבערנס, סאַרדין, קעז, שוואָמען, בראָנפן און צוויי קאַראַפינקעס מיט וויין.

— מיין ליבער מעטר ד'אָטעל — האָט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, אַ פּאַטש טוענדיק מיט די הענט פון התפעלות. — דו ביסט פשוט באַצויבערנד! מיינע הערן, גיט אַ קוק אויף זיין שטערן! דימאָוו, דריי זיך אויס אין פּראָפיל. מיינע הערן, גיט אַ קוק: דאָס פּנים פון אַ בענגאַלישן טיגער, און דער אויסדרוק אַ גוטער און אַ ליבער, ווי בײַ אַ הירש. או, ליבער!

די געסט האָבן געגעסן און, קוקנדיק אויף דימאָוון, געטראַכט: „אינדעראמתן, אַ וואוילער חברה־מאַן“, — נאָר אינגיכן האָבן זיי פאַרגעסן אָן אים און האָבן ווייטער גערעדט וועגן טעאַטער, מוזיק און מאָלעריי.

דאָס יונגע פּאָרפאָלק איז געווען גליקלעך און זייער לעבן איז געפלאָסן ווי איבער פּוטער. איבעריקנס, די דריטע וואָך פון זייער האָניק־חודש איז פאַרברענגט געוואָרן נישט גאָר גליקלעך, זאָגאַר טרויעריק. דימאָוו האָט זיך אָנגעשטעקט אין שפּיטאָל מיט אַ רויז, איז אָפּגעלעגן

זעקס טאָג איז בעט און האָט געמוטשעט ביז דער הויט אָפּשערן זיינע שיינע שוואַרצע האָר. אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז געזעסן לעבן אים און האָט ביטער געוויינט. נאָר ווען אים איז בעסער געוואָרן, האָט זי אָנגעטאָן אויף זיין געשוירענעם קאָפּ אַ ווייס טיכל און אָנגעהויבן מאָלן פון אים אַ בעדוינער. און ס'איז זיי ביידע געווען פריילעך. אַן ערך דריי טאָג נאָכדעם, ווי ער איז געזונט געוואָרן און האָט ווידער אָנגעהויבן גיין אין שפּיטאָל אַריין, האָט מיט אים פּאַסירט אַ ניי מיספאַרשטענדניש.

— מיר גייט נישט, מאַמע! — האָט ער געזאָגט אַמאָל באַם מיטאָג, — איך האָב היינט געהאַט פיר סעקציעס און כ'האָב זיך איינגעשניטן צוויי פינגער אויפאַמאָל. און ערשט אינדערהיים האָב איך עס באַמערקט.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך דערשראָקן. ער האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט, און אַז אים טרעפט זיך אָפט בשעת די סעקציעס צו מאַכן זיך שניטן אין די הענט.

— איך פאַרגעס זיך, מאַמע, און ווער צעשטרייט.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט מיט אומרו דערוואַרט אַ בלוט-פאַרסמונג און האָט באַנאַכט מתפלל געווען צו גאָט, אָבער אַלץ איז אַדורך בשלום. און ס'האָט ווידער אָנגעהויבן פליסן אַ פרידלעך גליקלעך לעבן אָן טרויער און דאגות. די קעגנוואַרט איז געווען הערלעך, און זי צו פאַרבייטן האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג, וואָס האָט שוין פונדערווייטנס געשמייכלט און צוגעזאָגט טויזנט גדולות. ס'וועט גאָרנישט זיין קיין סוף צום גליק! אין אַפּריל, אין מאַי און יוני אַ זומער-וואוינונג וויט הינטער דער שטאָט, שפּאַצירן, עטיודן, פיש-פאַנג, סאָלאָוויי-געזאַנג, און נאָכדעם פון יולי ביזן סאַמע האַרבסט, אַן אויספלוג פון קינסטלער אויף דער וואָלגע און אינם דאָזיקן אויספלוג וועט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, ווי אַן אומבאַדינגטער מיטגליד פון דער חברותא, אויך אָנטייל נעמען. זי האָט זיך שוין אויפגענייט צוויי רייזע-קאָסטיומען פון לייוונט, געקויפט אין וועג אַריין פאַרבן, פּענזלען, לייוונט און אַ נייע פּאַליטרע. כמעט יעדן טאָג איז צו איר געקומען ריאַבאָווסקי, כדי אַ קוק צו טון, סאַראַ פאַרשריט זי האָט געמאַכט אין מאָלעריי. ווען זי האָט אים געוויזן איר מאָלעריי, האָט ער טיף אַריינגע-

רוקט די הענט אין די קעשענעס, פּעסט צונויפגעפּרעסט די ליפּן, געסאַ-
פּעט און געזאָגט:

— יאָ... דערדאָזיקער וואָלקן שרייט באַ אייך; ער איז באַלויכטן
נישט אָונטמעסיק. דער פּאָרנטיקער פּלאַן איז עפּעס אַזוי אָפּגעריסן און
עפּעס, איר פּאַרשטייט, נישט דאָס... און דאָס שטיבעלע האָט זיך באַ
אייך דערוואָרגן מיט עפּעס און פּישטשעט נעבעך... דאָסדאָזיקע ווינקל
האָט מען געדאַרפט אַ ביסל טונקעלער נעמען. אָבער אין אַלגעמיין
נישקשה... איר פּאַרדינט לויב.

און וואָס מער אומפאַרשטענדלעך ער האָט גערעדט, אַלץ לייכטער
האָט אַלגאַ איוואַנאָוונאַ אים פאַרשטאַנען.

III

אויפן צווייטן טאָג פונם גרינעם יום-טוב, נאָך מיטאָג, האָט דימאַ
געקויפט פּאַרבייסעכצן און צוקערוואַרג און איז אָוועקגעפאָרן צום ווײַ
אויף דער זומערוואוינונג. ער האָט זיך שוין נישט געזען מיט איר צוו
וואָכן און האָט זיך שטאַרק פּאַרבענקט. בשעת ער איז געזעסן אין וואַג
און נאָכדעם, בשעתן אַרומזוכן אין דעם גרויסן וואַלד זיין דאַטשע, האָ
ער די גאַנצע צייט געשפּירט אַ הונגער און אַ מידקייט און געטרוימ
וועגן דעם, ווי ער וועט אויף דער פרייער נאַטור אָפּעסן אײַנײַנעם מיט
ווייב נאַכטעסן און נאָכדעם זיך אָוועקלייגן שלאָפן. און אים איז פריי
לעך געווען צו קוקן אויף זיין פּעקעלע, אין וועלכן ס'איז געווען פּאַר
פּאַקט קאַוויאָר, קעז און לאַקס. ווען ער האָט אָפּגעזוכט זיין דאַטשע א
זי דערקענט, איז שוין אונטערגעגאַנגען די זון. די זקנה — די דינסט
האָט געזאָגט, אַז די מאַדאַם איז נישטאָ אינדערהיים און זיי וועלן
מסתמא, באַלד קומען. אין דער דאַטשע, — זייער נישט קיין אימפּאָ-
נירנדיקער אויפן קוק, מיט נידעריקע, אויסגעקלעפּטע מיט שרייב-פּאַפּיר
באַלקנס, און מיט נישט גלייכע געשפּאָלטענע פּאָדלאָגעס, — איז גע-
ווען דריי צימערן. אין אײַנעם איז געשטאַנען אַ בעט, אין צווייטן האָבן

אויף די שטולן און די פענסטער זיך געוואַלגערט לייוונטן, פענזלעס, פאַרפּעצט פּאַפּיר און מאַנסבילשע פּאַלטנס און קאַפּעלושן, און אינם דריטן האָט דימאָוו געטראָפן עפּעס דריי אומבאַקאַנטע מענער. צוויי זע-נען געווען ברונעטן מיט בערד, און דער דריטער איז געווען אינגאַנצן א געגאָלטער און א דיקער, קענטיק, — אַן אַקטיאָר. אויפן טיש האָט גע-זאָטן א סאַמאָוואַר.

— וואָס ווינטשט איר ? — האָט געפרעגט דער אַקטיאָר מיט א באַס, קאַלט באַטראַכטנדיק דימאָוון. — איר דאַרפט האָבן אָלגאַ איוואַ-נאָוונען ? וואַרט צו, זי וועט באַלד קומען.

דימאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן צו וואַרטן. איינער פון די ברונעטן האָט, וואַרפנדיק אויף אים שלעפעריקע און פלעגמאַטישע בליקן, זיך אָנגעגאָסן טיי און געפרעגט :

— איר ווילט, אפשר, טיי ?

דימאָוון האָט זיך געוואָלט אי עסן, אי טרינקען, אָבער, כּדי זיך נישט קאַליע צו מאַכן דעם אַפּעטיט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון טיי. אינגיכן האָבן זיך דערהערט טריט און א באַקאַנט געלעכטער ; עס האָט זיך האַסטיק געעפנט די טיר, און אין שטוב איז אַריינגעלאָפן אָלגאַ איוואַנאָוונאַ אין א ברייטראַנדיקן הוט און מיט א קעסטל אין דער האַנט, און באַלד נאָך איר איז מיט א גרויסן שירמדעק און מיט אַן איינגלייג-שטול אַריינגעקומען דער פריילעכער, רויטבאַקיקער ריאַבאָווסקי.

— דימאָוו ! — האָט אויסגעשריגן אָלגאַ איוואַנאָוונאַ און אויפגע-פלאַמט פון פרייד, — דימאָוו ! — האָט זי איבערגעחזרט, אַנידערלייגנ-דיק אים אויף דער ברוסט איר קאָפּ און ביידע הענט. — דאָס ביס-טו ? פאַרוואָס ביסטו אַזוי לאַנג נישט געקומען ? פאַרוואָס ? פאַר-וואָס ?

— ווען האָב איך דען געקענט, מאַמע ? איך בין שטענדיק פאַר-נומען, און ווען איך ווער פריי, מאַכט זיך מיר שוין כּסדר אַזוי, אַז דער צוג גייט אָפּ אין אַן אַנדערער צייט.

— נאָר ווי מיך פרייט דיך צו זעען ! א גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר וועגן דיר געחלומט, א גאַנצע נאַכט, און איך האָב מורא געהאַט, אַז דו זאָלסט נישט חלילה קראַנק ווערן. אַך, דו ווייסט גאָרנישט, ווי ליב דו ביסט, ווי פּונקט צו דער צייט דו ביסט געקומען צו פאָרן ! דו

וועסט זיין מיין רעטער. נאָר דו אַליין קאָנסט מיך ראַטעווען ! מאָרגן
וועט דאָ זיין אַ העכסט אָריגינעלע חתונה, — האָט זי פאָרגעזעצט, לאַכנ=
דיק און פאַרבינדנדיק דעם מאַן דעם קראַוואַט. — ס׳האָט חתונה אַ ייִנ=
גער טעלעגראַפיסט אויף דער סטאַציע, אַ געוויסער טשיקעלדיעיעוו, אַ
שיינער ייִנגערמאַן, נישט קיין נאַר, און אינם פּנים באַ אים איז דאָ,
פאַרשטייסט, עפּעס שטאַרקס, בעריִשס. . . מען קען פון אים אַ ייִנגן וואַ=
ראַג מאַלן. מיר, אַלע דאַטשניקעס, נעמען אָנטייל אין אים און האָבן אים
געגעבן דאָס ערנוואָרט צו זיין באַ אים אויף דער חתונה. . . ס׳איז אַ
מענטש נישט קיין רייכער, אַן עלנדער, אַ שעמעוודיקער און ס׳וואָלט
באַטירלעך, געווען אַן עבירה אים אָפּצוזאָגן אין אָנטייל. שטעל זיך פאָר :
נאָכן גאָטעס=דינסט די חופּה, נאָכדעם פון דער קירכע אַלע צופיס ביז
דער כלהס וואוינונג. . . פאַרשטייסט, אַ וועלדל, געזאַנג פון פייגל, זונ=
פלעקן אויפן גראָז און מיר אַלע — ווי פאַרשידנפאַרביקע פלעקן אויף
דעם העל=גרינעם פאָן — העכסט=אָריגינעל, אינם סטיל פון די פראַנצויזי=
שע עקספּרעסיאָניסטן. נאָר דימאָוו, אין וואָס וועל איך גיין אין קירכע
אַריין ? — האָט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט און געמאַכט אַ וויינענדיק
פּנים. — איך האָב דאָ גאָרנישט, בוכשטעבלעך גאָרנישט ! נישט קיין
קלייד, נישט קיין בלומען, נישט קיין הענטשקעס. דו מוזסט מיך ראַטעווען.
קוים ביסטו געקומען, הייסט עס, אַז דער גורל אַליין הייסט דיך מיך
ראַטעווען. נעם, מיין טייערער, די שליסלען, פאָר אַהיים און נעם דאָרטן
אין גאַרדעראָב מיין ראָזע קלייד, דו געדענקסט עס, ס׳הענגט דאָס ער=
שטע. . . נאָכדעם אין שפּייכלער, רעכטס אויף דער פּאָדלאָגע, וועסטו
זען צוויי שעכטלעך. אַז וועסט עפענען דאָס אויבערשטע, איז דאָרט בלויז
טיול, טיול, טיול און פאַרשידענע שטיקלעך, און אונטער זיי געפינען זיך
בלומען. די בלומען נעם אַלע אַרויס פאָרזיכטיק, באַמי זיך, נשמה מיי=
נע, נישט צו צעקנייטשן, און איך וועל שוין דערנאָך אויסקלייבן. . .
און הענטשקעס קויף.

— גוט, — האָט געזאָגט דימאָוו. — איך וועל מאָרגן פאָרן און צושיקן.

— ווען=זשע מאָרגן ? — האָט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ געפרעגט און אַ קוק
געטון אויף אים מיט פאַרוואונדערונג — ווען=זשע וועסטו באַוויינען מאָרגן ?
מאָרגן גייט אָפּ דער ערשטער צוג ביין אַ זייגער און די חופּה איז 11.
ביין, קרוין, מען דאַרף הייגט, דורכויס הייגט. אויב דו וועסט נישט מאָרגן

קענגען קומען, שיק עס צו מיט א שליח, נו, גיי־זשע. . . באַלד דאַרף אָנ־
קומען דער פּאַסאַזשיר־צוג. פאַרשפּעטיק נישט, נשמה מיינע.

— גוט.

— אַך, סאַראַ שאָד מיר איז דיך אַוועקצולאָזן, — האָט געזאָגט אַלגאַ איוואַנאָווגאַ און טרערן זענען איר אָנגעקומען אין די אויגן. — און נאָכוואָס האָב איך, נאַר, געגעבן דאָס וואָרט דעם טעלעגראַפיסט?

דימאָוו האָט שנעל אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי, גענומען אַ בייגל און, מילד שמייכלענדיק, איז ער אַוועקגעגאַנגען אויף דער סטאַציע. און דעם קאַוויאַר, דעם קעז און דעם לאַקס האָבן אויפגעגעסן די צוויי ברו־נעטן מיטן דיקן אַקטיאָר.

IV.

אין אַ שטילער תמוזדיקער לבנה־נאַכט איז אַלגאַ איוואַנאָווגאַ גע־שטאַנען אויפן דעק פון אַ וואָלגע־דאַמפער און האָט געקיקט דאָ אויפן וואַסער, דאָ אויף די שיינע ברעגעס. לעבן איר איז געשטאַנען ריאַבאָוו־סקי און גערעדט צו איר, אַז די שוואַרצע שאָטנס אויפן וואַסער זענען נישט קיין שאָטנס, נאָר אַ חלום, אַז קוקנדיק אויפן דאָזיקן כּישופדיקן וואַסער מיטן פאַנטאַסטישן גלאַנץ, — קוקנדיק אויפן ענדלאָזן הימל און אויף די טרויעריקע, פאַרטראַכטע ברעגעס, וועלכע רעדן וועגן דער פאַר־האַוועטקייט פון אונזער לעבן און וועגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס הע־כערס, אייביקס, גליקזעליקס, — פאַרגלוסט זיך צו פאַרגעסן זיך, צו שטאַרבן, ווערן אַ געדעכעניש. דער עבר איז באַנאַל און נישט אינטערע־סאַנט, די צוקונפט איז נישטיק, און דידאָזיקע וואונדערבאַרע, איינציקע אין לעבן, נאַכט וועט באַלד זיך ענדיקן, זיך צונויפגיסן מיט דער איי־ביקייט — צוּוואָס־זשע לעבן?

און אַלגאַ איוואַנאָווגאַ האָט זיך צוגעהערט דאָ צו ריאַבאָווסקיס קול, דאָ צו דער נאַכטיקער שטילקייט און געקלערט וועגן דעם, אַז זי איז אומשטערבלעך און וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן. דער טורקיסן־קאָ־

ליר פונם וואַסער, וועלכן זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, דער הימל, די ברעגעס, שוואַרצע שאָטנס און די אומענדלעכע פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט איר נשמה, האָבן איר געזאָגט, אַז פון איר וועט אַרויסקומען אַ גרויסע קינסטלערין, און אַז ערגעץ־וואו דאָרטן הינטער די מרחקים, הינטער דער לבנה־נאַכט, אין אומענדלעכן חלל — דערוואַרטן זי דער־פאָלג, רום, ליבע פון פאָלק... ווען זי האָט, נישט רירנדיק מיט קיין אויג, לאַנג געקוקט אין דער ווייט, האָבן זיך איר אויסגעוויזן מחנות מענטשן, פייערן, פייערלעכע קלאַנגען פון מוזיק, ענטוזיאַסטישע געשרייען, זי אַליין אין אַ ווייס קלייד און בלומען, וואָס שיטן זיך אויף איר פון אַלע זייטן. זי האָט אויך געקלערט וועגן דעם, אַז לעבן איר, אָנגעשפאַרט אָן שיף־באָרט, שטייט אַן אמתדיקער גרויסער מענטש, אַ זשעני, אַ גאָטס־אויסדערוויילטער... אַלץ, וואָס ער האָט ביז אַהער געשאַפן, איז הערלעך, ניי און אומגעוויינטלעך, און דאָס, וואָס ער וועט שאַפן מיט דער צייט, ווען זיין זעלטענער טאַלענט וועט אָננעמען רייפקייט, וועט זיין איבערראַשנד, אָן אַ שיעור הויך. און דאָס איז צו זען אין זיין פנים, אין דעם אופן פון אויסדריקן זיך און אין זיין באַציונג צו דער נאַטור. ער אַליין איז זייער שיין, אָריגינעל, און זיין לעבן איז אומאָפּהענגיק, פריי, פרעמד פון אַלעם מאַטעריעלן, ענלעך צום לעבן פון אַ פויגל.

— ס'ווערט קיל, — האָט געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ און אַ ציטער געטון.

ריאַבאָווסקי האָט זי אַרומגעהילט מיט זיין פלאַשטש און טרויעריק געזאָגט:

— איך פיל זיך אין אייער מאַכט, איך בין אַ קנעכט, נאָכוואָס זענט איר היינט אַזוי באַצויבערנד?

ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איר און זיינע אויגן זענען געווען שרעקלעך, און זי האָט מורא געהאַט אויף אים אַ קוק צו טון.

— איך האָב אייך משוגע ליב... — האָט ער געפּליסטערט, עטעמענדיק איר אויף דער באַק. — זאָגט מיר איין וואָרט, וועל איך נישט לעבן, כ'וועל אַוועקוואַרפן די קונסט... — האָט ער געמורמלט אין שטאַרקער אויפרעגונג. — איר האָט מיך ליב, איר האָט ליב...

— רעדט נישט אַזוי, — האָט אַלגאַ איוואַנאָווגאַ געזאָגט, פאַרמאַכנ־דיק די אויגן. — דאָס איז שרעקלעך. און דימאָוו ?

— וואָס דימאָוו ? פאַרוואָס דימאָוו ? סאַראַ עסק האָב איך צו די־מאָוון ? די וואָלגאַ, די לבנה, די שיינקייט, מיין ליבע, מיין ענטוזיאַזם, און קיין שום דימאָוו איז נישטאָ. . . אַך, איך ווייס גאָרנישט. . . איך דאַרף נישט קיין פאַרגאַנגענהייט, מיר גיט בלויז איין אויגנבליק. . . איין רגע !

באַ אָלגאַ איוואַנאָוונען האָט אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ. זי האָט געוואָלט קלערן וועגן מאַן, אָבער איר גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, מיט דער התונה, מיט דימאָוון און מיט די אָוונטן, האָט זיך איר אויסגעוויזן קליינ־טשיק, נישטיק, טריב, נישט נייטיק און וייט־ווייט. . . איגדעראמתן : וואָס דימאָוו ? פאַרוואָס דימאָוו ? סאַראַ עסק האָט זי צו דימאָוון ? און עקזיס־טירט ער דען גאָר אין דער נאַטור און איז נישט בלויז אַ חלום ?

„פאַר אים, פשוטן און געוויינטלעכן מענטש, איז גענוג דאָס גליק וואָס ער האָט שוין באַקומען. — האָט זי געקלערט, באַדעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט. — זאָל מען פאַרמשפּטן ד אָ ר ט ן, זאָל מען פאַר־שעלטן, און איך וועל דווקא אַלעמען אויף להכעיס נעמען און פאַרזינקען, כ׳וועל דווקא נעמען און פאַרזינקען. . . מען דאַרף אויספּרווון אַלץ אין לעבן. גאָט, ווי אומהיימלעך און ווי גוט !"

— נו, וואָס ? וואָס ? — האָט געמורמלט דער קינסטלער, אַרומנעמענ־דיק זי און דורשטיק קושנדיק די הענט, מיט וועלכע זי האָט שוואַך גע־פּרוווט אים אָפּצושטופּן פון זיך. — דו האָסט מיך ליב ? יאָ ? יאָ ? אַ טאַראַ נאַכט ! אַ וואונדערבאַרע נאַכט !

— יאָ, סאַראַ נאַכט ! — האָט זי אַרויסגעפּליכטערט, קוקנדיק אים אין די פון טרערן גלאַנצנדיקע אויגן, נאָכדעם האָט זי זיך שנעל אומגע־קוקט, אַרומגענומען אים און שטאַרק אַ קוש געטון אין די ליפּן.

— צו קיניעשמאַ גייען מיר צו ! — האָט עמעץ געזאָגט אויף דער צווייטער זייט שיף־דעק.

ס׳האָבן זיך דערהערט שווערע טריט. דאָס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מענטש פון בופעט.

— הערט נאָר, — האָט אים געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ לאַכנדיק און וויינענדיק פון גליק : — ברענגט אונדז אהער וויין.

דער קינסטלער, אַ בלאַסער פון אויפרעגונג, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק, האָט אַ קוק געטון אויף אָלגאַ איוואַנאָווגען מיט פאַרגעטערנדיקע, דאַנקבאַרע אויגן, נאָכדעם האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און געזאָגט, מיד שמייכלענדיק:

— איך האָב זיך איינגעמידט.

און האָט זיך אָנגעלענט מיטן קאָפּ אָן שיף־באָרט.

V.

דער טאָג פון צווייטן סעפּטעמבער איז געווען אַ וואַרעמער און שטילער, נאָר אַ טריבער. באַלד אינדערפרי האָט אויף דער וואָלגע געבלאָנקעט אַ לייכטער נעפּל, נאָר נאָך ניין אַ זייגער האָט אָנגעהויבן טריפן אַ רעגן, און ס'איז נישט געווען קיין האָפנונג, אַז דער הימל וועט זיך אויסלייטערן. בײַ דער טיי האָט ריאַבאָווסקי געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָווגען, אַז מאָלערײַ איז די סאַמע אומדאַנקבאַרסטע און סאַמע לאַנגווײַליקסטע קונסט, אַז ער איז נישט קיין קינסטלער, אַז נאַראָנים בלויז מיינען, אַז ער האָט טאַלענט, און פּלוצלינג פון העלער הויט, האָט ער געכאַפּט אַ מעסער און צעדראַפּעט דערמיט זיין בעסטן עטיוד. נאָך דער טיי איז ער אַ מרה־שחורהדיקער געזעסן בײַם פענסטער און האָט געקוקט אויף דער וואָלגע. און די וואָלגע איז שוין געווען אָן אַ גלאַנץ, אַ טריבע, אַ מאַטע, אַ קאַלטע אויפן קוק. אַלץ, אַלץ האָט דערמאַנט וועגן אָנקומען פון אַן אומעטיקן, פאַראומערטן האַרבסט. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די פּראַכטפולע גרינע דיוואַנעס אויף די ברעגעס, די דימענטענע אָפּשפּיגלונגען פון שטראַלן, די דורכזיכטיקע בלויע ווייטקייט און אַלעס צירלעכע און פּאַראַדנע האָט די נאַטור איצט אַראָפּגענומען פון דער וואָלגע און זי איינגעפּאַקט אין קופערטן ביז צום קומענדיקן פרילינג. און די קראָען זענען געפלויגן אַרום דער וואָלגע און זי געררייצט: „אַ נאַקעטע! אַ נאַקעטע!” ריאַבאָווסקי האָט געהערט זייער קראַקערײַ און געקלערט וועגן זיך, אַז ער איז שוין אויסגעוועפּט געוואָרן און ער האָט פאַרלוירן דעם

זאַלענט, אַז אַלץ אויף דער וועלט איז באַדינגלעך, פאַרהעלטנישמעסיק און נאַריש, און אַז ער האָט נישט באַדאַרפט זיך פאַרבינדן מיט דער ראָזיקער פרוי... הכּלל, ער איז נישט געווען אין הומאָר און מעלאַנכאָליש געשטימט.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז געזעסן הינטער דער פאַרצוימונג אויפן בעט און, איבערקלויבנדיק מיט די פינגער אירע הערלעכע פלאַקסענע האָר, האָט זי זיך אויסגעמאָלט, אַז זי איז — דאָ אין גאַסטצימער, דאָ אין שלאָפצימער, דאָ אין מאַנס קאַבינעט; דער דמיון האָט זי אַוועקגעטראָגן אין טעאַטער, צו דער שניידערין און צו די באַרימטע פריינד. וואָס טוען זיי אַצינד? דערמאָנען זיי זי? דער סעזאָן האָט זיך שוין אָנגעהויבן און ס'איז שוין צייט אַ טראַכט צו טון וועגן די אָוונטן. און דימאָוו? דער ליבער דימאָוו? ווי מילד און קינדיש־באַקלאָגלעך ער בעט זי אין זיינע בריוו וואָס גיכער צו פאָרן אַהיים! יעדן חודש האָט ער איר אַרויסגעשיקט צו 75 רובל, און ווען זי האָט אים אָנגעשריבן, אַז זי איז שולדיק די קינסטלער הונדערט רובל, האָט ער איר דידאָזיקע הונדערט אויך צוגעשיקט. סאַראַ גוטער, גרויסמוטיקער מענטש! די רייזע האָט אויסגעמאַטערט אָלגאַ איוואַנאָוונען, זי האָט זיך געלאַנגווייליקט, און ס'האָט זיך איר געגלוסט וואָס גיכער אַוועקצוגיין פון דידאָזיקע פויערן, פונם ריח פון טייך־נאַסקייט און אַראָפוואַרפן פון זיך דאָס געפיל פון פיזישער אומריינקייט, וועלכעס זי האָט געשפּירט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט געוואוינט אין די פויערישע שטיבלעך און געוואַנדערט פון איין דאָרף אין אַנדערן. ווען ריאַבאָווסקי וואָלט נישט געגעבן די קינסטלער דאָס ערנוואָרט, אַז ער וועט מיט זיי פאַרבלייבן דאָ ביזן 20־טן סעפּטעמבער, וואָלט מען געקענט שוין הייַנט אפילו אַוועקפאָרן. און ווי גוט וואָלט עס געווען!

— גאָט מיינער! — האָט אַרויסגעקרעכצט ריאַבאָווסקי: — ווען־זשע וועט שוין, ענדלעך, זיין אַ זון? איך קען דאָך נישט פאָרזעצן אַ זון־פּייזאַזש אָן אַ זון!...

— בא דיר איז דאָ אַן עטיוד בא אַ וואָלקנדיקן הימל, — האָט געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, אַפּערגייענדיק פון הינטער דער פאַרצוימונג. — געדענקסט, אויפן רעכטן פּלאַן אַ וואַלד, און אויפן לינקן — אַ סטאַדע קי און גענז. אַצינד וואָלסטו אים געקענט ענדיקן.

— ע! — האָט זיך אַ קרום געטון דער קינסטלער. — ענדיקן! צי מיינט איר טאַקע, אַז איך אַליין בין אַזוי נאַריש, איך ווייס נישט, וואָס איך דאַרף צו טון!

— ווי דו האָסט זיך צו מיר געענדערט! — האָט אַ זיפץ געטון אָלגאַ איוואַנאָוונאַ.

— נו, זייער גוט.

באַ אָלגאַ איוואַנאָוונען האָט אַ ציטער געטון דאָס פּנים, זי איז צו־געגאַנגען צום אויוון און האָט זיך צעוויינט.

— יאָ, ס'האָט נאָר געפעלט טרערן. הערט אויף! באַ מיר ועגען דאָ טויזנטער סיבות צום וויינען, פונדעסטוועגן ווין איך נישט.

— טויזנטער סיבות! — האָט אַרויסגעכליפּעט אָלגאַ איוואַנאָוו־נאַ. — די סאַמע וויכטיקסטע סיבה איז, וואָס איך בין אייך שוין לעס־טיק געוואָרן. יאָ! — האָט זי געזאָגט און זיך צעיאָמערט. — אויב זאָגן דעם אמת, שעמט איר זיך מיט אונזער ליבע. איר באַמיט זיך אַלץ, אַז די קינסטלער זאָלן נישט באַמערקן, הגם דאָס איז אוממעגלעך צו פאַר־באַרגן, און זיי איז שוין לאַנג אַלץ באַוואוסט.

— אָלגאַ, איך בעט אייך איין זאַך, — האָט געזאָגט דער קינסט־לער בקשהדיק און צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ, — איין זאַך: פּיי־ניקט מיך נישט! מער וויל איך גאָרנישט פון אייך!

— נאָר שווערט זיך, אַז איר האָט מיך נאָך אַלץ ליב!

— דאָס איז פּיינלעך! — האָט דורכגעזיפצט דער קינסטלער דורך די ציין און איז אויפגעשפּרונגען. — ס'וועט זיך ענדיקן דערמיט, אַז איך וועל זיך וואַרפן אין וואָלגע אַריין אָדער איך וועל פון זינען אַראָפּ־לאָזט מיך אָפּ!

— נו, דערהרגעט, דערהרגעט מיך! — האָט אויסגעשריגן אָלגאַ איוואַנאָוונאַ. — דערהרגעט!

זי האָט זיך ווידער צעיאָמערט און איז אַרונטערגעגאַנגען הינטער דער פּאַרצוימונג. אויפן שטרויענעם דאַך פון הייזל האָט אַ שאָרך גע־טון דער רעגן. ריאַבאָווסקי האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ און איז זיך דורכגעגאַנגען פון איין ווינקל אין אַנדערן, נאָכדעם האָט ער מיט אַ אַנטשלאָסן פּנים, אַזוי ווי וועלנדיק עפּעס באַווייזן עמעצן, אָנגעטון דאָס

היטל, אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל די ביקס, און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

נאָך זיין אַוועקגאַנג איז אָלגאַ איוואַנאָוונאַ לאַנג געלעגן אויפן בעט און האָט געוויינט. תחילת האָט זי געקלערט וועגן דעם, אַז ס'וואָלט געווען אַ יושר זיך אָפּצוסאַמען, כדי ריאַבאָווסקי זאָל, צוריקקומענדיק, זי טרעפן אַ טויטע; נאָכדעם אָבער האָט זי זיך אַוועקגעטראָגן מיט די מחשבות אין איר גאַסטצימער, אין מאַנס קאַבינעט אַריין און האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי זי זיצט זיך אומבאַוועגלעך לעבן דימאָוון און קוויקט זיך מיט דער פיזישער רו און ריינקייט, און ווי אין אָוונט זיצט זי אין טעאַטער און הערט מאַזינין. און אַ בענקשאַפט צו דער ציוויליזאַציע, צום שטאָטישן טומל און נאָך די באַוואוסטע מענטשן האָט פאַרקלעמט איר האַרץ. אין שטוב איז אַריינגעקומען די פויערטע און האָט אָנגעהויבן נישט געאיילט איינהייצן דעם אויוון, כדי צו קאָכן מיטאָג. ס'האָט זיך דערשפירט קאָפּעטש, און די לופט איז בלוי געוואָרן פון רויך. ס'זענען אַריינגעקומען קינסטלער אין הויכע שמוציקע שטיוול און מיט נאַסע, באַרעגנטע פנימער. זיי האָבן באַקוקט די עטיודן און געטרייסט איינער דעם אַנדערן, אַז אפילו אין אַ מיאוס וועטער האָט אויך די וואָלגאַ איר רייץ. און דער ביליקער זייגער אויפן ווענטל: טיק-טיק-טיק... די געפרוירענע פליגן האָבן זיך צונויפגעשטופּט אין פאָדערשטן ווינקל לעבן די בילדער און זשוזשען, און מען הערט, ווי אונטער די בענק אין די גראָבע פאַפּקעס גראַבלען פרייסלעך...

ריאַבאָווסקי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, בשעת עס איז אונטערגעגאַנגען די זון. ער האָט אוועקגעוואָרפן אויפן טיש דאָס היטל און, אַ בלאַסער, אַ פאַרמאַטערטער, אין שמוציקע שטיוול, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק און פאַרמאַכט די אויגן.

— איך האָב זיך איינגעמידט... — האָט ער געזאָגט און אַ ריר געטון מיט די ברעמען, פרווונדיק אויפצוהייבן די אויגן-לעפלעך.

כדי זיך צוצולאַשטשען צו אים און ווייזן, אַז זי איז נישט בייז, איז אָלגאַ איוואַנאָוונאַ צוגעגאַנגען צו אים, שווייגנדיק אַ קוש געטון און האָט אַ פיר געטון מיט אַ קעמל איבער זיינע בלאָנדע האָר. איר האָט זיך געוואָלט אים צוקעמען.

— וואָס איז? — האָט ער געפרעגט, אויפציטערנדיק, גלייך מען

וואָלט זיך צו אים צוגערירט מיט עפּעס קאַלטס, און ער האָט געעפנט די אויגן, — וואָס איז? לאָזט מיך צורו, איך בעט אייך.

ער האָט זי אָוועקגעשאַרט מיט די הענט, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זיין פּנים האָט אויסגעדריקט עקל און פאַרדראָס. אין דער צייט האָט אים די באַבע פאַרזיכטיק צוגעטראָגן אַ טעלער מיט באָרשט, און אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט געזעען, ווי זי האָט אָפּגעטונקען אינם באָרשט אירע גרויסע פינגער. און די שמוציקע באַבע מיטן איינגעצויגעגעם בויך, און דער באָרשט, וועלכן ריאַבאָווסקי האָט גענומען גיריק עסן, די שטוב און דאָסדאָזיקע גאַנצע לעבן, וואָס זי האָט אין אָנהויב אַזוי ליב געהאַט פאַר דער פּראָסטקייט און קינסטלערישער אומאָרדנונג, האָבן זיך איר אויסגעוויזן שרעקלעך. זי האָט פּלוצלינג זיך דערפילט באַליידיקט און קאַלט געזאָגט:

— מיר דאַרפן זיך שיידן אויף אַ געוויסער צייט, אַז נישט קענען מיר, אויס לאַנגווייליקייט, זיך ערנסט צעקריגן. מיר איז עס דערעסן געוואָרן. איך וועל היינט אָוועקפאָרן.

— אויף וואָס? אויף אַ שטעקעלע רייטנדיק?

— היינט איז דאָנערשטיק, דאָס הייסט, אַז האַלב צען וועט אָנקומען דער דאַמפער.

— האַ? יאָ, יאָ... נו, מילא, פאָר... — האָט ווייך געזאָגט ריאַבאָווסקי, אָפּווישנדיק זיך מיט אַ האַנטוך אָנשטאָט אַ סערוועטקע. — דיר איז דאָ לאַנגווייליק און האָסט נישט וואָס צו טון, און מען דאַרף זיין אַ גרויסער עגאָיסט, אַז מען זאָל דיך פאַרהאַלטן. פאָר, און נאָכן צוואַנציקסטן וועלן מיר זיך זעען.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך איינגעפּאַקט פריילעך, און די באַקן האָבן זיך בא איר אַזש צעבליט פון צופרידנקייט. איז עס טאַקע אמת, — האָט זי זיך געפרעגט, — אַז אינגיכן וועט זי מאָלן אין גאַסטצימער, און שלאָפן אין שלאָפצימער און עסן מיטאָג אויף אַ טישטוך? בא איר איז אַראָפּ אַ משא פון האַרץ, און זי איז שוין נישט בייז געווען אויפן קינסטלער.

— די פאַרבן און פּענזלען וועל איך איבערלאָזן דיר, ריאַבושאַ, — האָט זי געזאָגט. — וואָס ס'וועט איבערבלייבן, וועסטו מיטברענגען...

זע־זשע, פויל זיך דאָ נישט אָן מיר, זיי נישט מעלאַנכאָליש, נאָר אַרבעט. דו ביסט דאָך אַ וואוילער יינג, ריאַבושאַ.

אַרום צען אַ זייגער האָט ריאַבאָווסקי, צום געזעגענען, איר אַ קוש געטון צוליב דעם, ווי זי האָט געקלערט, כדי נישט צו קושן זי אויפן דאַמפּער באַ די קינסטלערס בייזיין, און האָט זי באַגלייט צום פּאָרט. באַלד איז צוגעקומען דער דאַמפּער און האָט זי אַוועקגעפירט.

געקומען אַהיים איז זי נאָך דריטהאַלבן מעת־לעת. נישט אויסטוענ־דיק דעם הוט און דעם וואַטערפּרוף, שווער עטעמענדיק פון אויפרעגונג, איז זי אַריינגעגאַנגען אין גאַסטצימער, און פון דאָרטן אין עס־צימער. דימאָוו איז אָן אַ מאַרינאַרקע, מיט אַ צעשפּילעט וועסטל געזעסן באַם טיש און האָט געשאַרפט אַ מעסער אָן אַ גאָפּל; פאַר אים אויף אַ טע־לער איז געלעגן אַ האָזל־הון. ווען אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז אַריינגעגאַנגען אין וואוינונג, איז זי געווען איבערצייגט, אַז מען מוז אַלץ פאַרבאָרגן פאַרן מאַן און אַז דערויף וועט זיך באַ איר געפינען קענטניש און כוח. נאָר איצט, ווען זי האָט דערזעען דעם ברייטן, מילדן, גליקלעכן שמייכל און די בלישטשענדיקע פריידיקע אויגן, האָט זי דערפילט, אַז פאַרבאָרגן פאַרן דאָזיקן מענטש איז אַקוראַט אַזוי געמיין, עקלדיק און אַקוראַט אַזוי אומ־מעגלעך און נישט פאַר אירע כוחות, ווי אויסטראַכטן אַ בלבול, באַגנבע־נען אָדער דערהרגענען, און זי האָט אין איין רגע באַשלאָסן צו דערציילן אים אַלץ, וואָס איז געווען. לאָזנדיק אים אַ קוש טון און אַרומנעמען, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר אים אויף די קניען און האָט פאַרדעקט דאָס פּנים.

— וואָס? וואָס, מאַמע? — האָט ער צאַרט געפרעגט. — האָסט זיך פאַרבענקט?

זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים, וואָס איז געווען רויט פון בושה און אַ קוק געטון אויף אים שולדיק און בקשהדיק. נאָר די מורא און די בושה האָבן איר געשטערט צו זאָגן דעם אמת.

— גאָרנישט... — האָט זי געזאָגט. — דאָס האָב איך אַזוי...

— לאָמיר זיך זעצן, — האָט ער געזאָגט, אויפהייבנדיק און אַני־דערזעצנדיק זי באַם טיש. — אָט אַזוי... עס די האָזל־הון. דו האָסט זיך, נעבעך, אויסגעהונגערט. זי האָט דורשטיק איינגעעטעמט אין זיך די

היימישע לופט און געגעסן די האָזל־הון, און ער האָט מיט נחת געקוקט אויף איר און פריידיק געלאַכט.

VI.

אפנים, פון מיטן ווינטער אָן האָט דימאָוו זיך אָנגעהויבן משער צו זיין, אַז ער ווערט אָפּגענאַרט. פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין נישט געקענט קוקן דער ווייב גלייך אין די אויגן אַריין, אַזוי ווי באַ אים וואָלט דאָס געוויסן נישט ריין געווען, און ער האָט שוין נישט פריידיק געשמייכלט באַם באַגעגענען זיך מיט איר. כדי ווייניקער צו בלייבן מיט איר אַליין, פלעגט ער איצט מיטברענגען צו זיך אויף מיטאָג זיין חבר קאָראָסטעליעוון, אַ קליינטשיק געשוירן מענטשל מיט אַ צעקנייטשט פנים, וועלכער פלעגט בשעתן רעדן מיט אָלגאַ איוואַנאָוונען פון פאַרלעגנהייט צעשפּיליען אַלע קנעפּלעך פון זיין מאַרינאַרקע און ווידער זיי פאַרשפּיליען און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן מיט דער רעכטער האַנט צו ציפּן זיין לינקע וואָנסע. בשעתן מיטאָג האָבן ביידע דאָקטוירים געשמועסט אויף אַ מעדיצינישע טעמאַ, בכדי, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, צו געבן אָלגאַ איוואַנאָוונען די מעגלעכקייט צו שווייגן, ס'הייסט — נישט צו זאָגן קיין ליגנט. באַכן מיטאָג פלעגט קאָראָסטעליעוו זיך זעצן צום פאָרטעפּיאַן, און דימאָוו פלעגט זיפצן און אים זאָגן:

— עך, ברודער! נו, מילא! שפּיל אויף עפּעס טרויעריקס.

אויפהייבנדיק די אַקסלען און פונאַנדערשטעלנדיק ברייט די פינגער, האָט קאָראָסטעליעוו גענומען שפּילן אַקאָרדן און אָנגעהויבן זינגען אויף אַ טענאָר „ווייז מיר אַ ווינקל אַזוינס, וואו ס'קרעכצט נישט דער רוסישער פויער", און דימאָוו פלעגט נאָכאַמאָל זיפצן, אונטערשפּאַרן דעם קאָפּ מיט דער פויסט און זיך פאַרטראַכטן.

די לעצטע צייט האָט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ זיך געפירט געוואַלטיק אומפאָרזיכטיק. יעדן פרימאָרגן האָט זי זיך אויפגעכאַפּט מיט דער

מחשבה, אַז זי האָט שוין ריאַבאָווסקין נישט ליב און אַלץ איז שוין, דאַנקען גאָט, געענדיקט, נאָר נאָכן אויסטרינקען די קאַווע, האָט זי זיך איבערגעלייגט, אַז ריאַבאָווסקי האָט בײַ איר צוגענומען דעם מאַן און אַז זי איז איצט פֿאַרבליבן אָנם מאַן און אָן ריאַבאָווסקין; נאָכדעם האָט זי זיך דערמאַנט די געשפּרעכן פֿון אירע באַקאַנטע וועגן דעם, אַז ריאַ־באָווסקי גרייט צו צו דער אויסשטעלונג עפּעס איבערראַשנדיקס, אַ געמיש פֿון אַ פּייזאַזש מיט אַ זשאַנר, אויף פּאָליענאָוואָס שטייגער, פֿון וועלכן אַלע, וואָס באַזוכן זײַן אַטעליע, זענען נתפּעל; אָבער דאָס, האָט זי גע־קלערט, האָט ער דאָך געשאַפֿן אונטער איר השפּעה און בכלל, האָט ער, אַ דאַנק איר השפּעה, זיך שטאַרק געענדערט צום בעסערן. איר השפּעה איז אַזוי שעפֿעריש און ממשותדיק, אַז, ווען זי זאָל אים פֿאַרלאָזן, קען ער, אפֿשר, גאָר אונטערגיין. און זי האָט זיך אויך דערמאַנט, אַז דאָס לעצטע מאָל איז ער געקומען צו איר אין עפּעס אַ גרויען געפּינקלטן פּראַק און אין אַ נייעם קראַוואַט און האָט מיט אַ פֿאַרשמאַכט קול געפֿרעגט: „איך בין שיין?" און אינדעראמתן איז ער — אַ גאַלאַנטער, מיט זײַנע לאַנגע לאָקן און מיט די בלויע אויגן — געווען זייער שיין (אָדער, אפֿשר, האָט זיך נאָר אַזוי אויסגעוויזן) און איז געווען צו איר ליבלעך.

דערמאָנענדיק זיך וועגן אַ סך זאַכן און זיך איבערלייגנדיק, איז אָלגאַ איוואַנאָוונאַ אין שטאַרקער אויפֿרעגונג געפֿאָרן צו ריאַבאָווסקין אין אַטעליע. זי האָט אים געטראָפֿן אַ פֿריילעכן און אַנטציקטן פֿון זײַן, באמת, גרויסאַרטיקן בילד; ער פֿלעגט שפּרינגען, זיך נאַריש מאַכן און ענטפֿערן אויף ערנסטע פֿראַגן מיט וויצן. אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט געאיי־פֿערט ריאַבאָווסקין צום בילד און האָט עס פֿיינט געהאַט, נאָר פֿון העפֿ־לעכקייט וועגן פֿלעגט זי אָפּשטיין פֿאַרן בילד שווייגנדיק אַ פֿינף מינוט און, אָפּזיפֿצנדיק, ווי מען זיפֿצט פֿאַר אַ הייליקטום, פֿלעגט זי שטיל זאָגן:

— יאָ, דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געמאָלט עפּעס ענלעכס. ווייסט, ס׳ווערט אַזש שרעקלעך.

דערנאָך פֿלעגט זי אים אָנהייבן בעטן, אַז ער זאָל זי ליב האָבן, נישט אַוועקוואַרפֿן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר, דער אָרימער און אומגליקלעכער. זי פֿלעגט וויינען, קושן אים די הענט, פֿאָדערן, אַז ער זאָל זיך איר שווערן אין ליבע, פֿלעגט אים באַווײַזן, אַז אָן איר

גוטן איינפלוס וועט ער אראפ פון וועג און וועט אונטערגיין. און קאליע מאכנדיק אים דעם גוטן הומאר און פילנדיק זיך דערנידעריקט, פלעגט זי אוועקפארן צו דער שניידערין אדער צו א באקאנטער ארטיסטין זיך משתדל זיין וועגן א בילעט.

אויב זי האט אים נישט געטראפן אין אטעליע, פלעגט זי אים איבערלאזן א בריוו, אז, קוים וועט ער היינט נישט קומען צו איר, וועט זי זיך דורכויס אפסאמען. ער פלעגט מורא קריגן, פלעגט צו איר קומען און פארבלייבן צום מיטאג. נישט קוועלנדיק זיך מיטן מאגס אנוועזנהייט, פלעגט ער איר זאגן עזותקייטן, און זי האט אים געענטפערט מיטן זעלבן. ביידע האבן געפילט, אז זיי בינדן איינער דעם אנדערן, אז זיי זענען דעספאטן און שונאים, און זיי האבן זיך געבייזערט, און פון ביין קייט האבן זיי נישט באמערקט, אז זיי זענען ביידע נישט אנשטענדיק און אז אפילו דער אפגעשווירענער קאראסטעליעוו פארשטייט אלץ. נאכן מיטאג האט ריאבאווסקי זיך געשווינד געזעגנט און זיך געאיילט אוועק־צוגיין.

— וואוהין גייט איר? — פלעגט זי אים פרעגן אין פארצימער, קוקנדיק אויף אים מיט שנאה. פארקרומענדיק זיך און זשמורענדיק די אויגן, פלעגט ער אנרופן עפעס א דאמע, א בשותפותדיקע באקאנטע, און ס'איז געווען קענטיק, אז ער לאכט אפ פון איר אייפערזוכט און וויל איר וויי טון. זי פלעגט אריינגיין צו זיך אין שלאפצימער און זיך לייגן אויפן בעט. פון אייפערזוכט, פארדראס, געפיל פון דערנידערונג און בושה פלעגט זי בייסן דאס קישן און אנהייבן הויך צו יאמערן. דימאוו פלעגט איבערלאזן קאראסטעליעוון אין גאסטצימער, אריינגיין אין שלאפ־צימער און, א פארשעמטער, א פארלוירענער, זאגן שטילערהייט:

— וויין נישט הויך, מאמע... נאכוואס? מען דארף שווייגן וועגן דעם... מען דארף נישט ארויסווייזן... פארשטייסט, וואס ס'איז געשען, איז שוין נישט צו פארריכטן.

נישט וויסנדיק, ווי אזוי איינצושטילן אין זיך די שווערע איי־פערזוכט, פון וועלכער ס'האט אזש געבראכן אין די שלייפן, און מיינענ־דיק, אז מען קען נאך פארריכטן דעם ענין, פלעגט זי זיך אפוואשן, פוד־רירן דאס פארוויינטע פנים און פליען צו דער באקאנטער דאמע. נישט טרעפנדיק בא איר ריאבאווסקין, איז זי געפארן צו א צווייטער, דערנאך

צו א דריטער. . . אין אָנהויב איז איר געווען א בושה אַזוי אַרומצופּאָרן, אָבער דערנאָך האָט זי זיך צוגעוואוינט, און ס'פלעגט זיך טרעפן, אַז איין אײן אָוונט איז זי אויסגעווען באַ אַלע באַקאַנטע פרויען, כּדי אָפּצוזוכן ריאַבאָווסקין, און אַלע האָבן דאָס פאַרשטאַנען.

— איינמאָל האָט זי געזאָגט ריאַבאָווסקין וועגן מאַן:

— דערדאָזיקער מענטש דערדריקט מיך מיט זיין גרויסמוטי־קייט.

דידאָזיקע פראַזע איז איר אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז טרעפנדיק זיך מיט די קינסטלער, וועלכע האָבן געוואוסט וועגן איר ראָמאַן מיט ריאַ־באָווסקין, האָט זי איטלעכעס מאָל געזאָגט וועגן מאַן, מאַכנדיק דערביי אַן ענערגישן זשעסט מיט דער האַנט!

— דערדאָזיקער מענטש דערדריקט מיך מיט זיין גרויסמוט!

דער לעבנס־סדר איז געווען אַקוראַט אַזעלכער, ווי אין פאָריקן יאָר. יעדן מיטוואָך זענען פאָרגעקומען די אָוונטן. דער אַרטיסט האָט רעציטירט, די קינסטלער האָבן געמאָלט, דער וויאָלאָנטשעליסט האָט גע־שפּילט, דער זינגער האָט געזונגען, און אומגעענדערט האַלב צוועלף האָט זיך געעפנט די טיר פון גאַסטצימער און דימאָוו האָט שמייכלענדיק געזאָגט:

— זייט מוחל, מיינע הערן, צום פאַרבייסן.

פּונקט ווי פריער פלעגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ זוכן גרויסע מענטשן, פלעגט זיי געפינען און זיך נישט באַפרידיקן און ווידער זוכן. אַזוי ווי פריער פלעגט זי יעדן טאָג אַהיימקומען שפּעט באַנאַכט, אָבער דימאָוו פלעגט שוין נישט שלאָפן, ווי אין פאָריקן יאָר, נאָר זיצן באַ זיך אין קאַבינעט און עפּעס אַרבעטן. ער פלעגט זיך לייגן אַרום דריי אַ זייגער און אויפשטיין אַרום אַכט.

איינמאָל אינאָוונט, ווען זי האָט זיך געגרייט צו גיין אין טעאַטער און איז געשטאַנען פאַרן טרעמאָ, איז אין שלאָפצימער אַריינגעקומען דימאָוו אין פראַק און אין אַ ווייסן קראַוואַט. ער האָט מילד געשמייכלט און ווי פריער, מיט פרייד געקוקט דעם וויַיב גלייך אין פּנים אַריין. זיין פּנים האָט געשיינט.

— איך האָב אָקאָרשט פאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע, — האָט ער געזאָגט, זיך זעצנדיק און גלעטנדיק די קניען.

— מיט דערפאָלג? — האָט געפרעגט אָלגאַ איוואַנאָווגאַ.

— אָהאָ! — האָט ער זיך צעלאַכט און אויסגעצויגן דעם האַלז, כדי אָנצוקוקן אין שפיגל דעם ווייבס פּנים, וועלכע איז ווייטער געשטאַנען מיטן רוקן צו אים און האָט פאַרריכט די פריזור. — אָהאָ! — האָט ער איבערגעחזרט. — דו ווייסט, ס'איז זייער מעגלעך, אַז מען וועט מיר פאָרלייגן פּריוואַט-דאָצענטור איבער אַלגעמיינער פּאַטאָלאָגיע. ס'שמעקט מיט דעם.

ס'איז געווען קענטיק לויט זיין גליקזעליק, שיינענדיק פּנים, אַז ווען אָלגאַ איוואַנאָווגאַ וואָלט געטיילט מיט אים זיין פרייד און טריומף, וואָלט ער איר מוחל געווען אַלץ, סיי די קעגנוואַרט, סיי די צוקונפט און וואָלט אַלדינג פאַרגעסן. נאָר זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס הייסט פּריוואַט-דאָצענטור און אַלגעמיינע פּאַטאָלאָגיע, דערצו נאָך האָט זי מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן אין טעאַטער אַריין און האָט גאָרנישט נישט געזאָגט.

ער איז געבליבן זיצן אַ צוויי מינוט, האָט אַ שולדיקן שמייכל געטון און איז אַרויסגעגאַנגען.

VII.

דאָס איז געווען אַ העכסט-אומרויקער טאָג.

דימאָוו האָט שטאַרק וויי-געטון דער קאָפּ; ער האָט אינדערפרי נישט געטרונקען קיין טיי, איז נישט געגאַנגען אין שפּיטאָל אַריין און אַ גאַנצע צייט געלעגן באַ זיך אין קאַבינעט אויף דער טערקישער אָטאָמאַנע. אָלגאַ איוואַנאָווגאַ איז, ווי דער שטייגער, אַרום איינס אַ זייגער אַוועק צו ריאַבאָווסקין, כדי אים צו ווייזן אירס אַן עטיוד nature morte און צו פרעגן אים, פאַרוואָס ער איז נעכטן נישט געקומען. דעם עטיוד האָט זי געהאַלטן פאַר נישטיק און אויפגעצייכנט האָט זי אים נאָר דערויף, כדי זי זאָל האָבן אַן איבעריקן תירוץ אַריינצוגיין צום קינסטלער.

זי איז אַריינגעגאַנגען צו איר אָן אַ קלונג, און בשעת זי האָט אין פּאַרצימער אויסגעטון די קאַלאָשן, האָט זי דערהערט, אַזוי ווי אין אַטעליע וואָלט עפּעס שטיל דורכגעלאָפן, פּרויענמעסיק שאָרכענדיק מיטן קלייד; און ווען זי האָט זיך צוגעאײַלט צו כאַפּן אַ קוק אין אַטעליע, האָט זי דערזעען בלויז אַ שטיק פון אַ ברוין קלייד, וועלכעס האָט נאָר אַ שימער־געטון אויף אַ רגע און איז נעלם געוואָרן הינטער אַ גרויס בילד, וואָס איז געווען פאַרהאָנגען צוזאַמען מיטן מאָלברעט ביז דער פּאָד־לאָגע מיט אַ שוואַרצן פּערקאַל. ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו צווייפלען, אַז דאָס האָט זיך באַהאַלטן אַ פרוי.

ווי אָפט האָט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ אַליין זיך געפונען אַ באַהעלטעניש הינטער דעמדאָזיקן בילד. ריאַבאָווסקי, קענטיק, זייער צעמישט, האָט זיך אַזוי ווי פאַרוואונדערט פון איר קומען, האָט אויסגעשטרעקט צו איר ביי־דע הענט און געזאָגט, שטייף שמייכלענדיק:

— אַ־אַ־אַ־אַ! ס׳פרייט מיך זייער אייך צו זעען, וואָס זאָגט איר עפּעס גוטס?

אָלגאַ איוואַנאָוונאַס אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן. זי האָט געפילט אַ בושה, אַ ביטערקייט, און זי וואָלט פאַר קיין שום פּרייז נישט איינגעגאַנגען צו רעדן אין דער אָנוועזנהייט פון אַ זייטיקער פרוי, אַ קאָנקורענטין, אַ ליגנערין, וועלכע איז איצט געשטאַנען הינטער דעם בילד און האָט, מסתמא, שאַדנפריידיק געקוואָלן.

— איך האָב אייך געבערענגט אַן עטיוד... — האָט זי געזאָגט, אָפּהענטיק, מיט אַ דין קולעכל, און אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטון: — אַ nature morte.

— אַ־אַ־אַ... אַן עטיוד?

דער קינסטלער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין דעם עטיוד און באַטראַכטנדיק אים, איז ער אַזוי ווי מעכאַניש אַריבערגעגאַנגען אין אַנדערן צימער אַריין.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז הכנעהדיק נאָכגעגאַנגען.

— אַ nature morte ערשטער סאָרט, — האָט ער געמורמלט, צוקלויבנדיק אַ גראַם: — קוראָרט... טשאָרט... פּאָרט...

פון אַטעליע האָבן זיך דערהערט אייליקע טריט און אַ שאָרכעריי פון אַ קלייד. הייסט עס, זי איז אַוועקגעגאַנגען. אָלגאַ איוואַנאָוונען האָט

זיך געוואָלט הויך אַרויסשרייען, אַ קלאַפּ געבן דעם קינסטלער מיט עפּעס שווערס איבערן קאָפּ און אַוועקגיין, אָבער זי האָט גאָרנישט נישט געזען דורך די טרערן; זי איז געווען דערשטיקט פון איר בושה און האָט זיך שוין נישט געשפּירט אַלס אָלגאַ איוואַנאָוונאַ און אַלס קינסטלערין, נאָר ווי אַ קליין ווערמעלע.

— איך האָב זיך איינגעמידט, — האָט שוואַך אַרויסגערעדט דער קינסטלער, קוקנדיק אויפן עטיוד און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, כדי צו באַ־קעמפן די שלעפעריקייט. — דאָס איז נאַטירלעך, פיין, אָבער היינט — אַן עטיוד, און פאַראַיאָרן אַן עטיוד, און אין אַ חודש אַרום אַן עטיוד... ווי ווערט עס אייך נישט נמאס? איך אויף אייער אָרט וואָלט אַוועקגע־וואָרפן די מאָלעריי און וואָלט זיך ערנסט פאַרנומען מיט מוזיק אָדער מיט עפּעס אַנדערש. איר זענט דאָך נישט קיין מאָלערין, נאָר אַ מוזי־קאַנטין. אָבער, ווי איך האָב זיך עס איינגעמידט! איך וועל זאָגן, מען זאָל אַריינגעבן טיי... האַ?

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, און אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט געהערט, ווי ער האָט עפּעס באַפוילן זיין לאָקיי. כדי זיך נישט צו געזע־גענען, נישט צו דערקלערן זיך, און, דער עיקר, נישט צו צעיאָמערן זיך, איז זי, איידער ריאַבאָווסקי האָט זיך אומגעקערט, גיך אַריינגעלאָפן אין פאָרצימער, האָט אָנגעטון די קאַלאָשן און איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. דאָ האָט זי לייכט אָפּגעזיפצט און האָט זיך דערפילט אויף אייביק פריי אי פון ריאַבאָווסקין, אי פון דער מאָלעריי, אי פון דער שווערער בושה, וואָס האָט זי געשטיקט אין אַטעליע! אַלץ איז געענ־דיקט!

זי איז אַוועקגעפאָרן צו דער שניידערין, נאָכדעם צו באַרנאַיען, וועלכער איז ערשט נעכטן געקומען צו פאָרן, פון באַרנאַיען — אין אַ גאַלאַנ־מאַגאַזין, און די גאַנצע צייט האָט זי געטראַכט וועגן דעם, ווי זי וועט אָנשרייבן ריאַבאָווסקין אַ קאַלטן, שאַרפן בריוו — פול מיט זעלבסט־ווירדע, און ווי פרילינג אָדער זומער וועט זי פאָרן מיט דימאָוון קיין קרים, וועט זיך דאָרטן ענדגילטיק באַפרייען פון דעם עבר און אָנהייבן אַ ניי לעבן!

אומקערנדיק זיך אַהיים שפּעט אין אָוונט, האָט זי, נישט איבער־טוענדיק זיך, זיך אַוועקגעזעצט אין גאַסטצימער פאַרפאַסן דעם בריוו.

דיאַבאָווסקי האָט איר געזאָגט, אַז זי איז נישט קיין מאָלערין, וועט זי פּאַר דאָס אים אָנשרייבן אַצינד, אַז ער מאָלט יעדעס יאָר איינס און דאָס זעלבע און רעדט יעדן טאָג איינס און דאָס זעלבע; אַז ער איז פאַרגליווערט געוואָרן, און אַז פון אים וועט גאָרנישט אַרויסקומען, אַ חוץ דעם, וואָס ס'איז שוין אַרויסגעקומען. איר האָט זיך אויך געוואָלט אָנשרייבן, אַז פאַר אַ סך דאַרף ער דאַנקבאַר זיין איר גוטן איינפלוס, און אויב ער האַנדלט מיאוס, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס איר איינפלוס ווערט פאַראַליזירט דורך פאַרשידענע צווייידייטיקע פּערזאָנען, פון דעם זעלבן מין, ווי יענע, וואָס האָט זיך היינט באַהאַלטן הינטערן בילד.

— מאַמע! — האָט פון קאַבינעט אַ רוף געטון דימאָוו, נישט עפנענדיק די טיר. — מאַמע!

— וואָס דאַרפסטו?

— מאַמע, גיי נישט אַריין צו מיר, נאָר גיי בלויז צו צו דער טיר. — אָט וואָס... אייערנעכטן האָב איך זיך אָנגעשטעקט אין שפּיטאָל מיט דיפטעריט און אַצינד... איז מיר נישט גוט. שיק גיכער נאָך קאָראָסטעליעוון.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט שטענדיק גערופן דעם מאַן, ווי אַלע באַקאַנטע מאַנסלייט, נישט באַם נאָמען, נאָר באַ דעם פאַמיליענאָמען; זיין זיין נאָמען אָסיפּ איז איר נישט געפעלן, ווארים ער האָט דערמאָנט אָן גאָגאָלס אָסיפּ און דעם קאַלאַמבור: „אָסיפּ אָכריפּ, אַ אַרכיפּ אָסיפּ"*) אַצינד אָבער האָט זי אויסגערופן:

— אָסיפּ, וואָס רעדסטו!

— שיק! ס'איז מיר נישט גוט... — האָט דימאָוו געזאָגט הינטער דער טיר און זי האָט געהערט, ווי ער איז צוגעגאַנגען צו דער אָטאָמאַנע און זיך אַנידערגעלייגט. — שיק! — האָט זיך טויב דערהערט זיין קול.

— „וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? — האָט אַ קלער געטון אָלגאַ איוואַנאָוונאַ און אַ קעלט איז איר דורכגעלאָפן פון שרעק. — דאָס איז דאָך געפערלעך!"

אָן אַ שום באַדערפעניש האָט זי גענומען אַ ליכט און איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין שלאָפצימער און דאָ, איבערלייגנדיק זיך, וואָס זי

*) אָסיפּ איז הייזעריק געוואָרן, און אַרכיפּ איז הייזעריק געוואָרן. — מ. ג.

דאַרף צו טון, האָט זי אומגערן אַ קוק געטון אין טרעמאָ. זי האָט זיך דערזעען מיטן בלאַסן איבערגעשראָקענעם פנים, אין דעם זשאַקעט מיט די ברייטע אַרבל, מיט געלע וואָלאַנטן אויף דער ברוסט, מיט די אומגעוויינטלעכע פאַסן אויף דער ספּאָדניצע — און זי האָט אַליין זיך אויסגעוויזן שרעקלעך און העסלעך. איר איז פלוצלינג ביז ווייטיק אַ שאָד געוואָרן דימאָוו, זיין גרענעצלאָזע ליבע צו איר, זיין יינג לעבן און אפילו דאָסדאָזיקע פאַריתומטע געלעגער זיינס, אויף וועלכן ער איז שוין לאַנג נישט געשלאָפן און ס'האָט זיך איר דערמאַנט זיין געוויינלעכער מילדער, הכנעהדיקער שמייכל. זי האָט זיך ביטער צעוויינט און אָנגעשריבן קאָראָסטעליעוון אַ תחנונימדיקן בריוו. ס'איז געווען צוויי אַ זייגער באַנאַכט.

VIII.

ווען אַרום אַכט אַ זייגער אינדערפרי איז אָלגאַ איוואַנאָוונאַ — מיט אַ שווערן קאָפּ פון נישט שלאָפן, אַ נישט פאַרקעמטע, אַ נישט שיינע און מיט אַ שולדיקן אויסדרוק — אַרויסגעגאַנגען פון שלאָפצימער, איז פאַרביי איר דורכגעגאַנגען אין פאָרצימער אַריין עפּעס אַ הער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַפּנים אַ דאָקטאָר. ס'האָט זיך געשפּירט רפואות. לעבן דער טיר פון קאַבינעט אין געשטאַנען קאָראָסטעליעוו און געדרייט מיט דער רעכטער האַנט די לינקע וואָנסע.

— אַנטשולדיקט, איך וועל אייך צו אים נישט אַריינלאָזן, — האָט ער פאַראומערט געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונען. — מען קען זיך אָנשטעקן. און ס'איז אויך נישטאָ נאָכוואָס, אייגנטלעך. ער איז סיי־ווי־סיי נישט בײַם זינען.

— ער האָט אַן אמתדיקן דיפטעריט? — האָט פליסטערנדיק געפרעגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ.

— אויף אַזעלכע, וואָס קריכן אַליין אויף אַ שפּיז, וואָלט מען על פּי יושר, געדאַרפט אָנגעבן אין געריכט, — האָט אַרויסגעמורמלט קאָ־

ראַסטעליעוו, נישט ענטפערנדיק אויף איר פראַגע. — ווייסט איר, פון וואָס ער האָט זיך אָנגעשטעקט? דינסטיק האָט ער דורך אַ רערל אויסגעזויגן באַ אַ ייִנגל דיפטעריט-בלעזלעך, און צו וואָס? נאַריש... גלאַט פון נאַרישקייט...

— ס'איז געפערלעך? זייער? — האָט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ געפרעגט.

— יאָ, זיי זאָגן, ס'איז אַ שווערע פאָרם. מען וואָלט באַדאַרפט שיקן, אייגנטלעך, נאָך שרעקן.

ס'איז געקומען אַ קליינטשיקער, אַ געלער, מיט אַ לאַנגער נאָז און מיט אַ יידישן אַקצענט. נאָכדעם אַ הויכער, הויכפלייציקער, אַ קוטשמעוואַטער, אַן ענלעכער צו אַן אַרכידיאַקאָן; נאָכדעם אַ יונגער, זייער דיקער מיט אַ רויט פּנים און אין ברילן. דאָס זענען געקומען די דאָקטוירים צו דיזשורירן באַ זייער חבר. קאָראָסטעליעוו איז נאָך זיין דיזשור נישט אַוועקגעגאַנגען אַהיים, נאָר פאַרבליבן, און האָט ווי אַ שאָטן אַרומגעבלאָנקעט איבער אַלע חדרים. די דינסט האָט דערלאַנגט די דיזשורירנדיקע דאָקטוירים טיי און איז אָפט געלאָפן אין אַפטייק אַריין און ס'איז נישט געווען, ווער ס'זאָל אויפרוימען די צימערן. ס'איז געווען שטיל און מרה-שחורהדיק.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז געזעסן באַ זיך אין שלאָפצימער און האָט געקלערט וועגן דעם, אַז גאָט שטראָפט זי דערפאַר, וואָס זי האָט אָפּגענאַרט דעם מאַן. אַ שווייגנדיק, נישט פּראָטעסטירנדיק, אומפאַרשטענדלעך באַשעפעניש, וואָס איז נישט באַמערקט געוואָרן, אַ דאַנק זיין מילדקייט, כאַראַקטערלאָז און שוואַך פון איבערמעסיקער גוטסקייט — האָט עס ערגעץ באַ זיך אויף דער סאָפע געליטן און זיך נישט באַקלאָגט. און ווען ס'וואָלט זיך איצט באַקלאָגט, זאָל זיין פון היץ, וואָלטן די דיזשורירנדיקע דאָקטוירים געוואויר געוואָרן, אַז שולדיק איז דאָ נישט בלויז דער דיפטעריט אַליין. זיי וואָלטן געקענט פרעגן קאָראָסטעליעוון: ער ווייסט אַלץ און נישט אומזיסט קוקט ער אויפן ווייב פון זיין פריינד מיט אַזעלכע אויגן, אַזוי ווי זי וואָלט עס טאַקע געווען די אמתע הויפּט-גזלנטע, און דער דיפטעריט איז בלויז איר מיטהעלפער. זי האָט שוין נישט געדענקט, נישט דעם לבנה-אָוונט אויף דער וואָלגע, נישט די דערקלערונגען אין ליבע, נישט דאָס פּאָעטישע לעבן אין דער פויערישער שטוב,

נאָר זי האָט בלויז געדענקט, אַז צוליב אַ פּוסטן קאַפּריז, פון צעבאַלעוועטקייט, האָט זי איגנאַנצן, מיט הענט און פיס, זיך אויסגעשמירט מיט עפּעס שמוציקס, קלעפּיקס, פון וואָס זי וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אָפּוואַשן...

„אָך, ווי שרעקלעך איך האָב אָפּגענאַרט! — האָט זי געטראַכט וועגן דער אומרויקער ליבע, וואָס זי האָט געפירט מיט ריאַבאָווסקין, — פאַרשאָלטן זאָל דאָס אַלץ זיין!"

אַרום פיר אַ זייגער האָט זי געגעסן מיטאָג צוזאַמען מיט קאָראָסטעליעוון. ער האָט גאָרנישט געגעסן, נאָר געטרונקען רויטוויין און זיך געכמורעט. זי האָט אויך גאָרנישט געגעסן. דאָ האָט זי אין געדאַנק מתפּלל־געווען און מנדר־געווען צו גאָט, אַז אויב דימאָוו וועט געזונט ווערן, וועט זי אים צוריק ליב האָבן און וועט זיין אַ געטריי ווייב. דאָ, פאַרגעסנדיק זיך אויף אַ מינוט, האָט זי געקוקט אויף קאָראָסטעליעוון און געקלערט: „איז טאַקע באמת נישט לאַנגווייליק צו זיין אַ פּשוטער, מיט גאָרנישט מערקווירדיקער, אומבאַוואוסטער מענטש, און נאָך מיט אַזאַ צעקנייטשט פּנים און מיט מיאוסע מאַנירן?" דאָ האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז גאָט וועט זי באותו־הרגע דערהרגענען דערפאַר, וואָס זי איז נאָך קיין איין מאָל נישט געווען אין קאַבינעט בײַם מאַן, מורא האָבנדיק זיך אָנצושטעקן. און אין אַלגעמיין איז בײַ איר געווען אַ טעמפּ, מעלאַנכאָליש געפיל און אַ זיכערקייט, אַז דאָס לעבן איז שוין צעבראָכן און אַז מען וועט עס שוין מיט גאָרנישט פאַרריכטן...

נאָכן מיטאָג איז אָנגעקומען דער בין־השמשות. ווען אָלגאַ איוואַנאָווגאַ איז אַרייַנגעגאַנגען אין גאַסטצימער, איז קאָראָסטעליעוו געשלאָפן אויף דער סאָפע, אונטערלייגנדיק אונטערן קאָפּ אַ ויידן קישן, אויסגענייט מיט גאָלד. „קכי—פּוּאַ... — האָט ער געשנאָרכט: — קכי—פּוּאַ".

און די דאָקטוירים, וואָס זענען געקומען דיזשורירן, און די אַוועקגייענדיקע האָבן נישט באַמערקט די אומאָרדנונג. דאָס, וואָס אַ פרעמדער מענטש איז געשלאָפן אין גאַסטצימער און האָט געשנאָרכט, און די עטיודן אויף די ווענט, און דער אויסטערלישער מעמד און דאָס, וואָס די ווירטין איז געווען נישט פאַרקעמט און נאַכלעסיק אָנגעטון — דאָס אַלדינג האָט איצט נישט דערוועקט דעם מינדסטן אינטערעס. איינער פון די

דאָקטוירים האָט זיך פון עפּעס אומגערן צעלאַכט, און עפּעס אַזוי מאָדנע און אָפּהענטיק האָט אָפּגעקלונגען דאָסדאָזיקע געלעכטער, ס׳איז אַזש אומהיימלעך געוואָרן.

ווען אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז צום צווייטן מאָל אַרויסגעגאַנגען אין גאַסטצימער אַריין, איז שוין קאָראָסטעליעוו נישט געשלאָפן, נאָר געזעסן און האָט געוויכערט.

— ער האָט דעם דיפטעריט אינם נאָז־חלל, — האָט ער געזאָגט מיט אַ האַלב קול. — דאָס האַרץ אַרבעט שוין אויך נישט וואַזשנע. אייגנטלעך איז גאַנץ שלעכט.

— שיקט־זשע נאָכן שרעקן, — האָט געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ.

— ר׳איז שוין געווען. ער האָט עס טאַקע באַמערקט, אַז דער דיפטעריט איז איבערגעגאַנגען אין נאָז אַריין. ע, און וואָס איז דען שרעק? אייגנטלעך איז גאָרנישט שרעק. ער איז שרעק, איך בין קאָראָסטעליעוו — און מער גאָרנישט.

די צייט האָט זיך געצויגן שרעקלעך לאַנג. אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז געלעגן אָנגעטון אויף דעם פון דערפרי נישט צוגעבעטן געלעגער און האָט געדרימלט. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע דירה, פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופיט, איז פאַרנומען מיט אַן אומגעהייער שטיק אייזן, און אַז מען דאַרף נאָר אַרויסטראָגן דאָס אייזן, ווי אַלע וועט ווערן פריילעך און לייכט. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי זיך דערמאַנט, אַז דאָס איז נישט קיין אייזן, נאָר דימאָווס קראַנקייט.

„נאַטור־מאָרט, פּאָרט”... — האָט זי געטראַכט ווידער אַריינפאַלנדיק אין פאַרגעסנהייט: „ספּאָרט... קוראָרט... און ווי אַזוי איז שרעק? שרעק, גרעק, ווערק... קרעק. און וואו זענען איצט מיינע פריינד? צי ווייסן זיי, אַז בא אונז איז אַן אומגליק? רבונו של עולם, ראַטעווע... באַשירם. שרעק, גרעק...”

— און ווידער דאָס אייזן... די צייט האָט זיך געצויגן לאַנג, און דער זייגער אויפן נידעריקערן שטאָק האָט אָפּט געשלאָגן און אַלץ אײנאײנעם האָט זיך געהערט דאָס קלינגען; ס׳זענען געקומען דאָקטוירים... ס׳איז אַריינגעקומען די דינסט מיט אַ ליידיק גלאָז אויף אַ טאַץ און האָט געפרעגט:

— מאַדאַם, זאָל איך בעטן דאָס געלעגער?

אוּן, נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, איז זי אַרויסגעגאַנגען. דער זייגער אוּנטן האָט אויסגעשלאָגן. ס'האָט זיך איר אָנגעהויבן חלומען אַ רעגן אויף דער וואָלגע, אוּן ווידער איז עמעץ צַרייַנגעקומען אין שלאָפצימער, דאַכט זיך, אַ זייטיקער. אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז אויפגעשפרונגען אוּן האָט דערקענט קאָראָסטעליעוון.

— ווי שפּעט איז? — האָט זי געפרעגט.

— אַרום דריי.

— נו, וואָס?

— שוין גאָרנישט! איך בין געקומען זאָגן: ער גוססט...

ער האָט אַרויסגעכליפּעט, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט לעבן איר אוּן אויסגעווישט די טרערן מיטן אַרבל. זי האָט נישט פאַרשטאַנען מיט אַמאָל, נאָר זי איז אינגאַנצן קאַלט געוואָרן אוּן האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך זיך צו צלמען.

— ער גוססט... — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ דין קולעכל אוּן ווידער אַרויסגעכליפּעט. — ער שטאַרבט. ווייל ער האָט זיך מקריב געווען... סאַראַ אבידה פאַר דער וויסנשאַפט! — האָט ער געזאָגט מיט ביטערקייט. — דאָס איז דאָך געווען, — אויב צו פאַרגלייכן אוּנז אַלע מיט אים, — אַ גרויסער, אומגעווייַנטלעכער מענטש! סאַראַ באַגאַבונג! וואָסערע האָפנוּנגען ער האָט אוּנדז אַלעמען געגעבן! — האָט קאָראָסטעליעוו פאַרגעזעצט, ברעכנדיק די הענט. — רבונו של עולם, גאָט מייַנער, דאָס איז דאָך געווען אַזאַ געלערנטער, אַ וואָסערן ס'איז דאָך אַצינד מיט קיין ליכט נישט צו געפינען. אָסקאַ דימאָוו, אָסקאַ דימאָוו, וואָס האָסטו אָפּגעטון! אַי-אַי, גאָט מייַנער!

קאָראָסטעליעוו האָט אין פאַרצווייפלונג פאַרדעקט מיט ביידע הענט דאָס פּנים אוּן האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— אוּן סאַראַ מאָראַלישע קראַפט! — האָט ער ווייטער גערעדט, אַלץ מער אוּן מער ווערנדיק אין כּעס אויף עמעצן.

— אַ גוטע, ריינע, ליבנדיקע נשמה — נישט קיין מענטש, נאָר אַ קרישטאָל! ער האָט געדינט דער וויסנשאַפט אוּן איז געשטאָרבן פאַר דער וויסנשאַפט. אוּן געאַרבעט האָט ער ווי אַן אָקס, בייטאָג אוּן בייַנאַכט, קיינער האָט אים נישט געשוינט, אוּן דער ייִנגער געלערנטער, דער קינפטיקער פּראָפעסאָר, האָט זיך געדאַרפט זוכן פּראַקטיק אוּן בייַ-

נאַכט זיך פאַרנעמען מיט איבערזעצונגען, כדי צו צאָלן אַט פאַר דידאַזיקע... געמיינע שמאַטעס!

קאַראַסטעליעוו האָט אַ קוק געטון מיט שנאה אויף אָלגאַ איוואַנאָוונען, האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם ליילעך מיט ביידע הענט און בייז אַ ריס געטון עס, אַזוי ווי דאָס ליילעך וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען.

— ער האָט זיך אַליין נישט געשוינט, האָבן אים אַנדערע אויך נישט געשוינט. ע, נישטאָ וואָס צו רעדן, אייגנטלעך!

— יאָ, אַ זעלטענער מענטש! — האָט עמעץ געזאָגט מיט אַ באַס אין גאַסטצימער...

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך דערמאַנט איר גאַנץ לעבן מיט אים, פון אָנהויב ביזן סוף, מיט אַלע פּרטים, און פּלוצלינג האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז, באמת, געווען אַן אומגעוויינלעכער, זעלטענער און, — אין פאַרגלייך מיט יענע, וועלכע זי האָט געקענט, — אַ גרויסער מענטש. און, דערמאָנענדיק זיך, ווי אַזוי צו אים האָט זיך באַצויגן איר געשטאָרבענער פאָטער און אַלע חברים-דאָקטוירים, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן געזעען אין אים אַ קינפטיקע באַרימטהייט. די ווענט, דער סופיט, דער לאָמפּ און דער דיוואַן אויף דער פאָדלאָגע האָבן אָנגעהויבן קאָמיש צו ווינקען צו איר, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט איר זאָגן: „דו האָסט פאַרקוקט!“ „דו האָסט פאַרקוקט!“.

זי האָט מיט אַ געוויין זיך געלאָזט לויפן פון שלאָפצימער, האָט דורכגעשוועבט אין גאַסטצימער פאַרביי עפּעס אַן אומבאַקאַנטן מענטש און איז אַריינגעלאָפן צום מאַן אין קאַבינעט. ער איז געלעגן אומבאַוועגלעך אויף דער טערקישער אָטאָמאַנע, פאַרדעקט ביזן גאַרטל מיט אַ ליילעך. זיין פּנים איז שרעקלעך אָפּגעפאַלן, דאַר געוואָרן און האָט געהאַט אַ גראָלעך-געלן קאָליר, וואָסערער ס'איז קיינמאָל נישטאָ באַ קיין לעבעדיקע; און נאָר לויטן שטערן, לויט די שווארצע ברעמען און לויט דעם באַקאַנטן שמייכל האָט מען געקענט דערקענען, אַז דאָס איז דימאָוו. אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט שנעל אַרומגעטאַפּט זיין ברוסט, שטערן און הענט. די ברוסט איז געווען וואַרעם, נאָר דער שטערן און די הענט זענען געווען אומאָנגענעם קאַלט. און די האַלב-אָפענע אויגן האָבן געקוקט נישט אויף אָלגאַ איוואַנאָוונען נאָר אויפן ליילעך.

— דימאָוו! — האָט זי אַ רוף געטון הויך. — דימאָוו!

זי האָט אים געוואָלט דערקלערן, אַז דאָס איז געווען אַ טעות, אַז נאָך נישט אַלץ איז — פאַרלוירן, אַז דאָס לעבן קען נאָך זיין הערלעך און גליקלעך, אַז ער איז אַזאַ זעלטענער, אומגעוויינטלעכער, גרויסער מענטש און אַז זי וועט דאָס גאַנצע לעבן פילן אַ יראת-הכבוד צו אים, זי וועט צו אים מתפלל זיין און שפירן אַ הייליקן פחד...

— דימאָוו! — האָט זי אים גערופן, רייסנדיק אים באַם אַקסל און נישט גלייבנדיק דעריין, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אויפכאַפּן. — דימאָוו, הער, דימאָוו!

און אין גאַסטצימער האָט קאָראָסטעליאָוו גערעדט צו דער דינסט:

— וואָס איז דאָ נאָך צו פרעגן? איר גייט אַהין צו די קירכוועכטער און פרעגט, וווּ ס'וווינען די הקדשניצעס. זיי וועלן אָפּוואַשן דעם מת און אים אויסריכטן — וועלן טון אַלץ, וואָס מען דאַרף.

שרעק

דמיטרי פעטראָוויטש סילין האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט און פאַרנומען אַ פּאָסטן אין פּעטערבורג, נאָר צו דרייסיק יאָר האָט ער אַוועקגעוואָרפן די שטעלע און זיך אָפּגעגעבן מיט לאַנדווירטשאַפט. די ווירטשאַפט איז געגאַנגען נישטקשה, אָבער מיר האָט זיך פֿונדעסטוועגן אויסגעוויזן, אַז ער איז נישט אויף זיין אָרט און אַז ער וואָלט בעסער געטון, ווען ער וואָלט צוריק אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג. ווען ער פלעגט — אַן אָפּגעבריענטער, אַ גרויער פון שטויב און אָפּגעמאַטערטער פון דער אַרבעט — מיך באַגעגענען בײַ די טויערן אָדער בײַם פראָנט־גאַנג אין נאָכדעם בײַ דעם נאַכטעסן קעמפן מיט דער שלעפעריקייט ביז זיין ווייב פלעגט אים אַוועקפירן שלאָפן, ווי אַ קליין קינד; אָדער ווען, גובר זייענדיק די שלעפעריקייט, פלעגט ער אָנהייבן מיט זיין ווייכן, האַרציקן, ממש בעטנדיקן קול אַרויסזאָגן זיינע שיינע געדאַנקען, — האָב איך געזען אין אים נישט קיין ווירט און נישט קיין אַגראָנאָם, נאָר בלויז אַ פאַרמאַטערטן מענטש; און מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז ער באַדאַרף גאָרנישט קיין שום ווירטשאַפט, נאָר ער דאַרף, אַז דער טאָג זאָל אַוועקגיין — און אַ לויב גאָט דערפאַר.

איך האָב ליב געהאַט צו זיין באַ אים און ס'פלעגט זיך מאַכן, אַז איך האָב געוואָלט אין זיין גיט צו צוויי־דריי טעג. איך האָב ליב געהאַט זיין הויז, דעם פּאַרק, דעם גרויסן אויבסט־סאַד, דאָס טייכל, און אויך זיין פילאָזאָפיע — אַ ביסעלע פלעגמאַטישע און מליצהדיקע, נאָר קלאָ־רע. אַ פּנים, אַז איך האָב ליב געהאַט אים אַליין אויך, הגם אויף זיכער קאָן איך דאָס נישט זאָגן, מחמת איך קאָן נאָך עד היום נישט פונאַנדער־קלייבן זיך אין מיינע דעמאָלטיקע געפילן. דאָס איז געווען אַ קלוגער, גוטער, נישט לאַנגווייליקער און אויפריכטיקער מענטש, נאָר איך געדענק גוט, אַז ווען ער פלעגט מיר פאַרטרויען זיינע אינטימע סודות און אָנ־רופן אונזערע באַציונגען — פריינדשאַפט, איז מיר געווען אומאָנגענעם, און כ'האָב געפילט אַ פאַרלעגנהייט. אין זיין פריינדשאַפט צו מיר איז גע־ווען עפּעס נישט באַקוועמס, לעסטיקס, און אָנשטאָט איר וואָלט מיר אַ סך ליבער געווען אַ פּשוטע, חברישע באַציונג.

די מעשה איז, וואָס מיר איז געוואַלטיק געפעלן זיין ווייב, מאַריאַ סערגעיעווגאַ. איך בין נישט געווען פאַרליבט אין איר, נאָר מיר איז גע־פעלן איר פּנים, אירע אויגן, דאָס קול, דער גאַנג; איך האָב געבענקט נאָך איר, ווען איך האָב זי לאַנג נישט געזען, און מיין דמיון האָט אין יענער צייט קיינעם נישט געמאָלט אַזוי גערן, ווי דידאָזיקע יינגע, שיי־נע און גאַלאַנטע פרוי. איך האָב נישט געהאַט בנוגע איר קיין שום באַ־שטימטע כּוונות און נישט געטרוימט וועגן גאָרנישט, נאָר יעדעס מאָל ווען מיר זענען פאַרבליבן אַליין, איז מיר איבער־עפּעס געקומען אויפן זינען, אַז איר מאַן האַלט מיך פאַר זיין פריינד, און מיר איז געוואָרן אומ־באַקוועם. ווען זי פלעגט שפּילן אויפן פּאַרטעפּיאַן מיינע באַליבטע קאָמ־פּאָזיציעס, אָדער זי האָט מיר דערציילט עפּעס אינטערעסאַנטס, האָב איך זי מיט פאַרגעניגן געהערט, און אין דערזעלבער צייט זענען אין מיין קאָפּ אַריין געקראָכן רעיונות וועגן דעם, אַז זי האָט ליב איר מאַן, אַז ער איז מיין פריינד און אַז זי אַליין האַלט מיך פאַר זיין פריינד; מיין שטי־מונג פלעגט קאַליע ווערן, און איך פלעג ווערן פלעגמאַטיש, אָפּהענטיק און אומעטיק. זי פלעגט באַמערקן די ענדערונג און געווינלעך זאָגן:

— אייך איז לאַנגווייליק אָן אייער פריינד. מען דאַרף אַרויסשיקן נאָך אים אויפן פעלד.

און בשעת דמיטרי פּעטראָוויטש איז געקומען, פּלעגט זי זאָגן:

— נו, אָט איז שוין געקומען אייער פריינד, פרייט זיך.

אַזוי האָט געדויערט אַ יאָר אַנדערהאַלבן.

איינמאָל, אַ געוויסן זונטיק אין יולי, בין איך מיט דמיטרי פּעטראָוויטשן, נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, אַריבערגעפאָרן אין גרויסן דאָרף קלושינאָ, כּדי איינצוקויפן דאָרט פּאַרבייסעכץ צום נאַכטעסן. איבער דער צייט, וואָס מיר זענען אַרומגעגאַנגען איבער די געוועלבן, איז דערווייל אונטערגעגאַנגען די זון און ס'איז אָנגעקומען דער אָוונט, — יענער אָוונט, וועלכן כ'וועל, מסתּמא, קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן. איינגעקויפט קעז, ענלעכן צו זייף, און שטיין־האַרטן וואורשט, פון וועלכן מען האָט געשפּירט דזשעגעטש, זענען מיר אַוועק אין אַ שענק נאָך ביר. אונדזער פורמאַן איז פאַרפאָרן צו אַ קוזניע אונטערצוקאָווען די פערד, און מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מיר וועלן וואַרטן אויף אים בײַ דער צערקווע. מיר זענען אַרומגעגאַנגען, האָבן געשמועסט, געלאַכט פון אונדזערע מציאות, און הינטער אונדז איז שווייגנדיק מיט אַ געהיימנישפולן אויסזען, ממש ווי אַ שפּיאָן, נאָכגעגאַנגען אַ פּאַרשוין, וואָס האָט געהאַט בײַ אונדז אין קרייז אַ געניג משונהדיקן צונאָמען: „פּערציק מאַרטירער". דערדאָזיקער „פּערציק מאַרטירער" איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי גאַווריליאַ סעוועראָוו, אָדער פּשוט גאַווריושקאַ, וועלכער האָט נישט לאַנג געדינט בײַ מיר אַלס לאַקיי און איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פאַר זיין שיכּרות. ער האָט אויך געדינט בײַ דמיטרי פּעטראָוויטשן, וועלכער האָט אים דעסגלייכן אָפּגעשאַפט פאַרן זעלבן חטא. דאָס איז געווען אַ ווילדער שיכּוריק, און בכלל איז דאָס גאַנצע מזל זיינס געווען אַ שיכּורס און פונקט אַזוי זינלאָז, ווי ער אַליין. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ גלח, און די מוטער — אַן אַדל־פרוי, הייסט עס, אַז לויט זיין געבורט האָט ער געהערט צום יחוסדיקן שטאַנד; נאָר וויפיל איך האָב זיך נישט איינגעקוקט אין זיין אָפּגענוצטן דרך־ארצדיקן און שטענדיק שווייסיקן פּנים, אין זיין געלבלעכער, שוין טיילווייז גראָער, באָרד, אין דער נעבעכדיקער צעריסענער מאַרינאַרקע און רויטן אַריבערגעלאָזטן העמד, — האָב איך בשום אופן נישט געקענט געפינען אפילו קיין סימן פון דעם, וואָס, לויט אונדזערע אַלגעמיינע השגות, ווערט אָנגערופן — יחוס. ער האָט זיך

גערופן געבילדעטער און דערציילט, אַז ער האָט זיך געלערנט אין אַ גלחישער שול, וואו ער האָט דעם קורס נישט געענדיקט, וואָרים מען האָט אים אויסגעשלאָסן פאַר רייכערן; נאָכדעם האָט ער געזונגען אין אַן אַרכיערעישן כאָר און בערך צוויי יאָר געלעבט אין אַ מאָנאַסטיר, פון וואַנען מען האָט אים אויך אויסגעשלאָסן, אָבער שוין נישט פאַר רייכערן, נאָר פאַרן „מיחיש״. ער איז צוויי גובערניעס אויסגעגאַנגען צופיס, פלעגט צוליב עפּעס אָנגעבן בקשהס אין קאָנסיסטאָריעס און אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס, האָט פיר מאָל געהאַט אויף זיך פּראָצעסן. ענדלעך איז ער געבליבן שטעקן בּאַ אונז אין קרייז, וואו ער האָט פאַרנומען שטעלעס אַלס לאָקיי, אַלס וואַלד־שומר, הונט־משרת, קירכוועכטער און חתונה געהאַט מיט אַ צעלאָזטער אַלמנה — אַ קעכין. דאָ איז ער ענדגילטיק פאַרזונקען אינם העקישן לעבן אַזוי, אַז ער פלעגט שוין אַליין רעדן וועגן זיין יחוסדיקער אָפּשטאַמונג מיט אַ געוויסן אומצוטרוי, ווי וועגן עפּעס אַ לעגענדע. אין דער באַשריבענער צייט האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט אָן אַ שטעלע, זיך רעקאָמענדירט אַלס פערד־רופא און יעגער, און זיין ווייב האָט זיך ערגעץ אַרומגעוואַלגערט, אומבאַוואוסט וואו.

פון דער שענק זענען מיר אַוועקגעגאַנגען צו דער צערקווע און אין פאָדערהויז זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויפן קוטשער. פ ע ר צ י ק מ אַ ר ט י ר ע ר האָט זיך אַוועקגעשטעלט פונדערווייטנס און אויפגעהויבן די האַנט צום מויל, כדי דרך־ארצדיק אַ הוסט צו געבן אין איר, ווען מ׳וועט באַדאַרפן. ס׳איז שוין געווען פינצטער; ס׳האָט שטאַרק געשמעקט די אָוונטיקע פרישקייט און די לבנה האָט געהאַלטן אין אויפגיין. אויפן לויטערן, אויסגעשטערנטן הימל זענען געווען בלויז צוויי וואָלקנס: איינער אַ גרויסער, דער אַנדערער אַ קלענערער; איינזאַמע, ממש אַ מאַמע מיט אַ קינד, זענען זיי געלאָפן איינער נאָכן אַנדערן צו יענער זייט, וואו ס׳האָט זיך געלאָשן די שקיעה־שטראַלונג.

— אַ מחיהדיקער טאָג היינט, — האָט געזאָגט דמיטרי פּעטראָוויטש.

— אויסערגעוויינלעך... — האָט מסכים געווען „פּערציק מאַרטירער“ און דרך־ארצדיק אַ הוסט געטון אין דער האַנט אַריין. — וויאַזוי האָט איר עס, דמיטרי פּעטראָוויטש, באַוויליקט צו פאַרטראַכטן דאָ אַהער־

צו קומען? — האָט ער געפרעגט מיט אַ חניפהדיק קול, קענטיק ווילנ־דיק פאַרבונדן אַ שמועס.

דמיטרי פּעטראָוויטש האָט גאָרנישט געענטפערט. „פּערציק מאַרטי־רער" האָט טיף אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן רעדן שטיל, נישט קוקנדיק אויף אונז:

— איך לייד אויסשליסלעך דורך אַ סיבה, פאַר וועלכער כ'דאַרף אָפּגעבן דין וחשבון דעם אַלמעכטיקן גאָט. מילא, אוודאי בין איך אַ מענטש אַ פאַרלוירענער און אומפעיקער, נאָר גלייבט מיר אויף די באמנות: אָן אַ שטיקל ברויט און ערגער פון אַ הונט... זייט מוחל, דמי־טרי פּעטראָוויטש!

סילין האָט נישט געהערט. אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט די פויסטן, האָט ער וועגן עפּעס געטראַכט. די צערקווע האָט זיך געפונען אין עק פון דער גאַס, אויף אַ הויכן ברעג, און דורך די שטאַכעטן פונם פּאַרקן האָבן מיר געזען אויף יענער זייט אַ טייך, פאַרגאָסענע לאָנקעס און אַ העל פּורפּור־פייער פון אַ פלאַם, אַרום וועלכן ס'האָבן זיך באַוועגט שוואַרצע מענטשן און פערד. און ווייטער נאָכן פלאַם נאָך פייערלעך · דאָס איז געווען אַ דערפל... פון דאָרטן האָט זיך געהערט אַ גע־זאַנג.

אויפן טייך און ערטערווייז אויף דער לאָנקע האָט זיך אויפגעהויבן אַ נעפּל. הויכע, שמאָלע שטיקער נעפּל, געדיכטע און ווייסע, ווי מילך, האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבערן טייך, האָבן פאַרשטעלט די אָפּשפּיגלונגען פון די שטערן און זיך פאַרטשעפּעט אָן די ווערבעס. זיי האָבן יעדע מינוט געטוישט זייער אויסזען און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אייניקע נעמען זיך אַרום, די צווייטע בייגן זיך, די דריטע הייבן אויף צום הימל זייערע הענט מיט ברייטע פּריסטערישע אַרבל, אַזויווי זיי וואָלטן מתפלל גע־ווען... מסתמא, האָבן זיי עס אַרויפגעפירט דמיטרי פּעטראָוויטשן אויפן געדאַנק וועגן רוחות און טויטע, מחמת ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּנים און מיט אַ טרויעריקן שמייכל געפרעגט:

— זאָגט מיר, מיין טייערער, פאַרוואָס עפּעס, ווען מיר ווילן דער־ציילן עפּעס שרעקלעכס, געהיימנישפולס און פאַנטאַסטיש, שעפּן מיר מאַטעריאַל נישט פון לעבן, נאָר דווקא פון דער וועלט פון רוחות און אונטערערדישע שאָטנס?

— שרעקלעך איז דאָס, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך.

— און דאָס לעבן איז אייך דען פאַרשטענדלעך ? זאָגט : פאַרשטייט איר דען דאָס לעבן מער, ווי יענע וועלט ?

דמיטרי פעטראָוויטש האָט זיך צוגעזעצט צו מיר גאָר נאָענט, אַזוי אַז איך האָב געשפּירט אויף דער באַק זיין אָטעם. אין אָוונטיקער טונקלקייט האָט זיין בלאַס, מאָגער פּנים אויסגעזען נאָך בלאַסער, און די טונקעלע באָרד — שוואַרצער פון סאַזשע. זיינע אויגן האָבן געקוקט טרויעריק, אויפריכטיק און אַ ביסעלע איבערגעשראָקן, אַזויווי ער וואָלט געהאַט בדעה צו דערציילן מיר עפּעס שרעקלעכס. ער האָט מיר געקוקט אין די אויגן אַריין און ווייטער גערעדט מיט זיין, ווי געוויינלעך, בעטנדיקן קול :

— אונזער לעבן און די מתים־וועלט זענען גלייך אומפאַרשטענדלעך און שרעקלעך. ווער ס'האָט מורא פאַר רוחות, דער דאַרף אויך מורא האָבן פאַר מיר, פאַר דידאָזיקע פייערס, פאַרן הימל, ווייל דאָס אַלץ, ווען מ'זאָל גוט דערין אַריינטראַכטן, איז נישט ווייניקער אומבאַגרייפלעך און פאַנטאַסטיש, ווי די געקומענע פון יענער וועלט. פּרינץ האַמלעט האָט זיך נישט דערהרגעט דערפאַר, וואָס ער האָט מורא געהאַט פאַר יענע זעונגען, וועלכע וואָלטן אפשר באַזוכט זיין טויטן שלאָף; דער דאָזיקער באַוואוסטער מאָנאָלאָג געפעלט מיר, אָבער, אָפנהאַרציק גערעדט, האָט ער קיינמאָל נישט אָנגערירט טיפער מיין נשמה. איך בין זיך אייך מודה, ווי פאַר אַ פריינד, איך האָב טיילמאָל אין מינוטן פון אומעט זיך געפרוווט אויסמאָלן דעם מאָמענט פון טויט, מיין פאַנטאַזיע האָט אויסגעפונען טויזנטער מרה־שחורהדיקע זעונגען, און מיר איז געלונגען צו דערפירן זיך ביז צו אַ פיינלעכער עקזאַלטאַציע, צו אַ קאָשמאַר, און איך פאַרזיכער אייך, אַז ד׳ס אַלץ האָט מיר נישט אויסגעזען שרעקלעכער פון דער ווירקלעכקייט. וואָס איז דאָ צו רעדן, ס'זענען שרעקלעך די זעונגען, אָבער שרעקלעך איז אויך דאָס לעבן. איך, מיין ליבער, פאַרשטיי נישט דאָס לעבן און האָב מורא דערפאַר. איך ווייס נישט, אפשר בין איך אַ קראַנקער, צעד־ייטער מענטש. אַ נאָרמאַלן, געזונטן מענטש דאַכט זיך, אַז ער פאַרשטייט אַלץ, אַז ער זעט און הערט, און איך האָב אָנגעוואוירן דעמדאָזיקן „דאַכט זיך" און פון טאָג צו טאָג סם איך זיך מער אָפּ מיט שרעק. ס'איז פאַרהאַן אַ קראַנקייט — מורא פאַר שטח,

איך בין דעטגלייכן קראַנק — אויף מורא פאַרן לעבן. ווען איך ליג אויפן גראָז און קוק לאַנג אויף אַ זשוקעלע, וואָס איז ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן און פאַרשטייט נישט גאָרנישט, דאַכט זיך מיר, אַז דעם זשוקס לעבן באַשטייט פון אַן אומאויפהערלעכער אימה, און איך זע דערין זיך אַליין.

— וואָס=זשע איז אייך אייגנטלעך אַזוי שרעקלעך? — האָב איך געפרעגט.

— מיר זעט אַלץ אויס שרעקלעך. איך בין בטבע אַ מענטש נישט קיין טיפער און אינטערעסיר זיך ווייניק מיט אַזעלכע פראַגן, ווי יענע וועלט, די גורלות פון דער מענטשהייט, און בכלל פלי איך זעלטן אַוועק אין די עולמות העליונים. מיר איז דערעיקרשט שרעקלעך די אַלטעגלעכקייט, פון וועלכער קיינער פון אונז קען זיך נישט אויסבאַהאַלטן. איך בין נישט מסוגל אונטערצושיידן, וואָס אין מיינע מעשים איז אמת און וואָס איז שקר, און דאָס באַאומרויקט מיך; איך אָנערקען, אַז די לעבנס=באַדינגונגען און די דערציִונג האָבן מיך איינגעשלאָסן אין אַן ענגן קרייז פון שקר, אַז מיין גאַנץ לעבן איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ טאָג=טעגלעך דאגהן וועגן דעם, אַז איך זאָל אָפּנאַרן זיך און מענטשן און נישט באַמערקן עס. און ס׳כאַפּט מיך אָן אַ שרעק פונם געדאַנק, אַז ביזן סאַמע טויט וועל איך זיך נישט אַרויסקריגן פונם דאָזיקן שקר. היינט טו איך עפּעס, און מאָרגן ווייס איך שוין נישט, צוליב וואָס איך האָב דאָס געטון. איך האָב אָנגענומען אַ שטעלע אין פּעטערבורג און האָב זיך איבערגעשראָקן, בין געקומען אַהער, כדי צו פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט, און האָב זיך אויך איבערגעשראָקן... איך זע, אַז מיר ווייסן ווינציק און גרייזן דעריבער יעדן טאָג; מיר זענען אומגערעכטיק, רעדן רכילות, כאַפּן אויס איינער באַם אַנדערן, ברענגען אויס אַלע אונזערע כוחות אויף זינלאָזיקייטן, וועלכע זענען אונז נישט נייטיק און שטערן אונז צו לעבן; און מיך שרעקט דאָס, וואָרים איך פאַרשטיי נישט, צווואָס און וועמען דאָס אַלץ איז נייטיק. איך, מיין ליבער, פאַרשטיי נישט די מענטשן און האָב פאַר זיי מורא. מיר איז שרעקלעך צו קוקן אויף די פּויערן, איך ווייס נישט, צוליב וועלכע העכערע צילן זיי ליידן און צוליב וואָס זיי לעבן. אויב לעבן איז אַ תּענוג, דאַן זענען זיי איבעריקע, נישט נייטיקע מענטשן; אויב ווידער דער תּכלית און דער

זינען פֿון לעבן באַשטייט אין נויט און אין זומפּיקער, האָפֿנונגלאָזער פֿאַרגרעבטקייט, איז מיר אומפֿאַרשטענדלעך, פֿאַר וועמען און צוליב וואָס איז נייטיק דידאָזיקע אינקוויזיציע. איך פֿאַרשטיי נישט קיינעם און גאָרנישט. אדרבא, פֿאַרשטייט איר, אָט דעמדאָזיקן סוביעקט! — האָט דמיטרי פּעטראָוויטש געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף „פּערציק מאַרטירער". — טראַכט זיך אַריין!

באַמערקנדיק, אַז מיר ביידע האָבן אַ קוק געטון אויף אים, האָט „פּערציק מאַרטירער" דרך־ארצדיק אַ הוסט געטון אין פֿויסט אַריין און געזאָגט:

— באַ גוטע הערן בין איך תמיד געווען אַ געטרייער דינער, נאָר די הויפּט־סיבה איז געווען — די האַרבע געטראַנקען. ווען מען זאָל זיך אַצינד איבער מיר, אומגליקלעכן מענטש, דערבאַרמען און מ'זאָל מיר געבן אַ שטעלע, וואָלט איך אַ נדר געטון. מיין וואָרט איז פֿעסט!

פֿאַרביי אונז איז דורכגעגאַנגען דער קירכוועכטער, מיט שטוינונג אַ קוק געטון אויף אונז און אָנגעהויבן ציִען באַם שטריק. דער גלאָק האָט, שטערנדיק שאַרף די שטילקייט פֿונם אָוונט, פּאַמעלעך און צעצויגן אויסגעשלאָגן צען.

— פֿונדעסטוועגן, איז שוין צען אַ זייגער! — האָט געזאָגט דמיטרי פּעטראָוויטש. — ס'איז שוין צייט צו פֿאָרן. יאָ, מיין ליבער, — האָט ער אָפּגעזיפֿצט — ווען איר זאָלט וויסן, ווי איך האָב מורא פֿאַר מיינע אַלטעגלעכע, פּראַקטישע געדאַנקען, אין וועלכע ס'דאַרף, דאַכט זיך, נישט זיין קיין שום שרעקלעכס. כּדי נישט צו קלערן, פֿאַרטו איך זיך מיט אַרבעט און פּלייס זיך צו ווערן אָפּגעמאַטערט, כּדי באַנאַכט פֿעסט צו שלאָפֿן. די קינדער, דאָס ווייב — באַ אַנדערע איז עס געוויינלעך, נאָר ווי שווער איז עס באַ מיר, מיין ליבער!

ער האָט אַ רייב געטון מיט די הענט דאָס פּנים, האָט אַ כראַק געטון און זיך צעלאַכט.

— ווען איך וואָלט אייך געקאָנט דערציילן, סאַראַ שוטה איך בין באַגאַנגען אין לעבן! — האָט ער געזאָגט. — אַלע זאָגן מיר: איר האָט אַ ליבע פֿרוי, הערלעכע קינדער און איר גופֿא זענט אַ גרויסאַרטיקער פֿאַמיליענמענטש. מען מיינט, אַז איך בין זייער גליקלעך, און מען איז מיך מקנא. נו, קוים האַלט שוין דערביי, וועל איך אייך זאָגן בסוד: מיין

גליקלעך פאַמיליענלעבן איז נישט מער, ווי אַ טרויעריק מיספאַרשטענדניש, און איך האָב דערפאַר מורא.

זיין בלאַס פּנים איז געוואָרן נישט סימפּאַטיש פון דעם אָנגעשטרענגטן שמייכל. ער האָט מיך אַרומגענומען בײַ דער טאַליע און פאַרגעזעצט מיט אַ האַלב קול:

— איר זענט מיין אויפריכטיקער פריינד, איך גלייב אייך און שעץ אייך טיף. פריינדשאַפט שיקט אונז דער הימל דערויף, אַז מיר זאָלן זיך קענען אַרויסזאָגן און באַפרייען זיך פון די סודות, וואָס דריקן אונז. דערלויבט־זשע מיר צו באַנוצן זיך מיט אייער פריינדלעכער אויפגעלייגטקייט צו מיר און אַרויסזאָגן אייך דעם גאַנצן אמת. מיין פאַמיליען־לעבן, וואָס ווייזט זיך אייך אויס אַזוי אַנטציקנדיק, איז אייגנטלעך דאָס הויפּט־אומגליק מיינס, און מיין הויפּט־שרעק. איך האָב חתונה געהאַט מאָדנע און נאַריש. איך דאַרף אייך זאָגן, אַז פאַר דער חתונה האָב איך בין משוגעת ליב געהאַט מאַשען און בין אַרומגעגאַנגען מיט איר צוויי יאָר. איך הײַב איר פינף מאָל געמאַכט פאָרשלאַגן, און זי האָט מיר אַלץ אָפּגעזאָגט, וואָרים זי איז געווען צו מיר פולשטענדיק גלייכגילטיק. אויפן זעקסטן מאָל, ווען איך בין, פאַרטשאַדעט פון ליבע, געקראָכן פאַר איר אויף די קני, און האָב געבעטן איר האַנט, ווי אַ נדבה, האָט זי איינגעשטימט... זי האָט מיר אַזוי געזאָגט: „איך האָב אייך נישט ליב, נאָר כ'וועל אייך טריי זיין“... אַזאַ תנאַי האָב איך אָנגענומען מיט התלהבות. דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט, נאָר איצט, שווער איך אייך בײַ גאָט, הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין. — „איך האָב אייך נישט ליב, נאָר כ'וועל אייך טריי זיין“, — וואָס מיינט מען דאָס? דאָס איז — נעפּל, טונקלקייט... איך האָב זי היינט אַקוראַט אַזוי שטאַרק ליב, ווי אין ערשטן טאָג פון דער חתונה, און זי איז, דאַכט זיך, פּונקט ווי פריער, גלייכגילטיק און איז אַפּנים צופרידן, ווען איך פאָר אַוועק פון דער היים. איך ווייס נישט אויף זיכער, צי זי האָט מיך ליב, צי נישט, כ'ווייס נישט, אָבער מיר וואוינען דאָך אונטער איין דאַך, זאָגן זיך דו איינער דעם אַנדערן, שלאָפן צוזאַמען, האָבן קינדער, פאַרמאָגן בשותּפותדיק אייגנטום... וואָס זשע מיינט מען דאָס? צו וואָס איז דאָס? און איר, מיין ליבער, פאַרשטייט דאָ עפּעס? ס'איז אַ גרויזאַמער פּיין! מחמת דעם, וואָס איך פאַרשטיי גאָרנישט אין אונזערע באַ־

ציונגען, פיל איך אַ שנאה דאָ צו איר, דאָ צו זיך, דאָ צו ביידע צוזאַמען. באַ מיר אין קאָפּ האָט זיך אַלץ צונויפגעפּלאָנטערט, כ'פּייניק זיך און ווער טעמפּ. און, ווי אויף להכעיס ווערט זי מיט יעדן טאָג שענער, זי ווערט וואונדערלעך־שיין... איך האַלט, אַז זי האָט מערקווירדיקע האָר, און אַזאַ שמייכל, ווי באַ איר, האָב איך נישט געזען באַ קיין שום אַנדערער פרוי. איך האָב זי ליב און ווייס, אַז מיין ליבע איז האָפענונגסלאָז. אַ האָפענונגלאָזע ליבע צו אַ פרוי, פון וועלכער דו האָסט שוין צוויי קינדער! איז דען דאָס פאַרשטענדלעך און נישט שרעקלעך? איז דאָס דען נישט שרעקלעכער פון רוחות?

ער האָט זיך געפונען אין אַזאַ שטימונג, אַז ער וואָלט נאָך לאַנג געוועזן גערעדט, נאָר צום גליק האָט זיך דערהערט דעם פורמאַנס קול. אונזערע פערד זענען אָנגעקומען. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין פאַעטאָן, און „פערציק מאַרטירער” האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, געהאָלפן אונז ביידע אַריינשטייגן און דערביי געהאַט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, זיך צוצורירן צו אונזערע הייכווערדיקע קערפּערס.

— דמיטרי פּעטראָוויטש, דערלויבט אַהינצוקומען צו אייך — האָט ער אַרויסגערעדט, צוקנדיק שטאַרק מיט די אויגן און אויסבייגנדיק דעם קאָפּ אָן אַ זייט. — טוט אַ געטלעכן חסד! כ'גיי אויס פון הונגער!

— נו, גוט, — האָט געזאָגט סילין. — קום צו גיין, וועסט אָפּזיין דריי טאָג, וועלן מיר שוין זען.

— זאָל זיין, — האָט זיך דערפרייט „פערציק מאַרטירער”. — איך וועל נאָך היינט אַהינקומען.

אַהיים איז געווען זעקס וויאָרסט. דמיטרי פּעטראָוויטש איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך, סוף כּל סוף, אַרויסגעזאָגט פאַר אַ פריינד, און מיך דעם גאַנצן וועג געהאַלטן אַרום דער טאַליע. ער האָט שוין איצט, אָן צער און פּחד, נאָר פריילעך מיר מיטגעטיילט, אַז ווען באַ אים אין דער פאַמיליע זאָל אַלץ זיין בשלום, וואָלט ער זיך אומגעקערט קיין פּעטערבורג און וואָלט זיך דאָרט פאַרנומען מיט שטודיום. די שטרעמונג, האָט ער געזאָגט, וואָס האָט פאַרטריבן אין דאָרף אַריין אַזוי פיל באַגאַבטע יונגעלייט, איז געווען אַ טרויעריקע שטרעמונג. קאָרן און ווייץ

איז דאָ [illegible] אונז אין רוסלאַנד גענוג. אָבער קולטור-מענטשן איז אינגאַנצן נישטאָ. מען דאַרף זעען, אַז די באַגאַבטע, געזונטע יוגנט זאָל זיך פאַרנעמען מיט ווּיסנשאַפט, קונסט און פּאָליטיק; אַנדערש טון — הייסט, זיין נישט איבערגערעכנט. ער האָט פילאָזאָפירט מיט הנאה און אויסגעדריקט די באַדויערונג, וואָס מאָרגן פרי מוז ער זיך צעשיידן מיט מיר, ווארים ער דאַרף פאָרן אויף אַ וואַלד-ליציטאַציע.

און מיר איז געווען אומבאַקוועם און טרויעריק, און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין נאָר אַפּ אַ מענטש. און אין דערזעלבער צייט איז מיר געווען אָנגענעם. איך האָב געקוקט אויף דער אומגעהייערער פורפורענער לבנה, וואָס איז אויפגעגאַנגען, און האָב זיך פאָרגעשטעלט אַ הויכע, שלאַנקע, בלאַס-פּנימדיקע בלאָנדינקע, אַ שטענדיק אויסגעצירטע, וואָס פון איר שמעקן עפּעס אַזעלכע באַזונדערע פאַרפומען, ענלעכע צו פיזעם, און מיר איז איבער עפּעס פריילעך געווען צו קלערן, אַז זי האָט נישט ליב איר מאַן.

געקומען אַהיים, האָבן מיר זיך געזעצט עסן. מאַריאַ סערגעיעווגאַ האָט לאַכנדיק אונז מכבד געווען מיט אונזערע איינקויפונגען, און איך האָב איינגעפונען, אַז זי האָט טאַקע באמת מערקווירדיקע האָר און שמייכלט, ווי קיין שום אַנדערע פרוי. איך האָב איר נאָכגעקוקט און מיר האָט זיך געוואָלט זעען אין איר יעדער באַוועגונג און בליק, אַז זי האָט נישט ליב איר מאַן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך זע דאָס.

דמיטרי פעטראָוויטש האָט איינגיכן אָנגעהויבן צו קעמפן מיטן דרימל. נאָכן נאַכטעסן איז ער געבליבן זיצן מיט אונז אַ מינוט צען און האָט געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, מיין הערשאַפט, נאָר איך דאַרף מאָרגן אויפשטיין דריי אַ זייגער. דערלויבט מיר צו פאַרלאָזן אייך.

ער האָט צאַרט אַ קוש געטון דעם ווייב, פעסט, מיט דאַנקבאַרקייט מיר געדריקט די האַנט און גענומען באַ מיר דאָס וואָרט, אַז איך וועל דורכויס אויף דער צווייטער וואָך קומען צו פאָרן. כדי מאָרגן נישט צו פאַרשלאָפן, איז ער געגאַנגען נעכטיקן אין דער אָפיצינע.

מאַריאַ סערגעיעווגאַ פלעגט זיך לייגן שלאָפן שפּעט, אויפן פעטערבורגער שטייגער, און איך בין אַצינד איבער עפּעס צופרידן געווען דערפון.

— אַלזאָ ? — האָב איך אָנגעהויבן, ווען מיר זענען פאַרבליבן אַליין. — אַלזאָ, איר וועט זיין אַזוי גוט עפּעס שפּילן.

מיר האָט זיך נישט געגלוסט קיין מוזיק, נאָר איך האָב נישט געוואוסט, ווי אַזוי אָנצוהייבן דעם געשפּרעך. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט בּאַם פּאָרטעפּיאַן און אויפגעשפּילט, כ׳געדענק שוין נישט וואָס. איך בין געזעסן דערלעבן, האָב געקוקט אויף אירע ווייסע, פּוכיקע הענט און זיך געפלייסט איבערצולייענען עפּעס אויף איר קאַלטן, גלייכגילטיקן געזיכט. נאָר אָט האָט זי פון עפּעס אַ שמייכל געטון און אַ קוק געטון אויף מיר.

— אייך איז לאַנגווייליק אָן אייער פריינד, — האָט זי געזאָגט.

איך האָב זיך צעלאַכט.

— פון פריינדשאַפט וועגן וואָלט גענוג געווען אַהערצוקומען איין מאָל אין חודש, און איך בין דאָ אָפטער, ווי יעדע וואָך.

זאָגנדיק דאָס, בין איך אויפגעשטאַנען און אויפגערעגט זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק. זי איז אויך אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום קאַמין.

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן ? — האָט זי געפרעגט, אויפהייבנדיק אויף מיר אירע גרויסע, לויטערע אויגן.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט.

— איר האָט נישט געזאָגט דעם אמת, — האָט זי פאָרגעזעצט, נאָכדעם ווי זי האָט אַ קלער געטון. — איר קומט דאָ אַהער נאָר צוליב דמיטרי פּעטראָוויטשן. מילא, איך בין צופרידן. אין אונזערע צייטן קומט זעלטן אויס צו זען אַזאַ פריינדשאַפט.

— עהע ! — האָב איך אַ קלער געטון און, נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן, האָב איך אַ פרעג געטון : — איר ווילט זיך דורכשפּאַצירן אין גאָרטן?

— ניין.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע. כ׳האָב געשפּירט, ווי איבערן קאָפּ וואָלטן מיר אַרומגעלאָפן מוראַשקעס און מיר איז קאַלט געווען פון אויפרעגונג. איך בין שוין געווען זיכער, אַז אונזער געשפּרעך

וועט זיין דער סאַמע נישטיקסטער און מיר וועלן קיין שום באַזונדערס נישט קענען זאָגן איינער דעם אַנדערן, אָבער אַז דווקא אין דערדאָזי־קער נאַכט מוז געשעען דאָס, וועגן וואָס איך האָב אפילו נישט גע־וואַגט צו טרוימען. דווקא אין דער היינטיקער נאַכט, אָדער קיינמאָל נישט.

— סאַראַ שיין וועטער ! — האָב איך הויך געזאָגט.

— פאַר מיר איז עס לחלוטין אַלציינס, — האָט זיך דערהערט אַן ענטפער.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין זאַל. מאַריאַ סערגעיעוונאַ איז ווי פריער געשטאַנען לעבן קאַמין ; די הענט פאַרלייגט אַהינטער, האָט זי וועגן עפּעס געטראַכט און געקוקט אין אַ זייט.

— פאַרוואָס זשע איז עס פאַר אייך לחלוטין אַלץ איינס ? — האָב איך געפרעגט.

— ווייל ס'איז מיר לאַנגווייליק. איר לאַנגווייליקט זיך נאָר אָן אייער פריינד, און מיר איז תמיד לאַנגווייליק. איבריקנס... אייך איז דאָס נישט אינטערעסאַנט.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט באַם קלאַוויר און גענומען איינציקע אַקאָרדן, וואַרטנדיק, וואָס וועט זי ווייטער זאָגן.

— איך בעט אייך, צערעמאָנירט זיך נישט, — האָט זי געזאָגט. בייז קוקנדיק אויף מיר און ווי זי וואָלט געהאַלטן באַ צעוויינען זיך פון פאַרדראָס. — אויב איר ווילט שלאָפן, גייט אַוועק. מיינט נישט, אַז קוים זענט איר דמיטרי פּעטראָוויטשעס פריינד, זענט איר שוין מחויב צו לאַנגווייליקן זיך מיט זיין ווייב. איך וויל נישט קיין קרבנות. איך בעט אייך, גייט אַוועק.

איך בין, נאַטירלעך, נישט אַוועקגעגאַנגען. זי איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע און איך בין פאַרבליבן אין זאַל און אַ מינוט פינף האָב איך איבערגעבלעטערט די נאָטן. נאָכדעם בין איך אויך אַרויסגע־גאַנגען. מיר זענען געשטאַנען באַנאַנד אין שאָטן פון די פאָרהאַנגען, און אונטער אונז זענען געווען די טרעפּ, באַגאָסן פון לבנה־שיין. דורך די בלומען־קלאָמבן און איבערן געלן זאַמד אין די אַלייען האָבן זיך געצויגן שוואַרצע שאָטנס פוןביימער.

— איך דאַרף אויך מאָרגן אַוועקפאָרן, — האָב איך גע־זאָגט.

— נאַטירלעך, קוים איז דער מאַן נישטאָ אינדערהיים, קאָנז איר דאָ נישט פאַרבלייבן, — האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט איראָניע. — איך שטעל מיר פאָר, ווי אומגליקלעך איר וואָלט געווען, ווען איר וואָלט זיך חלילה אין מיר פאַרליבט! נאָר וואַרט, איך וועל ווען־ס׳איז געמען און וואַרפן זיך אייך אויפן האַלז... איך וועל אומישנע זען, מיט וואָסער אימה איר וועט אַוועקלויפן פון מיר. ס׳איז אינטערעסאַנט.

אירע רייד און דאָס בלאַסע פּנים זענען געווען בייז, אָבער אירע אויגן זענען פול געווען מיט צאַרטסטער, ליידנשאַפטלעכער ליבע. איך האָב שוין געקוקט אויפן דאַזיקן הערלעכן ווען, ווי אויף מיינס אַן אייגנטום, און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז זי האָט גאָלדיקע ברעמען, וואונדערלעכע ברעמען, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכע נישט געזען. דער געדאַנק, אַז איך קען זי באַלד צוטוליען צו זיך, צערטלען, אָנרירן אירע מערקווירדיקע האָר, איז מיר פּלוצלינג פאָר־געקומען אַזוי משונהדיק, אַז איך האָב זיך צעלאַכט און פאַרמאַכט די אויגן.

— פונדעסטוועגן איז שוין צייט... איך ווינטש אייך אַ רויִקע נאַכט. — האָט זי אַ זאָג געטון.

— איך וויל נישט קיין רויִקע נאַכט... — האָב איך געזאָגט נאָכ־גייענדיק איר אין זאַל אַריין. — איך וועל פאַרשעלטן די נאַכט, אויב זי וועט זיין אַ רויִקע.

דריקנדיק איר האַנט און באַגלייטנדיק זי ביז דער טיר, האָב איך געזען אין איר פּנים, אַז זי פאַרשטייט מיך און איז צופרידן, וואָס איך פאַרשטיי זי אויך.

איך בין אַוועק צו זיך אין צימער. באַ מיר אויפן טיש לעבן די ביכער איז געלעגן דמיטרי פּעטראָוויטשעס היטל, און דאָס האָט מיך דער־מאַנט אָן זיין פריינדשאַפט. איך האָב גענומען מיין שפּיצרוט און אַרויס־געגאַנגען אין גאָרטן. דאָ האָט זיך שוין אויפגעהויבן אַ נעפּל, און אַרום די ביימער און קוואַקעס האָבן אַרומגענומענערהייט געבלאָנקעט די איי־געגע הויכע און שמאָלע געשטאַלטן, וועלכע איך האָב געזען פריער

פונדערוווייטנס אויפן טייך, אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט געקענט מיט זיי רעדן!

אין דער אומגעוויינלעך דורכזיכטיקער לופט האָט זיך בולט אויס־געטיילט יעדעס בלעטל, יעדעס טוי־טראָפּעלע; דאָס אַלץ האָט צו מיר געשמייכלט אין דער שטילקייט, אַזויווי פון שלאָף. און בשעת איך בין פאַרבייגעגאַנגען די גריגע בענק, האָב איך זיך דערמאַנט די ווערטער אין שעקספּירס אַ געוויסער פּיעסע: ווי מתיקותדיק ס'שלאָפט די לבנה־שיין דאָ אויף דער באַנק!

אין גאָרטן איז געווען אַ בערגל. איך בין אַרויפגעגאַנגען דערויף און האָב זיך אָוועקגעזעצט. מיך האָט געמאַטערט אַ כּשופדיק געפיל. איך האָב געוואָוסט אויף זיכער, אַז כ'וועל באַלד אַרומנעמען, זיך צודריקן צו איר פּראַכטפולן קערפּער, קושן אירע גאָלדענע ברעמען, און מיר האָט זיך געוואָלט נישט גלייבן דערין, רייצן זיך, און מיר איז אַ שאָד געווען, וואָס זי האָט אַזוי ווינציק מיך געפּייניקט און זיך אַזוי גיך אונטערגע־געבן.

נאָר אָט האָבן זיך אומגעריכט דערהערט שווערע טריט. אין דער אַלעיע האָט זיך באַוויזן אַ מאַנספּאַרשוין פון מיטעלן וואוקס און איך האָב תיכּף דערקענט אין אים „פּערציק מאַרטירער“ ער האָט זיך אַנידערגע־זעצט אויף דער באַנק און טיף אָפּגעזיפצט, דערנאָך זיך דריי מאָל אי־בערגעצלמט און זיך אַנידערגעלייגט. אין אַ מינוט אַרום איז ער אויפגע־שטאַנען און האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער צווייטער זייט. די קאָמאַרן און די נאַכט־פייכטקייט האָבן אים געשטערט איינצושלאָפן.

— נו, אַ לעבן! — האָט ער אַרויסגערעדט. — אַן אומגליקלעך ביטער לעבן.

איך האָב געקוקט אויף זיין מאָגערן, איינגעבויגענעם קערפּער, געהערט די שווערע, הייזעריקע זיפצן און זיך דערמאַנט אָן נאָך איין אומגליקלעך, ביטער לעבן, וועלכעס האָט זיך פאַר מיר היינט מתוודה געווען, און מיר איז געוואָרן אומהיימלעך און שרעקלעך פאַר מיין גליק־זעליקן צושטאַנד. איך בין אַראָפּ פון בערגל און צוגעגאַנגען צום הויז.

„דאָס לעבן איז, לויט זיין מיינונג, שרעקלעך, — האָב איך גע־

טראַכט — בכן צערעמאָניע־זשע זיך נישט דערמיט, בּרעך עס איבּער און, כּל זמן עס האָט דיך נישט צעקוועטשט, נעם אַלץ, וואָס מ׳קאָן אוועקרייסן דערפון״.

אויף דער טעראַסע איז געשטאַנען מאַריאַ סערגעיעווגאַ. איך האָב זי שווייגנדיק אַרומגענומען און אָנגעהויבן דאַרשטיק קושן אירע ברעמען, שלייפן, דעם האַלז...

אין מיין צימער האָט זי מיר דערציילט, אַז זי האָט מיך שוין ליב לאַנג, מער ווי אַ יאָר; זי האָט זיך מיר געשוואוירן אין ליבע, געוויינט און געבעטן, כ׳זאָל זי אַוועקפירן צו זיך. איך האָב זי אַלץ איניינעם צו־געפירט צום פענצטער, כּדי אַ קוק צו געבן אויף איר פּנים בּאַ דער לבנה־שיין, און זי האָט מיר אויסגעוויזן אַ הערלעכער חלום; און איך האָב זיך געאיילט שטאַרק אַרומצונעמען זי, כּדי צו גלייבן אין דער ווירקלעכקייט. שוין לאַנג האָב איך נישט איבּערגעלעבט אַזאַ ענטוזיאַזם... אָבער טיף, ערגעץ אין אַ ווינקל פון דער נשמה, האָב איך דאָך געפילט אַ גע־וויסע פאַרלעגנהייט און ס׳איז מיר געווען איבּער דער טבע. אין איר לי־בּע צו מיר איז געווען עפּעס אומבּאַקוועמס און לעסטיקס, ווי אין דמיטרי פּעטראָוויטשעס פריינדשאַפט. דאָס איז געווען אַ גרויסע, ערנסטע ליבּע מיט טרערן און שבועות, און איך האָב געוואָלט, אַז ס׳זאָל נישט זיין קיין שום ערנסטעס — קיין טרערן, קיין שבועות, קיין געשפּרעכן וועגן דער צוקונפט. זאָל דידאָזיקע נאַכט האַבּן אַדורכגעשוועבט אין אונזער לעבן, ווי אַ ליכטיקער מעטעאָר — און פּטור.

פּונקט דריי אַ זייגער איז זי אַרויסגעגאַנגען פון מיר, און בשעת איך בּין געשטאַנען אין דער טיר און איר נאָכגעקוקט, האָט פּלוצלינג אין עק קאָרידאָר זיך בּאַוויזן דמיטרי פּעטראָוויטש. בשעת זי האָט זיך מיט אים בּאַגעגנט, האָט זי אַ ציטער געטון און אים אָפּגעטרעטן דעם וועג, און אין איר גאַנצער פיגור איז געווען אויסגעקריצט עקל. ער האָט עפּעס מאָדנע אַ שמייכל געטון, אָפּגעהוסט און איז אַריינגעגאַנגען צו מיר אין צימער.

— דאָ האָב איך נעכטן איבּערגעלאָזט מיין היטל... — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף מיר.

ער האָט געפונען און מיט בּיידע הענט אָנגעטון דאָס היטל אויפן

קאַפּ. נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטון אויף מיין צעמישט פּנים, אויף מיי־נע שטעק־לאַטשן און אַרויסגערעדט נישט מיט זיין, נאָר מיט עפּעס אַן אויסטערליש, גראָב קול:

— מיר איז, מסתמא, באַם געבורט נאָך אָנגעשריבן געוואָרן נישט צו פאַרשטיין גאָרנישט. אויב איר פאַרשטייט עפּעס, מילא... באַגריס איך אייך. מיר איז פינצטער אין די אויגן.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען, הוסטנדיק. דערנאָך האָב איך געזען דורכן פענצטער, ווי ער האָט אַליין באַם פערדשטאַל איינגעשפּאַנט די פערד. די הענט האָבן אים געציטערט, ער האָט זיך געאײַלט און זיך אַלעמאָל אומגעקוקט צום הויז; מסתמא, האָט ער געפילט אַ שרעק. נאָכדעם איז ער אויפגעזעסן אויף דער בריטשקע און מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט פאַר נאָכיאָגן, האָט ער אַ שמיץ געטון די פערד.

נישט לאַנג וואַרטנדיק, בין איך אַליין אויך אַוועקגעפאָרן. די זון איז שוין אויפגעגאַנגען און דער נעכטיקער נעפּל האָט זיך שע־מעוודיק געדריקט צו די קושאַקעס און בערגלעך. אָנגעטריבן האָט „פּער־ציק מאַרטירער", וועלכער האָט שוין באַוויזן אַריינצוכאַפּן ערגעץ אַ כּוסה, און שכורערהייט געפּלאַפּלט:

— איך בין אַ פרייער מענטש! — האָט ער געשריגן אויף די פערד. — העי, איר, פּיגעוואַטע! איך בין אַ דורותדיקער ערנבירגער, אויב איר ווילט וויסן!

דמיטרי פּעטראָוויטשעס שרעק, וואָס איז מיר נישט אַרויס פון זינען, האָט זיך ביסלעכווייז מיר אויך איבערגעגעבן. איך האָב גע־קלערט וועגן דעם, וואָס ס'איז געשען, און האָב גאָרנישט נישט פאַר־שטאַנען. איך האָב געקוקט אויף די פייגל, און מיר איז פאָרגעקומען מאָדנע און שרעקלעך, וואָס זיי פליען.

— נאָכוואָס האָב איך דאָס געטון? — האָב איך זיך געפרעגט מיט שטוינונג און פאַרצווייפלונג. — פאַרוואָס איז דאָס אַרויסגעקומען גראָד אַזוי, און נישט אַנדערש. ועמען און צוליב וואָס איז עס נייטיק געווען, אַז זי זאָל מיך ליב האָבן ערנסט און ער זאָל אַריינקומען אין צימער נאָכן היטל? סאַרא שייכות האָט דאָ דאָס היטל?

דעם אייגענעם טאָג בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג, און האָב זיך מער מיט דמיטרי פעטראָוויטשן און זיין ווייב קיין איין מאָל נישט געזעען. מען זאָגט, אַז זיי לעבן ווייטער צוזאַמען.

וואלאדיא

1.

אין אַ געוויסן זונטיקדיקן זומערטאָג, אַן ערך פינף אַ זייער פאַרנאַכט, איז וואָלאָדיאַ — אַ זיבעצניעריקער, נישט שיינער, קרענקלעכער און שעמעוודיקער בחור — געזעסן אין האַלטאַנקע באַ די שומיכינס אויף דער זומערוואוינונג און זיך געלאַנגווייליקט. זיינע נישט פריילעכע רעיונות זענען געשווימען אין דרייערליי ריכטונגען. ערשטנס איז אויף צומאָרגנס, מאָנטיק, אים פאָרגעשטאַנען צו האַלטן עקזאַמען אויף מאַטעמאַטיק; ער האָט געוואוסט, אַז אויב אים וועט זיך מאָרגן נישט איינגעבן צו מאַכן די שריפטלעכע אויפגאַבע, וועט מען אים אויסשליסן, וואָרים ער איז שוין געזעסן אין זעקסטן קלאַס צוויי יאָר און אַ יערלעכע באָטע אויף אַלגעברע האָט ער געהאַט נישט קיין גאַנצע 3. צווייטנס, האָט זיין אויפהאַלטן זיך באַ די שומיכינס — מענטשן רייכע מיט פרעטענזיעס אויף אַריסטאָקראַטיזם — פאַרשאַפט אַ כסדרדיקן שמערץ זיין אייגנליבע. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די מאַדאַם שומיכין מיט אירע פלימעניצעס קוקן אויף אים און זיין מאַמאַן, ווי אויף אָרימע קרובים און קעסטקינדער, אַז זיי שעצן נישט די מאַמאַן און לאַכן פון איר אָפּ. איינמאָל האָט ער אומגערן אונטערגעהערט, ווי מאַדאַם שומיכין האָט אויף דער טעראַסע גע-

רעדט צו איר קוזינקע אַננאַ פעדאָראָוונען, אַז זיין מוטער הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו מאַכן זיך יינג און שיין, אַז זי באַצאָלט קיינמאָל נישט, וואָס זי פאַרשפּילט אין קאָרטן און האָט אַ נייגונג צו פרעמדע שיך און פרעמדן טיטון. יעדן טאָג האָט וואָלאָדיאַ געבעטן די מוטער נישט צו פאָרן צו די שומיכינס, האָט איר געשילדערט, סאַראַ אומבכבודיקע ראָל זי שפּילט בײַ דידאָזיקע הערן, ער האָט איבערצייגט, גערעדט עזות, — אָבער דידאָזיקע לייכטזיניקע און צעבאַלעוועטע פרוי, וואָס האָט אין אירע יאָרן פאַרלעבט צוויי פאַרמעגנס — איר אייגנס און דעם מאַנס, וועלכע האָט שטענדיק געצויגן צו העכערער געזעלשאַפט, — האָט אים נישט פאַרשטאַנען, און וואָלאָדיאַ האָט אַ צוויי מאָל אין דער וואָך געמוזט זי באַגלייטן אויף דער פאַרהאַסטער זומערוואוינונג.

דריטנס האָט דער יינגערמאַן אויף קיין מינוט נישט געקענט זיך אָפּטשעפּן פון אַ משונהדיקן, אומאָנגענעם געפיל, וואָס איז געווען פאַר אים לגמרי ניי. . . אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פאַרליבט אין דער פרוי שומיכינס קוזינקע און גאַסט, אַננאַ פעדאָראָוונען. דאָס איז געווען אַ רירעוודיק, הויכרעדעוודיק און לאַכעוודיק ווייבעלע פון אַ יאָר דרייסיק, אַ געזונטע, פעסטגעבויטע, ראָזיקע, מיט קיילעכיקע אַקסלען, מיט אַ קיילעכיקער פעטער גאָמבע און מיט אַ כסדרדיקן שמייכל אויף די דינע ליפּן. זי איז געווען נישט שיין און נישט יינג — וואָלאָדיאַ האָט דאָס אויסגעצייכנט געוואוסט, נאָר ער איז איבער עפּעס נישט געווען בכּוח נישט צו קלערן וועגן איר, נישט צו קוקן אויף איר, ווען זי האָט, שפּילנדיק אין קראָקעט, געהויבן אירע קיילעכדיקע אַקסלען און באַוועגט מיטן גלאַטיקן רוקן, אָדער גאָר, ווען נאָך אַ לאַנגן לאַכן און אָנלויפן זיך אויף די טרעפּ, איז זי אַנידערגעפאַלן אויף אַ פאָטעל און מיט פאַרזשמורעטע אויגן, שווער עטעמענדיק, האָט זי געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איר איז ענג און דושנע אין דער ברוסט. זי איז געווען פאַרהייראַט. איר מאַן, אַ סאָלידער אַרכיטעקט פלעגט איין מאָל אין דער וואָך צופאָרן אויף דער זומערוואוינונג, אויסגעצייכנט זיך אויסשלאָפן און אומקערן זיך צוריק אין שטאָט. דאָס משונהדיקע געפיל האָט זיך אָנגעהויבן בײַ וואָלאָדיען דערפון, וואָס ער האָט אָן אַ סיבה פיינט געקריגן דעמדאָזיקן אַרכיטעקט און זיך געפרייט יעדעס מאָל, ווען יענער איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין.

זיצנדיק אַצינד אין האַלטאַנקע און קלערנדיק וועגן מאָרגנדיקן עקזאַמען און וועגן דער מוטער, אויס וועלכער מען לאַכט אָפּ, האָט ער געפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו זעען ניוטען (אַזוי האָבן די שומיכינס גערופן אַננאַ פעדאָראָוונען), צו הערן איר געלעכטער, דעם שאָרך פון איר קלייד... דערדאָזיקער פאַרלאַנג איז נישט ענלעך געווען צו דער ריינער, פּאָעטישער ליבע, וואָס איז אים געווען באַקאַנט פון די ראָמאַנען און וועגן וועלכער ער האָט געחלומט יעדן אָוונט, בשעת ער האָט זיך געלייגט שלאָפן; דאָס איז געווען אַ משונהדיקער, אומפאַרשטענדלעכער פאַרלאַנג, פאַר וועלכן ער האָט זיך געשעמט און מורא געהאַט, ווי פאַר עפּעס זייער נישט גוטס און נישט ריינס, אין וואָס ס'איז שווער זיך מודה צו זיין פאַר זיך אַליין...

— דאָס איז נישט קיין ליבע — האָט ער צו זיך גערעדט, — אין דרייסיקיעריקע און פאַרהייראַטע פאַרליבט מען זיך נישט... דאָס איז פּשוט אַ קליינטשיק אינטריגעלע... יאָ, אַן אינטריגעלע...

קלערנדיק וועגן דעם אינטריגעלע, האָט ער זיך דערמאַנט אָן זיין אומבאַזיגלעכער שעמעוודיקייט, אָן דעם, אַז ער האָט נישט קיין וואָנסן, אָן זיינע זומערשפּרענקלעך, שמאָלע אויגן. ער האָט זיך געפּרוווט שטעלן אינם דמיון באַנאַנד מיט ניוטען — נאָר דידאָזיקע פּאָר האָט אים אויסגעזען אוממעגלעך; דעמאָלט האָט ער געאיילט אויסצומאָלן זיך אַלס שיינעם, דרייסטן, שאַרפזיניקן, אָנגעטון לויט דער לעצטער מאָדע...

אין סאַמע צעפלאַקער פון זיינע פאַנטאַזיעס, בשעת ער איז געזעסן איינגעהויקערט אין אַ פינצטער ווינקעלע פון דער האַלטאַנקע און געקוקט אויף דער ערד, האָבן זיך פּלוצלינג דערהערט לייכטע טריט. עמעצער איז געשווינד געגאַנגען איבער דער אַלייע. באַלד זענען די טריט שטיל געוואָרן, און ביים אַריינגאַנג האָט אַ שימער געטון עפּעס ווייס.

— ס'איז דאָ עמעצער דאָ? — האָט אַ פרעג געטון אַ פרויענקול.

וואָלאָדיאַ האָט דערקענט דאָס קול און דערשראָקן אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— ווער איז דאָ? — האָט געפרעגט ניוטאַ, אַריינגייענדיק אין האַלטאַנקע. — אַך, דאָס זענט איר, וואָלאָדיאַ? וואָס טוט איר דאָ? איר

קלערט? אָבער ווי קען מען עס אַלץ איבערנעם קלערן, קלערן, קלערן... מען קען דאָך אַזוי אַרום פֿון זינען אַראָפּ!

וואַלאָדיאַ האָט זיך אויפגעהויבן און פֿאַרלוירן אַ קוק געטון אויף ניוטען. זי האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פֿון טייך-באָד. אויף אירע אַקסלען איז געהאָנגען אַ ליילעך און אַ האַריק האַנטוך, און פֿון אונטער דעם ווייס-זיידענעם טיכל אויפן קאָפּ האָבן אַפּערגעקוקט נאַסע האָר, צו-געקלעפּטע צום שטערן. פֿון איר האָט זיך געטראָגן אַ פֿייכטער קילער ריח פֿון טייך-באָד און מאַנדלזייף. פֿון שנעלן גאַנג האָט זי האַסטיק גע-עטעמט. דאָס אייבערשטע קנעפּעלע פֿון איר בלוזע איז געווען צעשפּי-לעט, אַזוי, אַז דער בחור האָט געזען אי דעם האַלז, אי די ברוסט.

— וואָס-זשע שווייגט איר? — האָט געפֿרעגט ניוטאַ, באַטראַכטנ-דיק וואַלאָדיען. — ס'איז נישט העפֿלעך צו שווייגן, ווען אַ דאַמע רעדט מיט אייך. סאַראַ שלימעזאַלניק איר זענט, פֿונדעסטוועגן, וואַלאָדיאַ! איר זיצט אַלץ, שווייגט, קלערט, ווי עפּעס אַ מין פֿילאָזאָף. אין אייך איז אינגאַנצן נישטאָ קיין לעבן און פֿייער! איר זענט אַן אָפּשטויסנדיקער, כ'לעבן... אין אייערע יאָרן דאַרף מען לעבן, שפּרינגען, פּלוידערן, זיין אַ קאַוואַלער, פֿאַרליבן זיך.

וואַלאָדיאַ האָט געקוקט אויפן ליילעך, וועלכעס ס'האָט אונטערגע-האַלטן אַ ווייסע, פּוכיקע האַנט, און געקלערט...

— ער שווייגט! — האָט ניוטאַ זיך געוואונדערט. — ס'איז זאָ-גאַר משונהדיק... הערט, זייט אַ מאַנספּאַרשוין! נו, גיט כאָטש אַ שמייכל! פֿוי, אַן אָפּשטויסנדיקער פֿילאָזאָף! — האָט זי זיך צעלאַכט. — און ווייסט איר, וואַלאָדיאַ, פֿאַרוואָס איר זענט אַזאַ שלימעזאַלניק? דערפֿאַר, וואָס איר גיט זיך נישט אָפּ מיט קיין פֿרויען. פֿאַרוואָס זענט איר נישט קיין קאַוואַלער? אמת, דאָ זענען קיין מיידלעך נישטאָ, אָבער אייך שטערט דאָך גאָרנישט אָפּצוגעבן זיך מיט דאַמען! פֿאַרוואָס זענט איר נישט, אַ שטייגער, מיין קאַוואַלער?

וואַלאָדיאַ האָט געהאָרכט און אין אַ שווערן, אָנגעשטרענגטן ישוב-הדעת זיך געקראַצט די שלייף.

— נאָר זייער שטאָלצע מענטשן שווייגן און האָבן ליב איינזאַמ-קייט, — האָט פֿאָרגעזעצט ניוטאַ, אַוועקרייסנדיק זיין האַנט פֿון דער שלייף. — איר זענט אַ בעל-גאווה, וואַלאָדיאַ. פֿאַרוואָס קוקט איר פֿון

אונטערן שטערן אַפער? באַוויליקט צו קוקן מיר גלייך אין פּנים אַריין! אָבער נו שוין, שלימעזאַלניק!

וואָלאָדיאַ האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן רעדן. ווילנדיק אַ שמייכל טון, האָט ער אַ צוק געטון מיט דער אונטערשטער ליפּ, אַ פינטל געטון מיט די אויגן און ווידער אַ צי געטון די האַנט צו דער שלייף.

— איך... איך האָב אייך ליב! — האָט ער אַרויסגערעדט.

ניוטאַ האָט פאַרחידושט אויפגעהויבן די ברעמען און זיך צע־לאַכט.

— וואָס הער איך?! — האָט זי אַרויסגעזונגען, ווי ס'זינגען אָפּערן־זינגער, בשעת זיי דערהערן עפּעס שרעקלעכס. — וויאַזוי? וואָס האָט איר געזאָגט? חזרט איבער, חזרט איבער...

— איך... איך האָב אייך ליב! — האָט וואָלאָדיאַ איבערגע־חזרט...

און שוין אָן שום אָנטייל פון זיין ווילן, נישט פאַרשטייענדיק גאָר־נישט און זיך נישט איבערלייגנדיק, האָט ער געמאַכט אַ האַלבן טריט צו ניוטען און זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, העכער פון דער דלאָניע. אין די אויגן בײַ אים האָט זיך אַ מיש געטון און ס'זענען אַרויסגעקומען טרערן, די גאַנצע וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויס, האָריק האַנטוך, וואָס האָט געשמעקט מיט טייך־וואַסער.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט ער דערהערט אַ פריילעך געלעכ־טער. — וואָס־זשע שווייגט איר? מיר ווילט זיך איר זאָלט רעדן! נו?

זעענדיק, אַז מען שטערט אים נישט צו האַלטן די האַנט, האָט וואָלאָדיאַ אַ בליק געטון אויף ניוטעס לאַכנדיקן פּנים און אומגעשיקט, אומבאַקוועם אָנגענומען זי מיט ביידע הענט בײַ דער טאַליע אַזוי, אַז די דלאָניעס פון זיינע ביידע הענט זענען זיך צונויפגעגאַנגען אויף איר רוקן ער האָט זי געהאַלטן מיט ביידע הענט בײַ דער טאַליע, און זי, — פאַר־וואָרפן די הענט צום נאַקן און באַווייזנדיק בשעת מעשה גריבעלעך אויף די עלנבויגנס, — האָט אונטערן טיכל פאַרריכט די פריזור און גערעדט מיט אַ רויק קול:

— מען דאַרף, וואָלאָדיאַ, זיין אַ פלינקער, אַ פריינדלעכער, אַ ליבער, און אַזוינער קאָן מען ווערן נאָר אונטער דער ווירקונג פון פרויען־

געזעלשאַפט פונדעסטוועגן, סאַראַ נישט גוט... ביין פּנים איר האָט. מען באַדאַרף רעדן, לאַכן... יאָ, וואָלאָדיאַ, זייט נישט קיין נזיר, איר זענט יינג און וועט נאָך באַווייזן אָנצופילאָזאָפירן זיך. נו, לאָזט מיך, כ׳וועל גיין. לאָזט־זשע!

זי האָט אָן אָנשטרענגונג באַפרייט איר טאַליע און איז, אונטער־זינגענדיק עפּעס, אַרויסגעגאַנגען פון האַלטאַנקע. וואָלאָדיאַ איז פאַרבליבן אַליין. ער האָט צוגעגלעט זיינע האָר, אַ שמייכל געטון און איז אַ מאָל דריי זיך דורכגעגאַנגען פון איין ווינקל אינם צווייטן. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטון. ער האָט געשפּירט אַן אומפאַרטראָגלעכע בושה, אַזוי, אַז ער האָט זיך אפילו גע־חידושט, אַז מענטשישע בושה קען דערגרייכן אַזאַ שאַרפקייט און קראַפט. פון בושה האָט ער געשמייכלט, געשעפּטשעט עפּעס אַזוינע אומבינדיקע ווערטער און געמאַכט פאַרשידענע העוויות. ער האָט זיך געשעמט, וואָס מען איז זיך מיט אים נאַר־וואָס באַגאַנגען, ווי מיט אַ יינגל, זיך געשעמט פאַר זיין אָפּהענטיקייט, אָבער בעיקר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דער־וועגט אָנצונעמען אַן אָרנטלעכע פרוי בײַ דער טאַליע, הגם סיי לויטן עלטער, סיי לויט זיינע אויסערלעכע אייגנשאַפטן, סיי לויט דער געזעל־שאַפטלעכער לאַגע, האָט ער, ווי אים האָט זיך געדאַכט, נישט געהאַט דע־רויף קיין שום רעכט.

ער איז אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעגאַנגען פון האַלטאַנקע און, נישט אומקוקנדיק זיך, אַוועקגעגאַנגען אין דער טיף פון גאָרטן, ווייט פון הויז.

„אַך, נאָר וואָס גיכער אַוועקפאָרן פון דאַנען! — האָט ער געקלערט, אָנכאַפּנדיק זיך באַם קאָפּ. — גאָט, נאָר וואָס גיכער!"

דער צוג, מיט וועלכן וואָלאָדיאַ מיט דער מוטער האָבן באַדאַרפט צו פאָרן, איז אָפּגעגאַנגען אַכט מיט פערציק מינוט. ס׳איז נאָך פאַרבליבן צום צוג בײַ אַ דריי שעה, נאָר ער וואָלט מיט פאַרגעניגן תיכּף אַוועקגעגאַנגען אויף דער סטאַציע, נישט וואַרטנדיק אויף דער מוטער.

אַרום אַכט אַ זייגער איז ער צוגעגאַנגען צום הויז. די גאַנצע פיגור זיינע האָט אויסגעדריקט אַנטשלאָסנקייט: וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין!

ער האָט באַשלאָסן אַריינצוגיין דרייסט, קוקן גלייך, רעדן הויך, נישט בעקוקט אויף גאָרנישט.

ער איז דורכגעגאַנגען די וועראַנדע, דעם גרויסן זאַל, דאָס גאַסט-צימער און דאָ זיך אָפּגעשטעלט, כדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. פונדאַנען האָט זיך געלאָזט הערן, ווי אינם שכנותדיקן עסצימער האָט מען געטרונקען טיי; מאַדאַם שומיכין, זיין מאַמע און ניוטאַ האָבן מכּוח עפּעס גערעדט און געלאַכט.

וואַלאַדיאַ האָט זיך צוגעהערט.

— כ׳פאַרזיכער אייך! — האָט גערעדט ניוטאַ — איך האָב מיינע אויגן נישט געגלייבט! ווען ער האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן זיך מיר אין ליבע, און אפילו, שטעלט זיך פאָר, מיך אָנגענומען בײַ דער טאַליע, האָב איך אים נישט דערקענט. און ווייסט איר, ער פאַרמאָגט אַ מאַניר! ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אין מיר פאַרליבט, איז אין זיין פּנים געווען עפּעס חיהשס, ווי בײַ אַ טשערקעס.

— טאַקע באמת! — האָט אויסגעשריגן די מוטער, פאַרגייענדיק זיך אין אַ צעצויגן געלעכטער, — טאַקע אמת! ווי ער דערמאַנט עס מיר דעם פאָטער זיינעם!

וואַלאַדיאַ האָט גענומען לויפן צוריק און איז אַרויסגעשפּרונגען אויף דער פרישער לופט.

„און וויאַזוי קענען זיי וועגן דעם רעדן אויפן קול! — האָט ער זיך געפּייניקט, פּאַטשנדיק מיט די הענט און מיט שרעק קוקנדיק אויפן הימל. — רעדן אַזוי הויך, קאַלטבלוטיק... און די מאַמע האָט געלאַכט... די מאַמע! גאָט מיינער, צוואָס האָסטו מיר געגעבן אַזאַ מאַמע? נאָך-וואָס?

גאָר אַריינגיין אין שטוב איז געווען נייטיק, וואָס דאַרט ס׳זאָל נישט זיין. ער איז זיך דורכגעגאַנגען אַ מאָל דריי איבער דער אַלעיע, האָט זיך אַ ביסל באַרויקט און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

— וואָס קומט איר עפּעס נישט אין דער צייט טרינקען טיי? — האָט די מאַדאַם שומיכין שטרענג אַ פרעג געטון.

— איך אַנטשולדיק זיך, איך... איך דאַרף שוין פאָרן, — האָט ער געמורמלט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן. — מאַמע, ס׳איז אַכט אַ זייגער.

— פאַר אַליין, מיין ליבער, — האָט מיט אַ מיד קול געזאָגט די מוטער. — איך פאַרבלייב נעכטיקן בײַ לילין. זיי געזונט, מיין פריינד... לאָז כ׳וועל דיך איבערצלמען...

זי האָט איבערגעצלמט דעם זון, און ווענדנדיק זיך צו ניוטען, אַ זאָג געטון אויף פראַנצויזיש:

— ער איז אַ ביסל ענלעך צו לערמאָנטאָוון... נישט אמת?

אָפּגעזעגנט זיך ווי ס׳איז און, נישט טוענדיק קיין קוק אויף קיי־געמס פנים, איז וואָלאָדיאַ אַרויסגעגאַנגען פון עסצימער. אין צען מינוט אַרום האָט ער שוין געשפּרייזט אויפן וועג צו דער סטאַציע און איז גע־ווען דערפון צופרידן. ער האָט שוין אַצינד נישט געשפירט קיין שרעק און קיין בושה, אים האָט זיך געעטעמט לייכט און פריי.

אַ האַלבע וויאָרסט פאַר דער סטאַציע האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין בײַם וועג און זיך פאַרקוקט אויף דער זון, וואָס איז שוין מער ווי אַ העלפט געווען באַהאַלטן הינטערן פּלאַנט. אויף דער סטאַציע האָט זיך שוין וואו־נישט־וואו אָנגעצונדן פייער, ס׳האָט אַ שימער געטון איין טריב, גרין פלעמל, נאָר די באַן האָט מען נאָכנישט געזען. וואָ־לאָדיען איז אָנגענעם געווען צו זיצן, נישט רירן זיך און צוהאָרכן זיך, ווי ביסלעכווייז איז אָנגעקומען דער אָוונט. די טונקלקייט פון דער האַלטאַנקע, די טריט, דער פרישער ריח פון טייך־וואַסער, דאָס געלעכטער און די טאַליע — דאָס אַלצדינג איז מיט אַן איבעראַשנדיקער בולטקייט אויפגע־קומען אין זיין דמיון און דאָס אַלץ איז שוין נישט געווען אַזוי שרעקלעך און באַדייטנדיק, ווי פריער...

„נאַרישקייטן... זי האָט נישט אַוועקגעכאַפּט די האַנט און גע־לאַכט, בשעת איך האָב זי געהאַלטן בײַ דער טאַליע, — האָט ער גע־קלערט: — הייסט עס, איר איז עס געפעלן. ווען איר וואָלט דאָס געווען דערווידער, וואָלט זי זיך צעבייזערט“...

און וואָלאָדיען איז אַצינד געוואָרן פאַרדראָסיק, וואָס דאָרטן, אין האַלטאַנקע, האָט ער נישט פאַרמאָגט גענוג דרייסטקייט. אים איז אַ שאָד געוואָרן, וואָס ער פאָרט אַזוי נאַריש אַוועק, און איז זיכער געווען, אַז ווען יענער טראַף זאָל זיך נאָכאַמאָל איבערחזרן, וואָלט ער שוין געווען דרייסטער און פשוטער געקוקט אויף דער זאַך. און ס׳זאָל זיך איבערחזרן אַזאַ געלעגנהייט איז נישט שווער. בײַ די שומיכינס נאָכן נאַכטעסן שפּאַ־

צירט מען לאַנג. אויב וואָלאָדיאַ זאָל גיין שפּאַצירן מיט ניוטען איבערן פינצטערן גאָרטן, אָט — איז שוין אַ געלעגנהייט!

„כ'וועל זיך צוריק אומקערן, — האָט ער געטראַכט — און וועל אוועקפאָרן מאָרגן מיטן פרימאָרגנדיקן צוג... כ'וועל זאָגן, אַז איך האָב צום איצטיקן צוג פאַרשפּעטיקט".

און ער האָט זיך אומגעקערט... די מאַדאַם שומיכין, זיין מוטער, ניוטע און איינע פון די פּלימעניצעס זענען געזעסן אויף דער טעראַסע און האָבן געשפּילט אין וויסט. ווען וואָלאָדיאַ האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט דעם צוג, האָבן זיי זיך באַאומרויקט, אַז ער זאָל נאָר מאָרגן נישט פאַרשפּעטיקן צום עקזאַמען, און אים געעצהט אויפצושטיין וואָס פריער. די גאַנצע צייט ביזוואַנען זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן, איז ער געזעסן אין אַ זייט, האָט דאָרשטיק באַטראַכט ניוטען און געוואַרט... אין זיין קאָפּ איז שוין געווען גרייט אַ פּלאַן: ער וועט צוגיין אינדערפינצטער צו ניוטען, וועט זי אָננעמען בײַ דער האַנט, נאָכדעם וועט ער זי אַרומנעמען; רעדן באַדאַרף מען גאָרנישט, מחמת ביידן וועט אַלץ זיין פאַרשטענדלעך אָן שום געשפּרעכן.

אָבער נאָכן נאַכטעסן זענען די דאַמען נישט געגאַנגען שפּאַצירן אין גאָרטן און האָבן ווייטער געשפּילט אין קאָרטן. זיי האָבן געשפּילט ביז איינס בײַנאַכט און זענען זיך נאָכדעם פונאַנדערגעגאַנגען שלאָפן.

„ווי דאָס אַלץ איז נאַריש! — האָט וואָלאָדיאַ געקלערט מיט פאַרדראָס, בשעת ער האָט זיך געלייגט שלאָפן. — נאָר נישטקשה, כ'וועל אָפּוואַרטן דעם מאָרגנדיקן טאָג... מאָרגן ווידער אין דער האַלטאַנקע. נישטקשה"...

ער האָט זיך נישט באַמיט איינצושלאָפן, נאָר געזעסן אויפן געלעגער, אַרומגענומען די קניען מיט די הענט און געקלערט. דער געדאַנק וועגן עקזאַמען איז אים געווען דערווידער. ער האָט שוין דעצידירט בײַ זיך, אַז מען וועט אים אויסשליסן און אַז אין דערדאָזיקער אויסשליסונג איז נישטאָ קיין שום שרעקלעכס; פאַרקערט, ס'איז אַלץ זייער גוט, אפילו זייער. מאָרגן וועט ער זיין פריי, ווי אַ פויגל, וועט אָנטון ציווילע קליידונג, וועט רייכערן אָפן, וועט פאָרן דאָ אַהער צו ניוטען, ווען ס'וועט זיך אים גלוסטן; און ער וועט שוין נישט זיין קיין גימנאַזיסט, נאָר אַ „יונגערמאַן". און דאָס איבעריקע, וואָס מען רופט קאַריערע און צוקונפט,

איז אַזוי קלאָר: וואָלאָדיאַ וועט אַריינטרעטן אין מיליטער אַלט פּרייוויליקער, ער קאָן ווערן אַ טעלעגראַפיסט, אָדער גאָר אַריינטרעטן אין אַן אַפּטייק און זיך דערדינען ביז פּראָוויזאָר... ס׳פעלן שטעלעס? ס׳איז אַריבער אַ שעה, אַ צווייטע, און ער איז אַלץ געזעסן און האָט געקלערט... אַרום דריי, ווען ס׳האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, האָט די טיר פאָרזיכטיק אַ סקריפּע געטון, און אין צימער איז אַריינגעקומען זיין מוטער.

— דו שלאָפסט נישט? — האָט זי געפרעגט, גענעצנדיק. — שלאָף, שלאָף, איך באַדאַרף דאָ אַ מינוט... איך וועל נאָר נעמען די טראָפּנס.

— נאָכוואָס דאַרפט איר?

— די אומגליקלעכע לילי האָט ווידער ספּאַזמען. שלאָף, קינד מיינס, דו האָסט מאָרגן דעם עקזאַמען...

זי האָט אַרויסגענומען פון אַלמערל אַ פלעשעלע מיט עפּעס, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט איבערגעלייענט דאָס עטיקעטל און איז אַרויסגעגאַנגען.

— מאַריאַ לעאָנטיעוונאַ, דאָס זענען נישט יענע טראָפּנס! — האָט ער אין אַ מינוט אַרום דערהערט אַ פרויען־קול. — דאָס איז קאָנוואַליע, און לילי בעט מאָרפינע. אייער זון שלאָפט? בעט אים, ער זאָל אָפּזוכן...

דאָס איז געווען ניאַטעס קול. וואָלאָדיען איז דורכגעלאָפן אַ קעלט. ער האָט געשווינד אָנגעטון די הויזן, אַרויפגעוואָרפן דעם שינעל אויף די אַקסלען און צוגעגאַנגען צו דער טיר.

איר פאַרשטייט? מאָרפינע! — האָט מיט אַ פליסטער דערקלערט ניוטאַ. — ס׳דאַרף זיין אָנגעשריבן אויף לאַטייניש. וועקט אויף וואָלאָדיען, וועט ער געפינען...

די מוטער האָט אויפגעעפנט די טיר, און וואָלאָדיאַ האָט דערזען ניוטען. זי איז געווען אין דער אייגענער בלוזע, וואָס זי איז זיך געגאַנגען באָדן. די האָר זענען בא איר געווען נישט צוגעקעמט, צעוואָרפן אויף די אַקסלען. דאָס פּנים — פאַרשלאָפן, פאַרשאָטנט פון דער פאַרטאָג־שיין...

— אָט וואָלאָדיאַ שלאָפט נישט... האָט זי געזאָגט. — וואָלאָדיאַ,

ביט אַ זוך, מײַן ליבער, אין אַלמער די מאָרפינע! אַ שטראָף מיט דער־דאָזיקער לילי... אײביק איז איר עפּעס.

די מוטער האָט עפּעס אַרויסגעמורמלט, אַ געגעץ געטון און איז וועקגעגאַנגען.

— זוכט־זשע, — האָט ניוטאַ געזאָגט. — וואָס שטייט איר?

וואָלאָדיאַ איז צוגעגאַנגען צום אַלמער, האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די קני און אָנגעהויבן איבערקלײַבן די פלעשעלעך און די שעכטעלעך מיט רפואות. די הענט האָבן אים געציטערט, און אין דער ברוסט און אינם בויך איז געווען אַזאַ געפיל, ווי איבער אַלע זײַנע געדערים וואָלטן געלאָפן קאַלטע פאַליעס. פונם ריח פון עטער, קאַרבאָל־זויער און אַנדערע קרײַטעכצער, וועלכע ער האָט אָן שום באַדערפעניש געכאַפּט מיט די ציטערנדיקע הענט און וועלכע האָבן זיך דערפון צעשאָטן, איז אים געווען דושנע און ס'האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ.

„דאַכט זיך, די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען, — האָט ער געקלערט. — דאָס איז גוט... גוט"...

— נו שוין? — האָט צעצויגן געפרעגט ניוטאַ.

— באַלד... אָט דאָס, דאַכט זיך, איז מאָרפינע... — האָט וואָלאָדיאַ געזאָגט איבערלייענענדיק אויף איינער פון די סיגנאַטורן דאָס וואָרט „morph"... — ביטע!

ניוטאַ איז געשטאַנען אין דער טיר אַזוי, אַז איין פוס אירער איז געווען אין קאָרידאָר, און דער צווייטער אין וואָלאָדיעס צימער. זי האָט פאַרריכט אירע האָר, וועלכע ס'איז שווער געווען צו פאַרריכטן — אַזוי געדיכט און לאַנג זענען זיי געווען! — און צעשטרייט געקוקט אויף וואָלאָדיען. בײַ דער קנאַפּער שיין, וואָס איז אַרײַנגעגאַנגען אין צימער פון דעם ווייסן, נאָר פון דער זון נאָך נישט באַלויכטענעם, הימל, האָט זי — אין דער גערוימער בלוזע, אַ פאַרשלאָפענע, מיט צעלאָזטע האָר, — אויסגעוויזן וואָלאָדיען אַ רייצנדיקע, אַ פּראַכטפולע. אַ פאַרכישופטער, ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף און מיט תענוג דערמאַנענדיק זיך, ווי ער האָט אַרומגענומען דעמדאָזיקן וואונדערלעכן קערפּער אין האַלטאַנקע, האָט ער איר דערלאַנגט די טראָפּנס און אַ זאָג געטון:

— איר זענט אַזאַ...

— וואָס?

זי איז אַרייַנגעגאַנגען אין צימער.

— וואָס ? — האָט זי געפרעגט, שמייכלענדיק.

ער האָט געשוויגן און געקוקט אויף איר, נאָכדעם, אַזויווי דעמאָלט אין אַלטאַנקע, אָנגענומען איר האַנט... און זי האָט געקוקט אויף אים, געשמייכלט און געוואַרט: וואָס וועט ווייטער זיין ?

— איך האָב אייך ליב... — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט.

זי האָט אויפגעהערט צו שמייכלען, אַ קלער געטון און געזאָגט:

— וואַרט צו, דאַכט זיך, ס׳גייט עמעצער. אַך !

— נאַ דיר דידאָזיקע גימנאַזיסטן ! — האָט זי געזאָגט מיט אַ האַלב קול, צוגייענדיק צו דער טיר און אַרויסקוקנדיק אין קאָרידאָר אַריין. — ניין, מען זעט נישט קיינעם...

זי האָט זיך אומגעקערט...

נאָכדעם האָט זיך וואָלאָדיען אויסגעוויזן, אַז דאָס צימער, ניוטאַ, דער באַגינען און ער גופא — אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין געפיל פון שאַרפן, אומגעוויינלעכן, נ כנישט געוועזענעם גליק, פאַר וועלכן ס׳איז כדאי אַוועקצוגעבן דאָס גאַנצע לעבן און אַוועקגיין אויף אייביקע ענויים; נאָר ס׳איז אַריבער אַ האַלבע מינוט, און דאָס אַלץ איז פּלוצלינג פאַרשוואונדן. וואָלאָדיאַ האָט נאָר בלויז געזען אַ פול, נישט שיין פּנים, פאַרקרומט פון אַן עקל-אויסדרוק, און אַליין האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַן עקל צו דעם, וואָס איז פאָרגעקומען.

— איך דאַרף פונדעסטוועגן גיין, — האָט ניוטאַ געזאָגט, מיט אַ זיך מיאוסנדיק געפיל באַקוקנדיק וואָלאָדיען. — סאַראַ נישט שיינער, נעבעכדיקער... פע, פּאַסקודנע קאָטשערל !

ווי אומגעלומפּערט האָבן אַצינד אויסגעזען וואָלאָדיען אירע לאַנגע האָר, די גערוימע בלוזע, אירע טריט, די שטימע !...

„פּאַסקודנע קאָטשערל... — האָט ער געטראַכט נאָכדעם, ווי זי איז אַוועקגעגאַנגען. — איך בין טאַקע באמת פּאַסקודנע... אַלץ איז פּאַסקודנע“.

אינדרויסן איז שוין אויפגעגאַנגען די זון, ס׳האָבן הויך געזונגען די פייגל; מ׳האָט געהערט, ווי אין גאָרטן האָט געשפּרייזט דער גערטנער און ווי ס׳האָט געסקריפּעט זיין טאָטשקע... און אַ ביסל דערנאָך

האָט זיך דערהערט אַ מעקען פֿון קי און קלאַנגען פֿון אַ פּאַסטוך־פּייפֿל. די זונען־שיין און די קלאַנגען האָבן דערציילט, אַז ערגעץ אויף דער־דאָזיקער וועלט איז פֿאַראַן אַ לעבן אַ ריינס, אַ פּרעכטיקס, אַ פּאָעטישס. אָבער ווו איז עס? וועגן דעם האָט וואָלאָדיען קיינמאָל נישט דער־ציילט נישט די מוטער, נישט די אַלע, וואָס האָבן אים אַרומגע־רינגלט.

ווען דער לאָקיי האָט אים געוועקט צום פֿרימאָרגן־צוג, האָט ער זיך געמאַכט שלאָפֿן...

„נו, כאַפּט אַלץ דער רוח!" — האָט ער געקלערט.

אויפֿגעשטאַנען פֿון געלעגער איז ער אַרום עלף. צוקעמענדיק זיך באַם שפּיגל, האָט ער געקוקט אויף זיין נישט שיין פּנים, וואָס איז בלאַס געוועזן פֿון דער נישט געשלאָפֿענער נאַכט און געטראַכט:

„פֿולשטענדיק ריכטיק... אַ פּאַסקודנע קאָטשערל".

ווען די מוטער האָט אים דערזעען און זיך דערשראָקן, וואָס ער איז נישט אויפֿן עקזאַמען, האָט וואָלאָדיאַ געזאָגט:

— איך בין פֿאַרשלאָפֿן, מאַמאַ... נאָר באַאומרויקט זיך נישט, איך וועל צושטעלן אַ מעדיציניש צייגניש.

די מאַדאַם שומיכין און ניוטאַ האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט אַרום איינס אַ זייגער. וואָלאָדיאַ האָט געהערט, ווי די אויפֿגעוואַכטע מאַדאַם שומיכין האָט מיט אַ געקלאַנג געעפֿנט באַ זיך דאָס פֿענצטער, ווי אויף איר גראָבן קול האָט אָפּגעענטפֿערט ניוטאַ מיט אַ שיטנדיק געלעכטער. ער האָט גע־זען, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן ציען צום פֿרישטיק אַ שערענגע פּלימעני־צעס און קעסט־קינדער (אין דער לעצטער גרופּע איז אויך געווען זיין מוטער), ווי ס'האָט אַ שימער געטון דאָס אָפּגעוואַשענע, לאַכנדיקע פּנים פֿון ניוטען און לעבן איר די שוואַרצע ברעמען און באָרד פֿון דעם אָקאָרשט צוגערייזטן אַרכיטעקט.

ניוטאַ איז געגאַנגען אין אַ קליינרוסישן קאָסטיום, וואָס האָט איר לחלוטין נישט געפּאַסט און געמאַכט זי אומגעשיקט; דער אַרכיטעקט האָט זיך געוויצלט באַנאַל און פֿלאַך; אין די קאָטלעטן, וואָס מען האָט דערלאַנגט באַם פֿרישטיק, איז געווען זייער אַ סך ציבעלעס — אַזוי האָט זיך אויסגעוויזן וואָלאָדיען. אים האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ניוטאַ האָט בכיוון הויך געלאַכט און זיך אומגעקוקט אין זיין זייט, בכדי דער־

מיט צו געבן אים צו פאַרשטיין, אַז די דערנערונג פון דער נאַכט באַ-אומרויקט זי אַבסאָלוט נישט און אַז זי באַמערקט נישט די אָנוועזנהייט פון פּאַסקודנעם קאָטשערל באַם טיש.

פיר אַ זייגער איז וואָלאָדיאַ געפאָרן מיט דער מוטער אויף דער סטאַציע. די אומריינע זכרונות, די אומגעשלאָפענע נאַכט, די פאַרשטייענדיקע אויסשליסונג פון גימנאַזיע, די געוויסנסביסן — דאָס אַלדינג האָט אין אים אַצינד געוועקט אַ שווערן, מרהשחורהדיקן כעס. ער האָט געקוקט אויף דער מוטערס מאָגערן פּראָפיל, אויף איר קליין נעזל, אויפן וואַטער-פרוף, וואָס ניוטאַ האָט איר געשענקט, און געמורמלט:

— נאָכוואָס פודרירט איר זיך? דאָס פאַסט דאָך נישט פאַר אייערע יאָרן! איר ציט אויף זיך אַרויף שיינקייט, באַצאָלט נישט קיין פאַרשפּיל-געלט, רויכערט פרעמדן טיטון... ס'איז אָפּשטויסנד! איך האָב אייך נישט ליב... כ'האָב נישט ליב!

ער האָט זי באַליידיקט, און זי האָט איבערגעשראָקן געפירט מיט אירע אייגלעך, געפּאַטשט מיט די הענטלעך און געשעפּטשעט מיט שרעק:

— וואָס רעדסטו, מיין פריינד? גאָט מיינער, דער קוטשער וועט דערהערן, שוויג שטיל, דער קוטשער וועט דאָך דערהערן! ער הערט דאָך אַלץ!

— איך האָב נישט ליב... כ'האָב נישט ליב! — האָט ער פאַר-געזעצט, שטיקנדיק זיך, — איר זענט אַן אוממאָראַלישע, אַ האַרצלאָזע... וואַגט נישט צו טראָגן דעמדאָזיקן וואַטערפרוף! איר הערט? אַ נישט וועל איך אים צערייסן אויף פיצלעך...

— באַדענק זיך, קינד מיינס! — האָט זיך די מוטער צעוויינט. — דער קוטשער וועט דערהערן.

— און וואו איז מיין פאָטערס פאַרמעגן? וואו איז אייער געלט? איר האָט אַלץ פאַרשווענדט! מיר איז נישט קיין חרפּה פאַר מיין אָרעמ-קייט! נאָר ס'איז מיר אַ חרפּה, וואָס כ'האָב אַזאַ מוטער... ווען מיינע חברים פרעגן זיך אויף אייך, מוז איך שטענדיק רויט ווערן.

מיט דער באַן איז אויסגעקומען צו פאָרן ביז דער שטאָט צוויי סטאַציעס. די גאַנצע צייט איז וואָלאָדיאַ געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָר-מע און האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. אים האָט זיך נישט גע-

גלויסט אַריינצוגיין אין וואַגאָן, מחמת דאָרטן איז געזעסן די מוטער, וועל־כע ער האָט געהאַסט. ער האָט פיינט געהאַט זיך אַליין, די קאָנדוקטאָרס, דעם רויך פון לאָקאָמאָטיוו, די קעלט, וועלכע ער האָט שולדיק געמאַכט אין זיין שוידערן... און וואָס שווערער ס'איז אים געוואָרן אויף דער נשמה, אַלץ שטאַרקער האָט ער געשפּירט, אַז ערגעץ־ווו אויף דער וועלט בּאַ געוויסע מענטשן איז פאַרהאַן אַ לעבן אַ ריינס, אַן איידלס, אַ וואַ־רעמס, אַ פּרעכטיקס, אַ לעבן — פול מיט ליבשאַפט, צערטלעכקייט, פריילעכקייט און רחבות... ער האָט דאָס געפילט און געבּענקט אַזוי שטאַרק, אַז איין פאַסאַזשיר האָט בּאַזונדער אויפמערקזאַם אַ קוק געגעבּן אים אין געזיכט אַריין און געפרעגט:

— אַפּנים, אייך טוען ווי די ציין?

אין שטאָט האָט די מוטער מיט וואָלאָדיען געוווינט בּאַ מאַריאַ פּעטראָווגען, — אַ דאַמע אַן אַריסטאָקראַטין, וואָס האָט געהאַלטן אַ גרויסע דירה און פון איר האָט זי פאַרדונגען לאָקאַטאָרן. די מוטער האָט פאַרנומען צוויי צימערן: אין איינעם — מיט פענצטער, וואו ס'איז געשטאַנען איר בעט און אויף דער וואַנט זענען געהאָנגען צוויי בּילדער אין גאָלדענע ראַמען, האָט זי אַליין געוווינט, און אינם צווייטן, דער־בּייִקן, קליינעם און פינצטערן, האָט געוווינט וואָלאָדיאַ. דאָ איז געשטאַ־נען אַ סאָפע, אויף וועלכער ער איז געשלאָפן, און אַ חוץ דער דאָזיקער סאָפע איז נישט געווען קיין שום אַנדער מעבּל. דאָס גאַנצע צימער איז געווען פאַרנומען מיט געפאָכטענע קוישן מיט אָנטועכץ, שעכטלעך פון הוטן און כּלערליי אַלטוואַרג, וואָס די מוטער האָט צוליב עפּעס גע־זאַמלט. די אויפגאַבּן פלעגט וואָלאָדיאַ צוגרייטן אין דער מוטערס צימער אָדער אין דעם „זאַל“ — אַזוי האָט מען אָנגערופן דאָס גרויסע צימער, וואוהין אַלע שכנים פלעגן זיך צונויפגעקומען בּשעתן מיטאָג, און אין די אָוונטן.

געקומען אַהיים, האָט וואָלאָדיאַ זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע און זיך אַרומגעדעקט מיט דער קאָלדרע, כּדי איינצוגעמען דאָס שוידערן. די שעכטלעך פון הוטן, די קוישן און דאָס אַלטוואַרג האָבּן אים דער־מאָנט, אַז ער האָט נישט קיין אייגן צימער, קיין מקום מנוחה, וואו וואָלט זיך געקאָנט בּאַהאַלטן פון דער מאַמען, פון אירע געסט און פון קולות, וואָס האָבּן זיך איצט דערטראָגן פון דעם „זאַל“; דאָס רענצל

די ביכער, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אין די ווינקלען, האָבן אים דערמאַנט אַן עקזאַמען, אויף וועלכן ער איז נישט געווען... אים איז איבער עפּעס — גאָר נישט אויפן אָרט — געקומען אויפן זכרון מעגטאָן, וואו ער האָט געוואוינט מיטן געשטאָרבענעם פאָטער, ווען ער איז אַלט געווען זיבן יאָר; ס׳האָט זיך אים דערמאַנט ביאַריץ און די צוויי מיידעלעך, די ענגלענדערינס, מיט וועלכע ער איז אַרומגעלאָפן אויפן זאַמד... אים האָט זיך פאַרגלוסט אויפצופרישן אין זכרון דעם קאָליר פונם הימל און ים, די הייך פון די כוואַליעס און זיין דעמאָלטיקע שטימונג, נאָר דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. די ענגלישע מיידעלעך האָבן דורכגעשימערט אין זיין דמיון, ווי לעבעדיקע, אָבער אַלעס איבעריקע האָט זיך צונויפגעמישט און איז אָן אַ סדר צעשוואומען געוואָרן...

„ניין, דאָ איז קאַלט", — האָט וואָלאָדיאַ אַ קלער געטון; ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעטון דעם שינעל און איז אַריינגעגאַנגען אין דעם „זאַל".

אין דעם „זאַל" האָט מען געטרינקען טיי. באַם סאַמאָוואַר זענען געזעסן דריי פּערזאָן: זיין מוטער, אַ לערערין פון מוזיק — אַ זקנה מיט שילדקרעטישע פּענסנע — און אַוגוסטין מיכאַילאָוויטש, אַ באַיאָרטער, זייער דיקער פראַנצויז, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אין אַ פאַרפום-פאַבריק.

— איך האָב היינט נישט געגעסן קיין מיטאָג, — האָט גערעדט די מוטער. — מען דאַרף שיקן די דינסט נאָך ברויט.

— דוניאַש! — האָט אַ געשריי געטון דער פראַנצויז.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ווירטין האָט די דינסט ערגעץ-וואו אַוועקגעשיקט.

— אָ, דאָס מאַכט גאָרנישט אויס, — האָט געזאָגט דער פראַנצויז, ברייט שמייכלענדיק. — איך גיי באַלד אַליין צו נאָך ברויט. אָ, ס׳מאַכט נישט!

ער האָט אַוועקגעלייגט זיין שטאַרקן, שטינקענדיקן ציגאַר אויף אַן אָנגעזעען אָרט, האָט אָנגעטון דעם קאַפּעלוש און איז אַרויסגעגאַנגען. נאָך זיין אַוועקגאַנג האָט וואָלאָדיאַס מוטער אָנגעהויבן דערציילן דער מוזיק-לערערין וועגן דעם, ווי זי האָט פאַרבראַכט באַ די שומיכינס און ווי גוט מען האָט זי דאָרטן אויפגענומען.

— לילי שומיכינאַ איז דאָך מיינס אַ קרובהטע... — האָט זי גע-

זאָגט. — איר פאַרשטאָרבענער מאַן, גענעראַל שומיכין, האָט אָנגעהערט מיין מאַן אַ קוזין. און די אַליין איז אַ געבוירטיקע באַראָנעסין קאָלב. . .

— מאַמע, דאָס איז נישט אמת! — האָט צערייצט אַרויסגעזאָגט וואַלאָדיאַ — נאָכוואָס זאָגן ליגנט?

ער האָט אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז די מוטער זאָגט דעם אמת; אין איר דערציילונג וועגן גענעראַל שומיכין און דער געבוירטיקער פרינצעסין קאָלב איז נישט געווען קיין איין וואָרט ליגנט, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער דאָך געשפּירט אַז זי זאָגט ליגנט. דער שקר האָט זיך געשפּירט אין איר אַרט רעדן, אינם אויסדרוק פון פּנים, אינם בליק, אין אַלעמען.

— איר זאָגט ליגנט! — האָט וואַלאָדיאַ איבערגעחזרט און אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אין טיש אַריין מיט אַזאַ כּוח, אַז דאָס גאַנצע געפעס האָט אַ ציטער געטון און באַ דער מוטער האָט זיך צעשפּריצט די טיי. — צוליב וואָס דערציילט איר וועגן גענעראַלן און באַראָנעסינס? דאָס אַלץ איז שקר!

די מוזיק־לערערין האָט זיך פאַרלוירן און אָנגעהויבן הוסטן אין טיכל אַריין, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז זי האָט זיך פאַרקרעקט, און די מוטער האָט זיך צעוויינט.

„וואוהין אַוועקגיין?" — האָט אַ קלער געטון וואַלאָדיאַ.

אויף דער גאַס איז ער שוין געווען; גיין צו די חברים איז אַ בושה. ווידער זענען אים — נישט אויפן אָרט — געקומען אויפן זכּרון די צוויי קליינע ענגלענדערינס. ער איז זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבער דעם „זאַל" און איז אַריינגעגאַנגען אין אַווגוסטין מיכאַילאָוויטשס חדר. דאָ האָט זיך שטאַרק געשפּירט עטער־אייל און גליצערין־זייף. אויפן טיש, אויף די פענצטער און אפילו אויף די שטולן איז געווען אָנגעשטעלט אָן אַ שיעור פלעשעלעך, גלעזעלעך און כּוסהלעך מיט פאַרשידנפאַרביקע פליסיקייטן. וואַלאָדיאַ האָט גענומען פון טיש אַ ציישונג, האָט זי אויפגעוויקלט און איבערגעלייענט דאָס קעפּל: „פיגאַראָ". די ציישונג האָט אַרויסגעגעבן פון זיך עפּעס אַ מין שטאַרקן און אָנגענעמען ריח. נאָכדעם האָט ער גענומען פון טיש אַ רעוואָלווער. . .

— לאָזט צורו, לייגט נישט קיין אַכט! — האָט אין שכנותדיקן צימער די מוזיק־לערערין געטרייסט זיין מוטער. — ער איז נאָך אַזוי

יינג. יונגעלייט אין זייגע יאָרן דערלויבן זיך תמיד איבעריקס. דערמיט מוז מען שלום מאַכן.

— ניין, יעווגעניאַ אַנדרעיעווגאַ, ער איז צופיל פאַרדאָרבן! — האָט די מוטער גערעדט מיט אַ ניגון. — ער האָט נישט איבער זיך קיין עלטערן, און איך בין שוואַך און קאָן גאָרנישט מאַכן. ניין, איך בין אומגליקלעך!

וואָלאָדיאַ האָט אַריינגעלייגט דאָס רערל פון רעוואָלווער אין מויל אַריין, האָט אָנגעטאַפּט עפּעס אַזוינס, ענלעכס צו אַ העגדל, אָדער אַ הינטל, און אַ קוועטש געטון מיטן פינגער... דערנאָך האָט ער אָנגעטאַפּט נאָך עפּעס אַ צאַפּנדל און נאָכאַמאָל אַ קוועטש געטון. אַרויסגענומען דאָס רערל פון מויל, האָט ער עס אָפּגעווישט אָן דער פּאָלע פון שינעל און באַקוקט דעם שלאָס; ער האָט ביז איצט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט גענומען אין די הענט קיין געווער...

— דאַכט, זיך, מען דאַרף דאָס אויפהייבן... — האָט ער זיך משער געווען. — יאָ, דאַכט זיך...

אין „זאַל" איז אַריינגעקומען אַווגוסטין מיכאַיליטש און, שטאַרק לאַכנדיק, אָנגעהויבן צו דערציילן עפּעס. וואָלאָדיאַ האָט נאָכאַמאָל אַריינגעלייגט דאָס רערל אין מויל אַריין, צוגויפגעדריקט עס מיט די ציין און אַ קוועטש געטון עפּעס מיטן פינגער. ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָס... עפּעס האָט מיט אַ מוראדיקער קראַפט אַ קלאַפּ געטון וואָלאָדיען איבערן קאַרק, און ער איז אַנידערגעפאַלן אויפן טיש, מיטן פנים גלייך אין די פלעשעלעך און כוסהלעך. נאָכדעם האָט ער דערזעען, ווי זיין געשטאָרבענער פאָטער, אין אַ צילינדער מיט אַ ברייטער, שוואַרצער באַנד, וועלכער, האָט אין מענטאָן געטראָגן טרויער נאָך עפּעס אַ דאַמע, האָט אים פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט, און זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן פליען אין עפּעס אַ מין געוואַלטיק פינצטערן, טיפן אָפּגרונט.

דערנאָך האָט זיך אַלץ אויסגעמישט און איז פאַרשוואונדן געוואָרן...